STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03527

FUN SHTETL BIZ NORMANDYE

Chaim Plotkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים פּלאָטקין

פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע

דעם טאַלאַנט פּאָעט —
י. [illegible]
[illegible] —
חיים פלאַטקין
87

חיים פלאַטקין

פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע

דערציילונגען

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל
תשמ"ח — 1987

חיים פלוטקין

מהעיירה עד נורמנדיה

סיפורים

CHAIM PLOTKIN

FROM THE SHTETL TO NORMANDY

Stories

חיים פלאָטקין

פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע

דערציילונגען

בילדער געצייכנט פון יאָני פּײַן

©

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב,
רחוב איתמר בן־אבי 4, ת. ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi st., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

Printed in Israel, 1987 נדפס בישראל,

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טלפון 372062

חיים פלאָטקין

אליעזר וויזעל

דער מחבר און זײַן טעמאַטיק

סײַ אין ליטעראַטור און סײַ אין לעבן איז „פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע" דער מהלך אַ ווײַטער. ס'איז נישט די זעלבע טעמאַטיק. ס'איז נישט דער זעלבער טאָן. ס'האַנדלט זיך אין צוויי באַזונדערע וועלטן. די ערשטע איז פול מיט אימה און בענקשאַפט, די אַנדערע איז פול מיט געררויש און געראַנגל. ס'איז אויך פאַראַן אַ דריטע — אַמעריקע — דאָס לאַנד פון פּליטים און אימיגראַנטן וואָס זענען געקומען פאַרוויקלעכן צעפלאַקערטע חלומות אין דער נייער וועלט פון אומענדלעכע מעגלעכקייטן.

לויט זײַנע דערציילונגען, זעט אויס אַז דער מחבר, חיים פלאַטקין — אַ הויך־באַגאַבטער דיכטער און נאָוועליסט — שרײַבט פון פערזענלעכער דערפאַרונג. יאָ, ער שטאַמט פון רוזשאַן; יאָ, ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע; יאָ, ער האָט געקעמפט אין נאָרמאַנדיע. איז דאָס דאָזיקע בוך טאַקע אַ במעט־אויטאָביאָגראַפיע וואָס ציט זיך, ווי אַ לירישער ניגון, צווישן ווײַטן און נאָענטן אַמאָל.

כ'בין זיך מודה ומתוודה: כ'קאָן נישט קאָמענטירן די רײַן־אַמעריקאַנער קאַפּיטלען. זיי זענען מיר פרעמד. אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן בין איך נאָך געגאַנגען אין חדר העט־ווײַט, אין מײַן היימשטאָט וואָס ליגט ערגעץ־ווו אין די קאַרפּאַטישע בערג. ווייס איך נישט גענוג ווי־אַזוי שאַפּ־אַרבעטער (אין אַמעריקע) האָבן גערעדט און וואָס זייערע שטרעבונגען זענען געווען. נאַטירלעך: דער לייענער איז געריכט פון די טראַגישע אומשטענדן וואָס האָבן דאַמאָלס עקזיסטירט. אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער, פאַר־צווייפלונג. עלטערן און קינדער צוגלייך האָבן פּראָבירט ברענגען

אַ שטיקל ברויט אין דער קאַלטער שטוב. אָן דערפאָלג. רײַכע רשעים האָבן געהערשט אין פאַבריקן ווו אָרעמע לײַט האָבן געליטן בזיונות.

פאַראַן אין די דאָזיקע דערציילונגען פיל צער און צאָרן. אָט, אַ קינד גייט־אויס און דער דאָקטאָר וויל געלט, אַנדערש קומט ער נישט. אַ 16־יעריק מיידל זוכט אַרבעט, צעברעכט אַ פוס און גייט אַהיים מיט אַ דאָלאַר און עטלעכע סענט. אַ מאַן בלאָנדזשעט אין גאַסן און האָפט צו געפינען אַ ישועה, בשעת זײַן גאַנצע משפחה ווערט פאַרברענט אין אַ שׂריפה...

אינטערעסאַנט: נישט אַלע העלדן זענען ייִדן. פאַראַן פּאָליאַקן, איטאַליענער און שוואַרץ־הויטיקע וואָס מ'האָט דאַמאָלס גערופן נעגערס. טאַקע אַ שמעלץ־קעסל. שרײַבט פּלאָטקין מיט רחמנות און ליבשאַפט וועגן אַלע קרבנות פון דער געזעלשאַפט. בײַ אים איז כּמעט, ווי נישט קיין אונטערשיד צווישן נעגער און ייִד. ווער ס'לײַדט איז זײַן פרײַנד. ווער ס'פאַרשאַפט יסורים איז זײַן שׂונא.

די ערשטע קאַפּיטלען זענען מער ייִדיש. רוזשאַן איז אויף אַ מײַסטערהאַפטן שטייגער געשילשערט און באַוויינט. „מײַן מאַמע ט'געשוויגן, מיך געטוליעט אין שמאַטעס / און הייס איר טרער האָט מײַן פּנים געגליט", זינגט ער אין זײַן אַרײַנפיר־ליד. „דער טאַטע האָט געטראָגן אַ זעלנערשן מונדיר, / אויך זײַן וויג איז געשטאַנען אין פּוילן. / זײַן לעבן איז געווען אַ פאַרמאַכטער געשוויר, / וואָס ברענט מיך נאָך הײַנט ווי הייסע קוילן."

געדענקט ער די שעהען וואָס ער האָט, אַלס קינד, צוזאַמען מיט זײַן משפּחה פאַרבראַכט אין קעלער בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. בשעת די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, האָבן זיי, נאַטירלעך, זיך געזעגנט מיט אַ שטיקל פּאָגראָם. צעשטאָכענע בייכער, פאַרגוואַלדיקטע פרויען, צעבראָכענע טירן, צוגערויבט בעט־געוואַנט, צעבלוטיקטע פּנימער. די שׂנאה צום ייִד האָט געבוי־שעוועט. דער איינציקער טרייסט: — „די באָלשעוויקן וועלן קומען"...

ווי האָט דאָס ייִדישע ייִנגעלע געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אַז מיט יאָרן שפּעטער, וועלן באָלשעוויקן אויספֿירן סטאַלינס אַנטי־ייִדישע באַפֿעלן און אַנטיסעמיטישע גזירות? אין יענע צייטן האָט באָלשעוויזם, פֿאַר די גערודפֿטע און געפּייניקטע ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן, מיט זיך פֿאָרגעשטעלט זוניקע האָפֿענונגען...

אין רוזשאַן, ווי אויך אין הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן ייִדן געליטן פֿון כּלערליי רדיפֿות. זיי האָבן פֿאַרלוירן קינדער אין אַלערליי מלחמות. ווי נאָר אַ צרה, האָט זי אויך זיי געטראָפֿן. ווי נאָר אַן אומגליק, איז עס אויך געווען זייער אומגליק.

איז דער דיכטער דאָ, אין זיין שאַפֿונג, ביי זיך אין דער היים. די שפּראַך שפּרודלט מיט אייגנאַרטיקע בילדער: „איינ־געבויגענע הילצערנע צלמים קרימען זיך, ווי זיי וואָלטן געקלעטערט אויפֿן באַרג, צום שטעטל־צו"; „אַ זעלנער הענגט אויפֿן טעלעפֿאָן־סלופּ ווי אַ צעריסענע פֿאָן". אין שול, ביי אַ פֿאַרשטערטער בר־מצווה־שׂמחה. „איז געוואָרן אַ בהלה. פֿינגער האָבן זיך איינ־געפֿלאָכטן אין בערד. אויף די אַראָפּגעריסענע טליתים האָט מען געטראָטן. סאַמעטענע קאַפּלען זענען געפֿלויגן פֿון די קעפּ, ווי אין אַ געוויטער."

אויך די נאָרמאַנדיע־באַשרייבונגען צייכענען זיך אויס מיט זייער דיכטעריש־רעאַליסטישן קלאַנג. דאָ איז חיים פּלאָטקין אַ יוצא־דופֿן. כ'גלייב נישט, אַז אַ סך ייִדישע שרייבער האָבן באַשריבן די מלחמה־יאָרן דורך די אויגן פֿון אַ ייִדישן סאָלדאַט וואָס האָט, מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי, זיך באַטייליקט אין דער באַפֿרייונג פֿון אייראָפּע. געוויינלעך, ווידמען ייִדישע שרייבער זייער ווערק צו חורבן־אָדער־גבורה־טעמעס. איז חיים פּלאָטקינס בוך אַ וויכטי־קער ביישטייער צו דער כּלל־ייִדישער ליטעראַטור. אַדאַנק אים ווייסן מיר איצט וואָס ס'האָט געפֿילט דער ייִדישער זעלנער אויפֿן פֿראָנט אין נאָרמאַנדיע, ווי אַזוי ס'האָבן זיך צו אים באַצויגן נישט־ייִדישע אָפֿיצירן און סאָלדאַטן, וועגן וואָס ער האָט געחלומט

אין די אַזוי־גערופענע פּוקס־לעבער, ווי אַזוי ער האָט געפילט לגבי די דײַטשן...

אויך דאָ איז זײַן שפּראַך פאַרכאַפּנדיק און זיין שילדערישע קראַפט מאָלעריש. ס׳איז קלאָר, אַז די זעלבע שליחות וואָס האָט אים באַגלייט קיין נאָרמאַנדיע איז די זעלבע וואָס ער גיט איבער אין זײַן בוך: די שליחות פון אַ ייִד וואָס גלייבט אין דער מענטש־לעבקייט פון ייִד און אפשר אויך אין זײַן אייביקייט.

איז דאָס בוך אַ שפּיגל פון כּמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט וואָס וועט פאַרבלײַבן אין דער געשיכטע ווי דאָס סאַמע בלוטיקסטע און אפשר אויך — פון ייִדישן שטאַנדפּונקט — דאָס סאַמע העלדישסטע.

אַ בליק אויף צוריק

מײַן שטאָם און אָפּשטאַם

א.

מיט קיין זילבערן לעפעלע האָט מען מיך נישט געבאָוועט,
ווי „אַן אויג אין קאָפּ" מיך נישט געהיט,
כ׳געדענק דעם ערב־פּסח — די מאַמע האָט די ווענט געסקראָבעט
און דאָס ביטערע אומפּלייט מיט אַקריפּ געבריט.

דאָס צעוואָלגערטע שטרוי — אויסגעלופטערט אין ווינט,
דאָס געבליבענע ביסל מיט האַנטפּלאַך געגלעט:
זונעלע געדענק, געדענק מײַן טײַער קינד,
בײַ די פּאַנעס פּוילט נישט ס׳שטרוי אינעם בעט...

אויף איר יונגן קאָפּ האָט אַ גרויקייט זיך געקליבן,
די זאָרג אירע האָר האָט שיטער געקעמט,
אין מײַנע אויגן אויף שטענדיק איז שוין געבליבן
אונדזער טיש, ווי אַ בעטלער אויף קוליעס פאַרשעמט.

מײַן מאַמע ט׳געשוויגן, מיך געטוליעט אין שמאַטעס,
און הייס איר טרער האָט מײַן פּנים געגליט.
— מאַמעשי ליבע, דערצייל מיר פון יענער כאַטע
מיט די וואַרעמע ברויטן פון יאַריד.

פאַרגעס נישט דעם משולח מיטן כּישופדיקן שטעקן,
וואָס קאָן באַקן זעמל אין אַרבל פון כאַלאַט...
מיטן ארבע־כּנפות כ׳וועל ס׳פּנים מיר פאַרדעקן,
ווען אַלע אין שטוב תּיכף ווערן זאַט.

ב.

דער טאַטע האָט געטראָגן אַ זעלנערשן מונדיר.
אויף זײַן וויג איז געשטאַנען אין פּוילן.
זײַן לעבן איז געוועזן אַ פאַרמאַכטער געשוויר,
וואָס ברענט מיך נאָך הײַנט ווי הייסע קוילן.

אין קעלער מיר זענען אַלע געלעגן באַהאַלטן.
די מאַמע האָט ס'עלטסטע מיידל אין אַ באַבע גרימירט.
דורך די ווענט פונעם קעלער האָבן זיך געהערט די געוואַלטן —
אין שטעטל האָבן די רוצחים די הענט זיך צעפּירט.

בײַ דער שוועל אַ האַלערטשיק, מיט אַ הויכער קאָקאַרדע,
פון זײַן קלאַפּן וועט די טיר באַלד זיך צעשפּאַלטן: —
— העי דו ייִד, זשידאָווסקאַ מאָרדאַ,
ווו האָסטו דײַן טאָכטער באַהאַלטן?!

דער טאַטע זינקט מיטן געזעס פון עטלעכע ציגל,
וואָס זיצט אויף דעם ווי „שבעה", אין די זאָקן.
די מאַמע טיילט אויס דאָס לעצטע וואַסער פונעם קריגל
און מלכּה, מײַן שוועסטער, איז בלייך און צעשראָקן.

ג.
די שטיבעלער פון מײַן געסל האָב איך נישט דערקענט
ווען איך בין פון קעלער אַרויסגעקראָכן.
די פעדערן פון די קישנס האָבן מײַנע פיס געברענט
און ווי נאָדלען — די פינגער מיר געשטאָכן.

דעם זיידן האָב איך געטראָפן זיצן בײַ דער שוועל,
זײַן טונקל־ברוינע באָרד ווײַס איז אים געוואָרן.
דער כאַלאַט אויף אים — אַ פאַרבלוטיקטע פעל,
ווי עמעץ אַ הוצעל וואָלט אין בלאָטע זי פאַרלוירן.

משונהדיק פלאָנטערט די באָבע מיט איר צונג,
ווי, חלילה, אַראָפּ זי וואָלט פון זינען.
דער זיידע טוט אַ ווונק מיר: „פאַרזיכטיק, מײַן קינד,
זי וועט נאָך צו זיך קומען"...

פאַרהענגלער, דורך אויסגעהאַקטע שויבן, קוקן אַרויס,
פלאַטערן ווי פון חרובע שיפן פאַרסמאַליעטע פאָנען,
מײַן שטעטעלע רוזשאַן, אויפגעדעקט און בלויז,
איז טעג און נעכט אין שרעק אַרומגעשוווּמען.

דאָס בית־מדרש איז פול מיט כּל־נדרידיק געיאָמער:
נישט יעדן קדוש האָט חברה־קדישה דערקענט.
אַ צעפּערטלטער ליגט הערש־דוד דער שטומער,
און זײַן פּנים מאַנט חשבון בײַם אָרון קודש...

ד.

פול איז געווען רוזשאַן מיט ווינטן.
געסלעך און דעכער — באַפּוצט מיט שניי.
דער פראָסט האָט אויף שויבן בלומען אויפגעמאָלט
אינעם טאָג ווען כ׳האָב דערהערט אַז רוסלאַנד איז באַפרײַט.

יאַנקל־פּסח דער שנײַדער האָט די נאָדל געשטעקט אין כאַלאַט,
מיט דער האַנט האָט ער אָפּגעווישט די טרער פון פרייד,
פון שעניאַק ר׳האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס אומלעגאַלע בלאַט —
אַ בלאַנקע שווערד פון דער שייד.

נישט אַלע ווערטער האָב איך דעמלט פאַרשטאַנען,
וואָס ר׳האָט מיר און זײַן ווײַב דעמלט דערקלערט.
כ׳האָב בלויז געכאַפּט, אַז קיין צאַר איז נישטאָ שוין מער —
אַז דאָס אַלץ וואָס געווען האָט צוגעדעקט די ערד...

ה.

מײַן פינגערהוט פון שטעטל האָב איך ביז הײַנט פאַרהיט,
בײַם העלדזול די לעכלעך — פון צעבראָכענע נאָדלען — סימנים...
מײַן צוועלפטן זומער האָב איך אין אַ שנײַדער־ליד פאַרנייט —
עס וועט שוין קיינמאָל אין מײַן בלוט נישט שטומען.

מיר אַנטקעגן — דער „בלייכער אָפּערייטאָר״, דער „געגנאָסע״,
האָט געשלונגען מיט גער פון מײַן פּנים דעם קאָליר;
כ׳בין גרייט געווען צו שווערן: מאָריס ראָזנפעלד איז דאָ געזעסן,
אַן עדות די קראַטן אויף דער פײַכטער טיר.

די „דריי נייטאָרינס״ מיט די נאָדלען אין געוועט,
ווי איך, בײַם „זינגער״־קעפּל, דעם קאָפּ געבויגן.
אַפילו באַנטשע שווײַג וואָלט אין שאַפּ זיך דאָ צערעדט,
און אפשר וואָלט ער צו אַרבעט אויבעט טויגן.

שימעלע סאָראָקערס געזעלן וואָלט געווען דאָ דער שנעלסטער
פּרעסער,
זײַן צאָרן וואָלט געגליט דאָ ווי ס'אײַזן.
אָנקל מאָזעס — גרעבער ווי גרעסער —
וואָלט זײַטיק מיך געמאָסטן, מײַנע פינגער וואָלט געהיט.

עדלשטאַט און באָושאָווער הינטער מײַנע פּלייצעס
זענען געשטאַנען;
זייער ירושה האָט מיך שפּעטער אין די שעפּער געהיט,
דער „בלייכער אָפּערײַטאָר" האָט נישט געדאַרפט מיך דערמאַנען
צו פאַרשטעפּן אין די נעט מײַן ברויזנדיק ליד...

אין קעלער

ש־ש־אַ !... איז דאָס וואָרט פון טאַטנס מויל געקומען.

ווער האָט אויף מיר די שרעק געוואָרפן ? דאַכט זיך, דער טאַטע האָט נאָך היינט דאָס מויל נישט געעפנט. איך זע זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן, זיינע ציין איינגעגעסן אין דער געלער באָרד. שוויַג... שוויַג !

פון מיין אָרומקאָמאַנדעווען מיט די קליינע ברידערלעך, קאָנען די זעלבער אונדז דערהערן... איז שוויַג ! — יאָ, איך האָב עס דערפילט אין מיין יונגן קערפּער. איך טוליע זיך אין אַ ווינקל פון קעלער: די פּייַכטע שפּיציקע שטיינער דערפיל איך אין מיינע גלידער. מיין קינדערשער מוח נעמט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר.

אַלע האָבן דאָ זיך פאַרזאַמלט: מיינע דריי ברידער און די פיר שוועסטער. איך זע ווי דער טאַטע וויל אָראָפּנעמען דאָס וויגל, נאָר קאָן נישט. דאָס מויל פון קעלער איז לאַנג, נאָר שמאָל. די מאַמע וויקלט מיין קליין שוועסטערל אין קישן און וויגט זי איין אין די אָרעמס. זי איז קראַנק. דער פעלדשער האָט שוין לאַנג געזאָגט: ס׳איז די נירן... יעדעס מאָל, ווען מיין עלטערע שוועסטער וויל איר געבן אַ לעפעלע פון שוואַרצן פלעשל, נעמט זי וואָרפן מיט די אויפגעבלאָזענע פיסעלעך... אירע אייגעלעך באַהאַלטן זיך אין די געשוואָלענע דעקלעך, — ששאַ, — וויל איר איינשטילן די מאַמע.

— דערלאַנג אַ ביסל וואַסער !

מיין עלטערער ברודער כאַפּט דעם געבלימלטן קרוג, און איך האַלט אונטער דאָס גלאָז.

פאַרנאַכט. דורכן שמאָלן פענצטערל, וואָס פלעגט איינשלינגען גאַנצע זעק קאַרטאָפל, שיינט אַריין אַ רויטע צונג. מ׳זעט אַ שטיקל זון — אַ פרישׂ שטיקל פלייש. דער הימל אָרום — אַ רויטער ריזן־פלעק. מיין קליין ברודערל שלאָפט אויף אַ קופּע קאַרטאָפל, ווי אַ שעפּסל. פון די

הארמאַטן־דונערס ציטערט ער אויף, ווי מיר אַלע. די ערד אונטער די שטיינערנע ווענט טרייסלט זיך. די מאַמע שעפּטשעט אַ תפילה. אירע אויגן טריקענען נישט... מײַן יינגערער ברודער גריזשעט שטייענדיק אַ מייער.

מײַנע עלטערע צוויי שוועסטער איז נישט צו דערקענען. שוין עטלעכע טעג ווי זיי שמירן זיך די פּנימער מיט סאַזשע... זייערע טונקעלע, קאַשטאַנענע האָר זענען ווי פאַרפלאָנטערטע בײַטשן. די טיכלעך אויף די קעפּ האָבן זיי פאַרבונדן, ווי זיי וואָלטן אַראָפּ פון זינען. מײַן מאַמעס אַלטע קליידער וואָס זיי טראָגן האָט זיי אינגאַנצן פאַרענדערט. איצט, ווען אַפילו עס וואָלטן זיך זעלנער אין קעלער אַרײַנגעריסן, וואָלטן זיי די צוויי אַלטע „באָבעס" נישט געטשעפּעט...

דער טאַטע שפּרײַזט הין און צוריק. זײַן קערפּער איז אײַנגעקאָרטשעט. איך ווייס נישט צי פון שרעק, אָדער ס'איז די ציגלנע סטעליע וואָס ליגט אים אויפן קאָפּ... שוין עטלעכע מינוט ווי ער וויקלט אַ פּאַפּיראָס. ווען ער האָט שוין דעם פּאַפּיראָס אין מויל, מישט זיך אַרײַן די מאַמע:

— שלמה...

ער פאַררייכערט נישט. זײַנע אויגן וואַרפן זיך צום שמאָלן פענצטערל. דער פריזערדיקער ליכט־פאַס איז איצט אַ בוים־שאָטן אויף דער שטיינערנער וואַנט. דער טאַטע וויל נעמען אַ פּאָר שמאַטעס, נאָר די מאַמע לאָזט נישט.

— נעם אַ ביסל שטרוי פון וויגל און פאַרשטאָפּ עס.

ער פאָלגט, ווי אַ קינד. זײַן שטרענגקייט איז צעשוווּמען. איך ווייס נישט פאַרוואָס ער שווײַגט. איך ווייס, אַז דער טאַטע האַנדלט מיט זעלנער. ער שטעלט צו שטרוי פאַר גאַנצע פּאָלקן.

אָפיצירן פלעגן קומען צו אונדז אין הויז אַרײַן און זיצן שעהען מיטן טאַטן פאַרמאַכט אין אַלקער. אַ טאָג פריִער האָב איך שוין געוווּסט אַז זיי קומען. דער טאַטע פלעגט זיך סודן מיט דער מאַמען: מ'פלעגט זיך גרייטן ווי צו אַ חתונה...

דאָס טעצל מיט די זילבערנע בעכערס איז געשטאַנען גרייט אויפן טיש. די מאַמע פלעגט באַקן קיכלעך און בראָטן קאַטשקעס... דער טאַטע פלעגט דערנאָך פאָרן מיט די פאַרשיכּורטע אָפיצערן אין די קאַזאַרמעס און קומען שפּעט בײַנאַכט מיט אַ פולן וואָגן שינעלן און שטיוול... אויף

צו־מאָרגנס פלעגט דער טאַטע זינגען אַ שבתדיקן ניגון און צופּאַטשן מיט די הענט... נאָר די לעצטע פּאָר וואָכן איז ער געלעגן באַהאַלטן אויפן בוידעם.

איינמאָל האָבן די זעלנער אים געפונען און געגעבן אים צו שיילן קאַרטאָפל. די מאַמע האָט געוויינט, נאָר מיר האָט זיך געוואָלט לאַכן... דער טאַטע וועט שיילן קאַרטאָפל?

איך בין געשטאַנען לעבן אים אויפן פעלד. אונדזער שכן, וועלוול סטאָליער, מיט די געלע שפּרענקעלעך אויפן פּנים, ווי קעפּ פון פּאַרזשאַ־ווערטע טשוועקעס, האָט געצופּט די פעדערן פון אַ גאַנדז. אַ דריטער ייִד, יוסף דער זייגערמאַכער, האָט געהאַקט האָלץ פאַרן קיך־קעסל. פאַר מיר איז עס געווען אַ פריילעכע שפּיל, — מענער קאָכן עסן! — איך האָב זיך נאָר דערשראָקן, ווען צוויי זעלנער האָבן דערהרגעט אַ יונג ביקל. זיי האָבן אַרייַנגעיאָגט עטלעכע שפּיזן צווישן זייַנע קורצע הערנער, דאָס ביקל איז געשפּרונגען אין אַ ראָד. די פּאַסן פלייש, פון וועלכע די פעל איז נאָך נישט געווען אַראָפּגעשונדן, האָבן געציטערט... מיין טאַטנס פּנים איז געווען ווייַס ווי דער פוך פון דער גאַנדז. איצט זענען מיר די צוויי זעלנער געשטאַנען פאַר די אויגן.

אַ האַרמאַטן־קראַך האָט אויפגעוועקט מייַן קראַנק שוועסטערל. איר געוויין האָט געקלונגען אין קעלער. מייַנע עלטערע שוועסטער זענען געשטאַנען אַרום איר ווי מיט אַ געבעט: — רחלע, וויין נישט, די זעלנער וועלן נאָך דערהערן...

דער טאַטע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און עס צוגעשמאָלצן צום איבערגעדרייטן עמער. די מאַמע האָט געזאָגט:

— מ׳עט געדאַרפט אַרייַנגעמען די ציג פון שטאָל, נישטאָ אַ טראָפּן מילך פאַרן קינד.

דער טאַטע האָט אַרייַנגעקוקט אין געבלימלטן קרוג, און שטיל אָפּגעזיפצט...

די לופט איז געווען שטיקנדיק. מייַן קליין ברודערל האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען רייַבן די אויגן. מייַן שוועסטער האָט אים גענומען אויפן שויס. דער טאַטע האָט אויף זיי ביידע געקוקט און געזאָגט:

— אַז מ׳וועט דאַרפֿן אַרויפֿגיין, נעם אים אין די אָרעמס, און זאָלסט זאָגן אַז ס׳איז דײַן קינד...

די מאַמע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך געווישט די נאָז...

— שש־אַ, — האָט מײַן ברודער מיר אַרײַנגעשושקעט אין אויער.

אַלע זענען געבליבן מיט אײַנגעהאַלטענע אָטעמס, — מ׳גייט!

טריט פֿון פּאַדקאָוועס אונטער זעלנערישע שטיוול האָבן אָפּגעקלונגען ווי זיך קייקלענדיקע רייפֿן. דורכן פֿאַרשטאָפּטן פֿענצטערל האָט זיך געהערט אַ רוישן ווי פֿון פֿאַלנדיקע וואַסערן. אין יעדן איינעמס אויג איז געווען די פֿראַגע: — מ׳קומט? אָדער — מ׳אַנטלויפֿט? ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די גאַס ברעכט זיך פֿון די שווערע רעדער. ס׳האָבן זיך געריסן קולות ווי פֿון וועלף אין אַ ברענענדיקן וואַלד. פֿון יעדן האַרמאַט־געקנאַל האָט מען די קעפּ געבויגן: צען לעבנס האָבן זיך געצאַפּלט אין אַ קעלער־קבר...

אַ קויל וואָס האָט געטראָפֿן אין קוימען, האָט אים צעריסן אויף פּיצלעך. די ציגל האָבן זיך געקײַקלט אויפֿן דאַך און אַראָפּגעשמעטערט די ליימענע שינדלען. די שויבן האָבן מיטן דאַך מיטגעקראַכט.

— שמע ישראל! — האָט דער מאַמעס קול אין קעלער אָפּגעקלונגען.

אַ האָגל פֿון שטויב האָט אין קעלער געביסן צען לעבנס. ווי מײַז האָט מען זיך געגראָבן אין די ווינקלען, אין דער קופּע קאַרטאָפֿל, געגראָבן אין דער ערד די קעפּ, דאָס לעבן צו באַשיצן. ווו זענען מיר? וועלן אונדזערע אויגן נאָך זען די זון־ליכט? איך פֿיל ווי די שטיי־נערנע ווענט ציטערן, ווי מײַן האַרץ — אָט, אָט, און וואָנט מיט וואַנט וועט איינע די אַנדערע צעשמעטערן.

פֿון גאַס איז דאָס וואָיען פֿאַרשוווּנדן צוזאַמען מיטן גוססדיקן ליכטל. אַ דיקע פֿינצטערניש האָט דעם קעלער אָנגעקראָפּט. מיר זענען ווי קווילן געבליבן ליגן יעדער אין זײַן נאָרע, טויט־מיד, פֿאַרן צאַפּלענדיקן לעבן...

דער מאַמעס קול האָט די פֿינצטערע שטילקייט צעשניטן:

— שמואלקע, מיכל, ביינוש, — קינדער!

מײַן קראַנק שוועסטערלס געשריי האָט אַלעמען אויף די פֿיס געשטעלט. דאָס שוועבעלע צווישן דעם טאַטנס פֿינגער האָט באַלויכטן אונדזערע צעשראָקענע פּנימער. דער געבלימלטער קרוג איז געלעגן ווי אַ טויטער

פיש... דער מאַמעס אויגן זענען געוואָרן גרעסער קוקנדיק אויף דער פּײַכטער ערד. פון איר שווער אָפּאָטעמען האָט זיך צעבלאָזן דאָס ליכטל אין מײַנע הענט. אַ שפּין־וועב האָט זיך אָנגעצונדן פון ליכטל־פלאַם. פון אַ שפּאַרע האָבן שוואַרצע שפּינען זיך גענומען יאָגן צום פאַרשטאָפּטן פענצטערל. מיר זענען געבליבן זיצן אַרום דער מאַמען מיטן וויינענדיקן שוועסטערל.

אַ טוכלע זויערקייט האָט אין האַלדז געריסן. דאָס העמד האָט זיך געקלעפּט צום ציטערדיקן לײַב.

מײַן עלטסטע שוועסטער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. איר אומרויִקייט איז אונדז באַוווּסט: חיים, סראָלטשע סאַדאָווניקס זון, איר חתן, איז אַ זעלנער. אויף דער פּאָליצע, אין דער שטיינערנער וואַנט, ווו ס'ליגט די קאַץ מיט די גלאַנציקע בורשטינענע אויגן, שטייט די פאָטאָגראַפיע פון מײַן שוועסטערס חתן. אין די זעלנערשע קליידער, מיט דער קאָקאַרדע אויפן היטל, קוקט ער אויס ווי אַ הויכער, נאַקעטער בוים... דער שטענדיקער שמייכל אויף זײַן פּנים איז ווי אָפּגעוואַשן... די אויגן — צעשראָקן מיט מלחמה־פײַער...

מײַן שוועסטער נעמט אַלעמאָל זײַן בילד און רופט זײַן נאָמען: חיים... חיים...

— נו, לייג אים שוין אַוועק! — איז דעם טאַטנס באַפעל געווען, ווי אַ פּאַטש...

איידער דאָס פײַער האָט דערגרייכט אונדזער שטעטל, האָט מען גאַנצע אָבאָזן פאַרוווּנדעטע זעלנער דורכגעפירט פון פראָנט. מײַן שוועסטער פלעגט צווישן די צעבלוטיקטע זעלנער זוכן איר חתן... מיר פלעגן זיי אַרויסטראָגן טעפּלעך וואַסער און מילעך. שונאים זענען געלעגן פּנים אל פּנים. רוסיש און פּויליש האָט זיך אויסגעמישט מיט קרעכצן: אָ, מאַטושקאָ! אָ, יעזוס קריסטוס!

מײַן שוועסטערס אויגן שנײַדן דורך די שטיינערנע ווענט פון קעלער. זי בלאָנדזשעט אום אויף צעגראָבענע פעלדער, אפשר ליגט איר חתן אַ פאַרוווּנדעטער און בעט — וואַסער! — אפשר קעמפט ער מיטן דורשט, ווי מיר אַלע דאָ, אין קעלער?...

מײַן ברודערל איז געווען דער ערשטער צו דערפילן די געפאַר:

— רויך, פײַער! — האָט ער אויסגעשריִען.

איצט האָבן אַלע דערזען דאָס פײַער דורך די שפּאַרעס אין טירל, וואָס איז געלעגן איבער די קעפּ.

ווי אַזוי איך בין דער ערשטער אַרויס פון קעלער, האָב איך קיינמאָל נישט געוווסט. איך געדענק נאָר, אַז ווען איך האָב אָנגעכאַפּט דאָס ברענענדיקע קישעלע פון וויגל, האָט דער טאַטע אַרויפגעוואָרפן דעם פּעלץ און אַליין זיך אויסגעצויגן ווי אויפן וואַסער, בעת ער פלעגט שווימען.

די פונקען פון דערבײַיִקן שטיבל זענען אַרײַנגעפלויגן דורך די אויסגעבראָכענע שויבן. די פײַער־צונגען אַרום די הילצערנע ווענט האָבן זיך געריסן צום שטרויענעם דאַך, מ׳האָט געהערט די באַלקנס קנאַקן, ווי אונטערגעזעגטע ביימער. דער הימל איז געווען צעשניטן אין קאָלירטע פּאַסן.

אַן אַש־קאָליר־פּאַס האָט זיך געצויגן צו די הויכע בערג, וואָס זענען געלעגן אין מזרח־זײַט. דאָרט האָט זיך צעשלענגלט דער טײַך נאַרעוו אַרום די קאַזאַרמעס. פון יענע פעסטונגען איז דאָס פײַער אין שטעטל געקומען. דער הימל־פּאַס איבערן פלאַמיקן שטיבל האָט געברענט צוזאַמען מיטן שטעטל.

דער טאַטע האָט באַפעלעריש געזאָגט צו אונדז, בעת מיר זענען אַרויף פון קעלער כדי צו זען דאָס ברענענדיקע הויז:

— גייט אַראָפּ, איך וועל שוין דאָ היטן.

די מאַמע האָט געענטפערט בייז:

— ניין, זיי וועלן נישט גיין! אויב שטאַרבן, וויל איך זען דעם טויט אין דער ליכטיק...

אַלע קינדער האָבן געשוויגן. קיינער האָט נישט געוואָלט גיין צוריק אין קעלער אַרײַן.

— דו ביזט שולדיק, וואָס מיר זענען געבליבן אַליין הינטער דער שטאָט. אַלע שכנים זענען געלאָפן צו פּײַוול בעקער אין קעלער. דאָרט וואָלטן מיר כאָטש געווען מיט נאָך ייִדן.

— ווער האָט דיך נישט געהייסן לויפן?... — לויף, — איז דער טאַטע בייז געוואָרן.

— איצט, אינעם פײַער ?...

אַ געוואַלד־געשריי האָט איבערגעריסן דאָס קריגערײַ פון טאַטע־מאַמע.

— ווער שרײַט? ווער איז נאָך דאָ געבליבן ?

עס איז שנעל קלאָר געוואָרן: אונדזער שכן, יצחק קאָוואַל, רופט צו הילף. זײַן קול מישט זיך אויס מיט אַ פּרויען־שטים. ווער קאָן עס זײַן ? זײַן ווײַב ? אָדער זײַן טאָכטער ביילע ?

ס'הערט זיך די קולות פון די ווילדע זעלנער:

— זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!

מיינע שוועסטער שיקט דער טאַטע די ערשטע אַראָפּ אין קעלער. די מאַמע איז אײַנגעשפּאַרט, נישט צו גיין.

— גיי דו אַראָפּ, זאָגט זי צום טאַטן, איך וועל דאָ בלײַבן מיטן קליינוואַרג.

דער טאַטע איז מער צעשראָקן ווי אַלע. איך בלײַב מיט די ברידערלעך, לעבן דער מאַמעס בעט.

מײַן ברודערל נאָגט אַ שטיקל צוקער און פרעגט מיך:

— חיים, צו וואָס דאַרף מען מלחמה ?

— מענטשן זענען זינדיק, שטראָפט זיי גאָט, — אַזוי זאָגט דער זיידע...

טריט דערהערן זיך דערנענטערן צום הויז, צום הויף. מ'קלאַפּט! געשרייען אין פּויליש:

— עפנט! עפנט!!!

קלעפּ אין טיר פאַלן ווי האַמערס אויף אַ קאָוואַדלע.

פאַרוואָס וויין איך? פאַרוואָס שרײַען מײַנע ברידערלעך? מיר האַלטן זיך אַרום דער מאַמעס קלייד. די מאַמע גייט צו דער טיר.

די קייטלען און זאָוויעסעס סקריפּען ווי נישט־געשמירטע רעדער. די מאַמע וויינט ווי מײַן קראַנק שוועסטערל אין אירע אָרעמס. צוויי צעיושעטע זעלנער שטייען אויפן שוועל:

— ווו איז דײַן מאַן ? דײַנע טעכטער ווו האָסטו באַהאַלטן ?...

— דאָס זענען מײַנע פּיצלעך קינדער, מײַן מאַן איז אין דער מלחמה...

די זעלנער נעמען זיך רײַסן אַרײַנצוגיין, נאָר די מאַמע שטייט אין טיר און בעט:

— שאַנאָווניע פּאַניע... כ'האָב נאָך אַ קראַנק קינד אין בעט, ס'וועט זיך דערשרעקן... — אירע טרערן פאַרהאַקן איר לשון.

די זעלנער זענען שוין געווען אַרײַן אין הויז, ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ גאַלאָפּ פון רײַטער. די אַרײַנגעקומענע זעלנער, ווי פון ביליקן בראָנפן צערייצט, זענען שנעל אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אַ פּעקל קאָלדרעס...

שטיל האָט די מאַמע אָנגעהויבן שעפּטשען אַ תּפילה און אונדז אַראָפּגעפירט צוריק אין קעלער אַרײַן.

II

די נישט־זיכערע טריט האָט מען ווי געציילט אויף די שטיינערנע קעלער־טרעפּ.

— ש ש־ש־ש.

— ש־ש־שאַ.

פון שכנס אָפּגעברענט הויז האָבן זיך געלאָשן די לעצטע פונקען אין צעריבענע שאָרע פּאַסן. אַ נאַכט —פון פּחדים.

דער באַגינען האָט געגלעט די ברעקלעך גלאָז, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין די לויזע ראַמען... פון ווינטל האָבן די הויכע גראָזן אין גאָרטן זיך געבויגן. אַן אָפּגעשאָסענע צווײַג פון קאַשטאַן בוים בײַם הויז האָט זיך צעוויגט ווי אַ צעבראָכענער פליגל. אַ הונט האָט זיך צעוואָיעט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אונדזער האָן אויפן בוידעם האָט גענומען פּאַטשן מיט די באָרדע פליגל און צעצויגן זײַן קרייען.

פון סאָלניקאָסקיס פענצטערלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אונדזערע נאַקעטע לויזע ראַמען, האָט דאָס שמאָלע פלעמל פון נאַפט־לעמפל קוים געבלישטשעט. די געצאַמטע קרעכצן פון דאָרטן האָבן דעם אויער ווי געבויערט. אויף אונדזערע צעשראָקענע פּנימער איז געלעגן אַ פראַגע, וואָס אין אַזאַ צײַט פרעגן הייסע בליקן:

„ווער וויל עס דאָרט דעם געקניפּטן ווייטאָג דערשטיקן?"

„זענען זעלנער סאָלניקאָסקיס ווײַב באַפאַלן?"

אין די לעצטע טעג איידער מיר האָבן זיך צו די קעלער־ווענט געטוליעט פלענט זי, טשעשקע, סאַלניקאָסקיס ווײַב, מיטן פולן, שפּיציקן בויך, ווי אונדזער ציג, קוים זיך דעם הויף דורכשלעפּן.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— זי וועט זיך אָפּקאַטשען צוזאַמען מיט דער קאָזע...

ווען מ׳האָט זיך געשטעלט בײַ די נאַקעטע לויזע ראַמען זענען די קרעכצן קלאָר געוואָרן: דורכן אויפגעריסענעם פעלד איז געלאָפן טשעשקעס מאַן. הינטער אים — די „דאָקטאָרקע״. אַפילו איצט, אין שאַרן פרימאָרגן, האָט זי נישט פאַרגעסן זיך אָנצוטאָן די אויסגעריבענע שוואַרצע פעלערינע מיטן ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש. די „דאָקטאָרקע״ — אָדער ווי די ווײַבער האָבן זי גערופן: „דער שוואַרצער טײַוול״ — ווײַל נישט איין פרויס לעבן האָט זי מיט די אויסגעטריקנטע פאַרגעלטע פינגער פאַרלאָשן — איז ווי אַ שאָטן נאָכגעלאָפן נאָך טשעשקעס מאַן.

מײַן קראַנק שוועסטערל, אין דער מאַמעס אָרעמס, האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין. די מאַמע האָט עס אײַנגעוויגט מיט אַ ניגון אַזאַ, וואָס האָט דערמאָנט דאָס קלאַפּן פון רייען זעלנערשע טריט.

אַ קוויטש פון שכנס ווײַב האָט דאָס הויז אָנגעפילט.

— מאַמע!

— ש־ש־שווײַג!

די קייט פון נעדזשעלסקעס ברונע האָט גענומען סקריפּען מיט אַן עמער וואַסער.

— אפשר גרייטן זיי שוין וואַסער דעם ממזר צו באָדן — האָט די מאַמע געזאָגט.

דורכן שליסל־לאָך פון דער צווייטער טיר זעט מען אַ פּאַס צעגליטן הימל — דאָס ברענט די בריק.

מיר האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום פּעקל קאָלדרעס, וואָס די צוויי זעלנער האָבן אין אײַלעניש איבערגעלאָזט אויפן טיש, געשוויגן מיטן טעמפּן פחד פון קעלער, מיט אַ מורא פאַר אָט־אָ דעם פּעקל קאָלדרעס, ווי ס׳וואָלט אַרויסגעשריגן דאָס קול, וואָס מ׳האָט פריִער געהערט פון שכנס טאָכטער ביילע. די מאַמע מעסט מיט די בליקן מײַנע עלטערע שוועסטער, וואָס טראָגן אירע קליידער. אונדז גלעט זי. איך ווייס נישט

פאַרוואָס. מיר, קליינוואַרג, שווײַגן. איז עס אמת, אַז די נאַכט, אין קעלער האָט אונדז אַלט געמאַכט? מיט די דינע ווײַסע פינגער קעמט דער טאַטע זײַן געלע ברייטע באָרד און לייגט־צו די קורצזיכטיקע אויגן ווי צו ציילן די גרויע האָר, וואָס האָבן זיך באַוויזן דורך דער נאַכט אין קעלער...

אַ שטיקל ציגל וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון צעשאָסענעם קוימען, האָט זיך גענומען קײַקלען אויפן דאַך. ווי געלערנטע זעלנער האָבן מיר שנעל זיך אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעצויגן. דורך די אויסגעזעצטע שויבן האָבן זיך אַרײַנגעריסן די טיק־טעק־קלעפּ פון דאַך, ווי אַ פּולעמיאָט וואָלט געווען אײַנגעמויערט הינטער אונדזער פענצטער.

מײַן קראַנק שוועסטערל האָט זיך נאַכאַמאָל אויפגעכאַפּט.

— נישטאָ קיין קראָפּליע מילך!

איך האָב זיך דער ערשטער געריסן צו גיין נאָך דער ציג אין שטאַל. אמת, דער טאַטע האָט געוואָלט גיין, נאָר די מאַמע האָט נישט געלאָזט.

— אפשר האָבן זיי זיך באַהאַלטן? אַ קינד וועלן זיי נישט טשעפּען.

פון טאַטנס אַ פּאַטש האָב איך אַזוי נישט געוויינט, ווי ווען איך האָב דערזען די ציג טויט. די לאַנגע שפּיציקע הערנער זענען געווען אײַנגעשטאָכן אין איר פולן קערפּער. די דינע פיס, משונהדיק פאַררוקט צום קאָפּ צו. די ווײַסע לענגלעכע ציין — אײַנגעביסן אין דער אויסגעוואָרגענער צונג. די ווײַס־שוואַרצע פינטלען בײַם שטערן — צע־ריסן און אײַנגעקלעפּט אין פאַרגליווערטן בלוט.

*

אונדזער שכן, יצחק קאָוואַל, איז געווען דער ערשטער אָנצוקלאַפּן אין דער הינטער־טיר:

— שלמה, דאָס בין איך, יצחק!

מ׳האָט אים נאָר דערקענט אין זײַן נידעריקן וווקס און אין גרויען בערדל. די באַנדאַזשן אַרום קאָפּ האָבן זיך גענעצט מיט רויטע פלעקן...

— יצחק!

— שאַטס, קינדערלעך, אַבי מיר זענען, ברוך השם, איבערגעקומען! — זײַן קול איז געווען ווי זײַן צעמזיקטער קאָפּ...

— שלמה, ווייסט גאָרניט פונעם אומגליק?

— ניין. וואָס? ווער?!

— אַ חורבן אין שטאָט. יאַנקל צלאָוועס מיטן זון... בערל קאָוואַלס קעלער האָט אַ האַרמאַטן־שאָס די ערד מיטן דאַך אויסגעמישט.

*

איך בין געלאָפן מיטן גאַנצן אָטעם דורכן שמאָלן בלאָטיקן געסל, וואָס האָט געפירט אין מאַרק אַרײַן.

אויפן ליידיקן פּלאַץ אַרום דעם טעלעגראַפן־סלופּ זענען געשטאַנען מענטשן אין אַ ראָד.

איך האָב געזען אַ זעלנער הענגען אויפן טעלעפאָן־סלופּ, ווי אַ צעריסענע פאָן. זײַנע לויזע אָדערן אײַנגעדרייט אין די דראָטן. בלוט האָט נאָך געקאַפּעט פון די פאַרצעלייענע „פלעשעלעך", אויף וועלכע זײַנע פיס האָבן זיך אָנגעלענט. בליקן פון שטאָטישן צעשראָקענעם לעבן האָבן געמאָסטן דעם צעריסענעם זעלנער.

לעבן סלופּ איז געלעגן אַ צווייטער, ווי אַ פעסל, אָן פיס און הענט. פון זײַן קערפּער האָט זיך געפילט אַ ריח ווי פון אַ צוגעסמאַליעט פלייש. די שפּיציקע פּאַדקאָוועס, וואָס האָבן אים געטראָגן קלעטערנדיק אויפן טעלעגראַפן־סלופּ, זענען געלעגן צעזייט.

מיר, ייִנגלעך, האָבן גענומען וואַרפן שטיינער אויף די הינט, וואָס זענען געקומען מיט אָפענע פּיסקעס.

עטלעכע ייִדן האָבן פאַרטריבן די פאַרזאַמלטע פרויען און גענומען זוכן בײַם זעלנער צי האָט ער נישט אַמאָל דעם ייִדישן סימן...

— מ'דערקענט נישט... דער אונטערשטער טייל איז אינגאַנצן אַ פאַרברענטער...

פון פאַרבלוטיקטן טײַסטער זײַנעם שלעפּן זיי אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע: אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד אין די אָרעמס. דער שמייכל פון דער פרויס פּנים איז פאַרגליווערט ווי דער זעלנער.

דער זעלנער, אָן הענט און אָן פיס, ליגט שוין מיטן פּנים אַרויף. דאָס מויל מיטן געבליבענעם אויג האָלט ער אָפן, ווי צום זאָגן:

„דאָס איז מײַן ווײַב און קינד. לאָזט מיר געבן אויף זיי דעם לעצטן קוק!"

יהושע פון מעל־געוועלבל, דער וואַרשעווער אײדעם, גיט אַ צי מיט די שפּיציקע אָרעמס, וואָס שווימען אַרום אין זײַן ברייטן, לאַנגן כאַלאַט, און זאָגט ווי אַ תּפֿילה:

— יאָך דערקען נישט דאָ קאַ ייִדישע צורה...

וואַשילעווסקי, דער טאָקער, וואָס רעדט ייִדיש כמעט ווי יעדער ייִד, שטייט לעבן זעלנער ווי אײַנגעוואַקסן אין דער בלאָטיקער ערד. זײַנע אויגן ווי דער זשאַר אין זײַן לולקע. וואַצעק, זײַן זון, וואָס האָט זיך „געקריִעט" — זיך אויסבאַהאַלטן אין סטויג היי הינטער ניעדזשעלסקיס שײַער — קוקט אויפֿן טויטן זעלנער ווי אויף אַן אייגענעם ברודער. דאַכט זיך, אַז ער גרייט זיך צו צערעווען:

— מערדערס!

— זע — איז וואַשיליעווסקיס קול פֿול מיט פּולווער — צום טײַוול מים די כאַמעס, וואָס לויפֿן אין קריג! קיינער האָט נישט געדאַרפֿט גיין און זיך שלאָגן ווי די הינט... פֿאַר וועמען? וואָס קומט אונדז אַרויס דערפֿון?

בײַ בערל קאָוואַלס קעלער איז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען און הילפֿלאָז געקלאָגט אויף די פֿאַרלוירענע לעבנס. יאָסל שנײַדער האָט צוזאַמענגעלייגטביידע פֿויסטן — געמאָסטן אין וואַנט דאָס לאָך וואָס דער האַרמאַט האָט אויסגעבויערט, און בשעת מעשה זיך צוגעזונגען אַזאַ משונהדיק ניגונדל.

ווען וואַשיליעווסקי איז אַרויס פֿון קעלער, האָט אַ טרער זיך אַראָפּגעגליטשט צו זײַנע פֿאַרדרייטע וואַנצעס.

— יאָסעק, — האָט ער גענומען רעדן צו יאָסל שנײַדער. — ביזט געווען אין קעלער?! מ'שיקט די זין אין מלחמה, אַליין קריכט מען אין קעלערס! איר האַלט זיך דאָך פֿאַר קלוגע, האַ? און מיך, מיך רופֿט איר: וואַשיליעווסקי כאַם, כאַ־כאַ־כאַ! מען דאַרף נישט לאָזן גיין די קינדער אין פֿײַער! פֿאַניאַל, יאָסעק, פֿאַניאַל? האָסט געזען איטשקען דעם קצב? ווי אַ קנויל ליגט ער מיט אַ האַלבער אויסגעפּליקטער באָרד. רחל גיטלס טאָכטער ליגט מיט אַן אָפֿענעם בויך... און פֿון לאָזער דעם

פורמאַן, מיט זײַנע קינדער, האָסט געזען וואָס ס׳איז פאַרבליבן? פּראָך, אַ בערגל פּראָך! איז אַ מלחמה קאָן ווערן פּראָך פון מיר און פון דיר, טאַק יאָסעק, טאַק.

III

דורך די אויפגעריסענע, שמאָלע געסלעך יאָגן זיך יונג און אַלט. צו בערל קאָוואַלס קעלער לויפט מען — אפשר קאָן מען נאָך דאָרטן עמעצן ראַטעווען?... מען ווייסט שוין וואָס עס האָט געטראָפן, דורך דער פײַער־נאַכט מיט יאַנקל צלאָוועס און זײַן זון לייבטשע; און אויך מיט יצחק קאַמאַשנמאַכער — משה שוסטערס זון...

דאַכט זיך, וואַשיליעווסקי, דער טאָקער, וואָס רעדט יידיש איז דער איינציקער, וואָס איז געווען אין קעלער, נאָר אַלע ווייסן שוין: רחל גיטלס טאָכטער ליגט מיט אַן אָפענעם בויך; איטשע קצב מיט אַ האַלבער אויסגעפּליקטער באָרד: און פון לאָזער בעל־עגלה מיט די קינדער איז געבליבן אַ בערגל פּראָך...

בײַם אײַנגעבראָכענעם פּלויט אַנטקעגן שמאָלן גאָרטן־פענצטערל, — דאָס אויסגעלאָשענע אויג אין גרויען קוזשניע־הײַזל — איז געשטאַנען רחל גיטל מיט אויסגעסטאַרטשעטע רויטע אויגן און מיט שטײַף־פאַרפרעסטע ליפּן. דאָס ציגל־רויט געבלימלט טיכל אויפן קאָפּ — אין פאַסן צעפליקט. די לאַנגע, שיטער־גרויליכע האָר — צעפּאַטלט אין ווינט. אַ וואַנזין־שרעק האָבן געוואָרפן אירע רויטע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, צום קעלער־פענצטערל געווענדט. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן: מיט קייטן איז זי, רחל־גיטל, צום סלופּ פון אײַנגעבראָכענעם פּלויט צוגעבונדן און רײַסט זיך צו נעמען איר איינציקע טאָכטער אין די אָרעמס: פילן איר נאָענטקייט, איר וואַרעמקייט ווי בײַם געזעגענען זיך בײַנאַכט. אָט הערט זי נאָך איר טאָכטערס ציטערדיק קול:

— כ׳וויל נישט גיין, מאַמע. איך וויל נישט...

רחל־גיטל האָט איר צוגערעדט:

— גיי מײַן קינד, מען וועט געפינען אַ שטיקל פּלאַץ אויך פאַר דיר דאָרטן. אַלטער איז בײַם וויעטראַטשניק... דו וועסט זיכערער זײַן אין קעלער; די זעלנער — — —

טשיפּע, לאָזער בעל־עגלהס ווײַב, און נאָמע מיט חנהן — איטשע קצבס טעכטער, די נאָך לעבעדיקע, זענען געלעגן בײַם קעלער־אַרײַנגאַנג. זייערע פּנימער — פאַרחושכטע און צעשטשערבעטע... עטלעכע פרויען האָבן זיך געפּאָרעט אַרום זיי: געוואָלט אײַנשטילן דעם שטראָם בלוט פון טשיפּעס פּוס... טשיפּע, נאָך זאַמאַראַטשעט פון האַרמאַט, וואָס האָט צעפּיצלט איר מאַן מיט די קינדער פאַרטאָג אין קעלער, האָט טאַמעוואַטע זיך אַרומגעקוקט:

— ?!...

— זיי זענען דאָ — האָט אַ פרוי, אויסדרייענדיק אַ נאַס האַנטעך, געענטפערט. אָט שטייט דאָרט דײַן זון, ראובן.

✶

אַלטער, רחל־גיטלס זון, האָט שווער געסאָפּעט, שטופּנדיק זיך דורכן עולם. ס׳איז טויט־שטיל געוואָרן, ווען מ׳האָט געזען ווי אַלטער לויפט שנעל אַראָפּ צו זײַן שוועסטער אין קעלער. מען האָט געוווּסט: ער, אַלטער, איז אַ „צוגענומענער" און פלוצים דאָ — אין ציווילע קליידער?!...

אפילו יאָסל שנײַדער, אַלטערס געוועזענער מײַסטער, האָט אויפגעהערט זינגען ס׳משונהדיק ניגונדל; אײַנגעפלאָכטן די דינע לאַנגע פינגער אין דער קויל־שוואַרצער באָרד און געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל:

— ?!...

אויפן ערשטן קעלער־טרעפּל איז אַלטער שטיין געבליבן מיט זײַן פאַרגליווערטער שוועסטער אויף די אויסגעשטרעקטע הענט, ווי יעדן איינעם צו ווײַזן:

„אָט קוקט, זעט ווי דער האַרמאַטן־שאָס האָט מײַן אייניקע שוועסטער צעריסן! זעט וואָס די מלחמה מאַכט פון אומשולדיקע מענטשן!..."

צווישן די מענטשן האָט אַלטער געגומען שפּרײַזן מיט זײַן טויטער שוועסטער צו פּישל קצבס הויף — ס׳נאָענטסטע פון קעלער. אַלטערס פּנים, כמעט ווי זײַן שוועסטערס — ווי אַלעמענס פּנימער אַרום קעלער — טויט־בלאַס. אירע שוואַרצע, לאַנגע האָר האָבן זיך אין די שפּענער בײַ אַלטערס פּיס געקעמט... בלוט־סימנים פון איר אויפגעריסענעם בויך האָבן אויף שטיינדלעך געגליווערט.

אַ זויגלינג האָט זיך צעשריִען מיט אַ קלינגענדיק קולכל, ווי ס׳וואָלט פאַרשטאַנען וואָס דאַ, אַרום קעלער, קומט פאָר. דאָס געוויין פון קינד, איַינגעטוליעט אין דער מאַמעס אָרעמס, האָבן די פאַרזאַמלטע פרויען היכף אונטערגעכאַפּט... יאָסל שניַידער האָט ווידער גענומען זינגען דאָס משונהדיקע ניגונדל און מיט די דינע, לאַנגע פינגער שנעל געמאָלקן די קויל־שוואַרצע באָרד.

מיט שנעלע, גרויסע טריט האָט וואַשיליעווסקי גענומען שפּריַיזן, ווי די ערד וואָלט געווען אָנגעגליט נאָך דער פיַיער־נאַכט, און בריט זיַינע פיס דורך די שקראַבעס. ער האָט פעסט געצויגן די צעזשאַרעטע לולקע און געדרייט די בלאָנדע וואָנצע:

— יאָסעק — האָט ער זיך געווענדט צו יאָסל שניַידער, בעת ער האָט געזען ווי עטלעכע ייִדן נעמען זיך שאָקלען איבער רחל־גיטלס שוין איבערגעדעקטער טאָכטער. יאָסעק. זיי דאַווענען איבער איר; וואָס וועט שוין העלפן? יאָסעק, וואָס?

יאָסל שניַידער האָט אַ וויַילע געקוקט אויף וואַשילעווסקיס הילוך. דערנאָך אַוועק צו פישל קצבס הויף.

— האַ? וואָס זאָגסטו? — האָט יאָסל שניַידער איבערגעפרעגט זיַין פוילישן, נאָר פריַינטלעכן שכן, ווי אויך אים וואָלט נישט קלאָר געווען וואָס דאָס תהילים זאָגן פון די עטלעכע ייִדן וועט שוין העלפן רחל־גיטלען — גויאישער קאָפּ! מען דאַוונט נישט, ס׳הייסט נישט געדאַוונט...

— אָבער זיי שאָקלען זיך — איז וואַשיליעווסקי נישט געבליבן צופרידן מיט יאָסל שניַידערס ענטפער — זיי שאָקלען זיך, זאָגן עפּעס; וואָס וועט איר שוין העלפן?!...

✶

אַברהמל סטעלמאַך, מיַין טאַטנס ייִנגערער ברודער, אַ צוואַקסענער ייִד ווי אַ דעמב, מים אַ ברייטער באָרד, וואָס ענדיקט זיך מיט צוויי שפּיצן ווי אַן אָפענע שער, איז אַראָפּ אין קעלער; איך — נאָך אים.

איבערן קעלער האָט געהויערט אַ מוראדיקע שטילקייט. די פּאַסן ליכט, וואָס האָבן זיך געשניטן דורכן לאָך אין וואַנט, וואָס דער

האַרמאַט האָט אויסגעפּיַלט, האָבן ווי אָנגעשאַרפטע זעגן זיך געצויגן איבערן באַרג הרוגים.

אויף אַ טשוואָק, בײַם גראַטן־פענצטערל, איז געבליבן הענגען אַ קינדיש הענטל... די וואַנט בײַם אײַנגעבראָכענעם בעטל, איז געווען פעט, גלאַנציק... פון ווינט, וואָס פון יענער זײַט ברענענדיקער בריק, ווו די שלאַכט איז פאָרגעקומען, האָט זיך פאַמעלעך געוויגט ס׳קינדישע הענטל אויפן טשוואָק, ווי אַן אומרו פון אַ גוסטדיקן זייגער.

פון די לעכער אין דער ציגלנער סטעליע, האָט זיך מאַנאַטאַן געשאָטן אַ ברוינער שאַרסקער זאַמד. געשאָטן זיך, ווײַזט אויס, שוין לאַנג אַזוי: לאָזער באַלעגאָלעס אָפּגעריסענע פיס זענען שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשאָטן...

איך בין געבליבן שטיין בײַ די צעדרימזשעטע טרעפּ לעבן ראובנען, מײַן חדר־חבר, לאָזערס לעבן־געבליבענער זון. מײַן חברס שמאָל, לענגלעך פּנים האָט איצט אויסגעזען נאָך לענגער און דאַרער. דער שראַם אין זײַן לינקער באַק — אַ סימן פון אַ פערדס פּאָדקאָווע — איז נישט געווען איצט ווי תמיד, בלוי נאָר אינעם קאָליר פון די קעלער־ווענט... זײַנע כמעט אומבאַוועגלעכע ברוינע אויגן — זענען געווען געווענדט צום אײַנגעבראָכענעם אײַזערנעם בעטל צו: אָט דאָרטן, ווו זײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען צום לעצטן מאָל געזעסן און זייער בלוט האָט דעם פעט־פּײַכטן סימן געלאָזט אויף דער וואַנט.

איך האָב דערפילט אַ נאָענטקייט צו מײַן חבר, וואָס איז געשטאַנען ווי פאַרשטאַרט, געוואָלט אים טרייסטן, זאָגן:

„ראובן, דעם אויסגעשניצטן ,פאַלאַנט׳ מיט דער געפלאָכטענער פילקע וועל איך דיר געבן. אָט־אָ די פילקע, וואָס פון רבינס ברייטע קאָלאָשן...״

נאָך האָב איך געטראַכט אים זאָגן:

„ס׳שליטעלע, וואָס הערשל ,ציגאַן׳ האָט אָפּגעשמידט, וועל איך דיר אויך געבן. ס׳איז שוין גוט אויסגעריבן; און לויפן לויפט עס — פײַל אויסן בויגן!״

מײַן פעטערס טרערן, בשעת ער האָט אויפגעהויבן ס׳אײַזערנע אײַנגעבראָכענע בעטל, און ארויסגעשאַרט אַ קינדיש קעפּל, האָט מיך

מער געשראָקן ווי די הורבע הרוגים אין קעלער. אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד ווײנט? אמת, בײַם טאַטן האָב איך שוין אַמאָל געזען טרערן; דעמאָלט ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון פּריזיװ, און יאושדיק געזאָגט:

— סע האָט נישט געפּיפּסט...

די מאַמע האָט דאַן געהאַלטן אין ווישן אַ טעלער, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע ציטערדיקע הענט מיט אַ טראַסק... זי האָט קוים אַרויסגעקרעכצט:

— אַ, אַ, —— אַזויפיל גאָלד!...

איך בין אַפילו, דעמאָלט, צופרידן געווען, וואָס כ׳וועל האָבן אַ טאַטן אַ זעלנער... נאָר פאַרוואָס „סע האָט נישט געפּיפּסט" איז מיר לאַנג נישט קלאָר געווען. געוווּסט האָבן אויך מיר קליינוואַרג: ס׳גאַנצע ביסל צירונג האָט מען פאַרזעצט בײַ שײנדל דער פּראָצענטניצע; און שמערל „מאַכער" איז געפאָרן מיטן טאַטן צום דאָקטאָר. דער טאַטע איז געקומען מיט אַ „פּיפּקע" אין אויער... אינדערפרי און פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט דער טאַטע אַרויסנעמען ס׳שטיקל וואַטע פון לינקן אויער, פאַרקוועטשן מיט צוויי פינגער די נאָז־לעכער; שטײַף פאַרפרעסן די ליפּן; רויט ווערן, ביז... ס׳האָט פון אויער אַרויסגעפּיפּסט...

איצט, ווען כ׳האָב געזען די טרערן פון מײַן פעטערס אויגן, בעת ער מיט נאָך עטלעכע ייִדן שאַרן אַרײַן די קופּע פון לאַזערס קינדער אין אַ זאַק, האָב איך זיך נעענטער צוגערוקט צו ראובנען, מײַן חבר פון חדר, וואָס האָט געקוקט ווי זיי נעמען אַראָפּ ס׳הענטל פון זײַן שוועסטערל, וואָס הענגט אויפן טשוואָק; געקוקט מיט אויגן, וואָס וועלן תמיד זען די שוועסטערלעך, ברידערלעך, וואָס דער הארמאַט האָט אין קעלער צעריסן...

(1934)

דער פוילישער פּאַטריאָט

די דראָטן אויף די טעלעגראַף־סלופּעס האָבן שטאַרקער געזומען זשומען, ווי מחנות צעראַיעטע בינען וואָלטן די ווײַס־פּאַרצעלײַענע פלעשעלעך באַפאַלן און פון וואַרשע אָנגעזאָגט דעם באַפעל:

— שנעל זאָל דאָס מיליטער פאַרלאָזן די קאַזאַרמעס! די באָלשעוויקעס האָבן דורכגעבראָכן דעם מערב־פראָנט!...

דער שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן קיין וואַרשע, איז שנעל פאַרפלייצט געוואָרן מיט מיליטער: רײַטער מיט נאַקעטע שפּיזן; שווערע האַרמאַטן מיט טאָפּלט־געשפּאַנטע פערד; פּולעמיאָטן, פאָלקן סאָלדאַטן, — אַלץ האָט זיך געיאָגט קיין וואַרשע, צום איינציקן פראָנט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן נאָך נישט דורכגעבראָכן.

דער פירער פון פּאָלק, קאַפּיטאַן דראַזשינסקי, וואָס האָט אין רוזשאַן דער לעצטער די קאַזאַרמע פאַרלאָזט, האָט זײַנע זעלנער געהייסן זיך „געזעגענען" מיטן שטעטל...

— נישט איבערלאָזן פאַר די באָלשעוויקעס!

קוילן האָבן געזומען האָגלען אין די לאָדנס פון די פאַרמאַכטע קראָמען. פריקלאַדן פון ביקסן און פּאַדקאָוועס אונטער זעלנערשע שטיוול האָבן אין געציילטע מינוטן צעריסן און צעטראָטן דאָס שטעטלשע לעבן. שטיבלעך אין דער שול־גאַס זענען געשטאַנען אין פלאַמען.

נאָר אויף בוידעמער און אין קעלערס איז אַ שטילע פרייד געוואַקסן:

— די באָלשעוויקעס קומען!

קיין באָלשעוויק האָט נאָך קיינער אין שטעטל נישט געזען. נאָר ליגנדיק באַהאַלטן אין די נאָרעס האָט מען אַ געוויסע נאָענטקייט שוין געפילט צו זיי, צו די באָלשעוויקעס. וואָכן ווי מ'האָט זיי דערוואַרט. מ'האָט געוווסט: די פריצים פון די אַרומיקע דערפער, און די רײַכע פון די שטעטלעך, אַנטלויפן מיטן פוילישן מיליטער...

די תבואות זענען געשטאַנען צײַטיק אויף די ברייטע פעלדער אַרום שאַסיי. די פולע זאַנגען האָבן זיך געבויגן צו דער ווייכער ערד. אַ שטילווינטל האָט געגלעט די גרינע לענגלעכע בלעטלעך פון די יונגע ווערבע־ביימלעך, וואָס פון ביידע זײַטן שאָסיי — ווי דורך די ווערבע־צווײַגלעך איבערגעגעבן די רייד פון די פולע זאַנגען:

— מיר וועלן געבן ברויט פאַר די הונגעריקע...

שעפסן האָבן זיך געפּאַשעט אין די ראָוועס בײַ ביידע זײַטן שאָסיי, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי גרינע טעפּיכער אַרום די רײַפע קאָרן־פעלדער.

קאַפּיטאַן דראַזשינסקי, דער רײַטער אויפן „שימל", אַט דער וואָס האָט זײַנע זעלנער זיך געהייסן „גרזעגענען" מיטן שטעטל, אַ באַהאַנ־געגער מיט מעדאַלן, מיטן פּוילישן אָדלער און מיט קאָלירטע בענדלעך אויפן ברוינעם מונדיר־אַרבל, — האָט געוואָרפן פײַער־ראַקעטן אין דער רײַפער תבואה... די טרוקענע זאַנגען האָבן שנעל גענומען פלאַקערן, ווי דאָס גאַנצע פעלד וואָלט באַשפּריצט געוואָרן מיט נאַפט...

די שעפסן, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין די ראָוועס אַרום שאָסיי, האָבן גענומען לויפן און מעקען מיט אַ יאָמערדיקן געוויין־מעקערײַ. די פונקען פון די פלאַקערדיקע תבואה־פעלדער האָבן זיך בליץ־שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע וואָלענע קליידער. דער שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן קיין וואַרשע, איז שנעל אָנגעפילט געוואָרן מיטן ריח פון פאַרברענט ברויט און צעסמאַליעט פלייש...

זיגעריש איז זיך דער קאַפּיטאַן געזעסן אויפן „שימל", זײַנע שוואַרצע פאַרשווירענע באַקן־בערד, ווי זײַנע אָנגעשטײַפטע פאַרדרייטע וואָנסעלעך — שפּיציק־שאַרפע. שפּיציקע און שאַרפע ווי זײַנע צערייצטע טיגער־אויגן.

— די באָלשעוויקעס קומען!

דער קאַפּיטאַן מיט די שפּיציקע באַקן־בערד און פאַרדרייטע וואָנסע־לעך האָט געקוואָלן ווי די ברענענדיקע שעפסן לויפן, פאַלן ווי פאַלנדיקע שטורקאַצן...

אויף אַ בערגל, בײַם ערשטן דאָרף, איז אַ געשפּרינקלט קעלבעלע געשטאַנען און געזויגן ביי אַ יונגער מאַמע־קו. דער קאַפּיטאַן האָט

אַרויסגעצויגן דעם „שפּײַער", פאַרמאַכט דאָס לינקע אויג און אַרײַנ־געיאָגט אַ קויל דער מאַמע־קו צווישן די קורצע, געדרייטע הערנער...

— סיי־ווי קומען די באָלשעוויקעס !...

שנעל איז געקומען זײַן באַפעל :

— שיסן !

די כאַטעס און די שײַערן מיט די שטרויענע דעכער האָבן די קוילן צעביסן. אַ מעקען און אַ בילן פון פיר־פיסיקע באַשעפענישן האָט זיך אויסגעמישט מיט קינדערשע געוויינען... אַ דאָרף אין פלאַמען.

סטעפאַן, אַ זעלנער אין דער הינטערשטער ריי, האָט זיך אומגעקוקט צום ברענענדיקן דאָרף. זײַן נידעריק, פעסט־געבויטער קערפּער, האָט מיטאַמאָל אויפגעציטערט. ווײַט זענען שוין געווען יענע שײַערן און כאַטעס מיט די שטרויענע דעכער; נאָר די וואָס האָבן זיך געפונען אין פײַער פון דאָרף זענען סטעפאַנען געווען נאָענט. נאָענט, ווי דאָס דורכגעשוויצטע העמד אויפן צעפּאַרעטן לײַב... סטעפאַן האָט אָפּיר־געשאָרט די בלאָנדע שטײַפע האָר, וואָס זענען געפאַלן צו זײַן היבשער פליישיק־פאַררויסענער נאָז, און זײַנע אויגן פאַרטשעפּעט אין אַ קרומען וואָלקן־באָרג, וואָס האָט ווי מיטמאַרשירט קיין וואַרשע...

דער טראָט פון זעלנערישע שטיוול האָט אויפן שאָסיי קיין וואַרשע אָפּגעקלונגען ווי דער ווײַטער רויש פון מאַשין־ביקסן... דער כוואַליקער שטויב, וואָס האָט זיך געוויקלט איבערן פאָלק זעלנער, האָט געביסן אין האַלדז. נאָר יענע אימהדיקע קולות פון די קליינע כאַטעס האָבן נאָך סטעפאַנס אויער געשרויפט: דאָס דאָרף ווו עס וווינט זײַן אייגענע פאַמיליע, איז אים אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן, און צעקלעמט זײַן געמיט.

— ווו איז איצט זײַן טאַטע־מאַמע ?

— פאַרוואָס האָט ער געשאָסן ווען אפילו אויף באַפעל ?

— באַשיסן איצט אַנדערע זעלנער די כאַטעס פון זײַן דאָרף ?

די אַ אַלע פראַגן האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן סטעפאַנען שטיקן און וואַרגן. די געלאָדענע ביקס מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס איז אים שווערער געוואָרן. שווער, ווי ער וואָלט דאָס צעשאָסענע דאָרף אויף זיך

געטראָגן... שווער ווי דאָס לעבן אין קאַזאַרמע, אויף מאַנעווורעס, אין בלאָטיקע וועגן און חושך־נעכט...

אינעם קאַפּיטאַן אויפן „שימל", וואָס האָט באַפוילן צו צעשיסן די דאָרפישע כאַטעס, האָט סטעפאַן — דער זעלנער פון דער הינטערשטער ריי — דערזען ווי אַ ווילדע חיה, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט מיט שוואַרצע שפּיציקע באַקן־בערד און פוילישע מעדאַלן... אַ שנאה צום רייַטער מיטן פוילישן אָדלער האָט איצט סטעפאַן געפילט. געוווּסט האָט ער, ווי אַלע זעלנער:

— די באָלשעוויקעס קומען!

נאָר קיין סך צייַט צו טראַכטן איז אים נישט פאַרבליבן. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אַ צווייטן דאָרף און נאָכאַמאָל האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן:

— שיסן!

אָנגעשפּאַרט אין ביימער און אין סלופּעס פון פלויטן האָבן די זעלנער געיאָגט קוילן אין די כאַטעס אַרייַן. סטעפאַנס שנאה צום קאַפּיטאַן האָט איצט שוין געברענט ווי די זון, וואָס האָט געצונדן דעם שאָסיי קיין וואַרשע... הינטער אַ גרויסן, מיט מאָך־באַוואַקסענעם שטיין, איז סטעפאַן געבליבן ליגן און געצילעוועט אַ קויל... אַ קויל צום קאַפּיטאַן מיט די שוואַרצע שפּיציקע באַקן־בערד... ער האָט נישט געטראָפן! די קויל האָט נאָר אַראָפּגעריסן די הויט פון זייַן רעכטן שלייף און אַראָפּגעשאָסן דאָס היטל מיטן פוילישן אָדלער...

סטעפאַן, הינטערן מאָכיקן שטיין, האָט זיך געכאַפּט צום באַגנעט: ער האָט געוווּסט, אַז זיין לעבן איז אין קאָן... נאָר אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ שטויס פון אַ פריקלאַד:

— זיי נישט קיין נאַר! — האָט שטיל געזאָגט צו אים אַ צווייטער זעלנער, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען. — נישט זיך שטעכט אַ זעלנער, „גלופּאַק"!...

הינטערן מאָכיקן שטיין האָט זיך אַ נאָענטע פרייַנטשאַפט געבונדן צווישןביידע זעלנער. די ווערטער זענען געווען ווי אָנגעפילטע קוילן:

— די באָלשעוויקעס קומען, ווייסט?

— יאָ.

— נו ?

— ה־מ...

— געדענקסט וואָס קאַפּיטאַן דראַזשינסקי האָט געשטשעקעט אויף די באָלשעוויקעס ? „זיי רויבן, פאַרגוואַלטיקן, צעשטערן וואָס גאָט האָט באַשאַפן".

— אַ שאָד וואָס האָסט נישט געטראָפן אים, דעם סקורווי־סין.

— כ'האָב נאָך קוילן... דו יאָגסט זיי אין די כאַטעס ?

— ניין, כ'האָב בײַם ערשטן דאָרף אויך געשאָסן נאָר אין דער לופט...

ביידע זעלנער האָבן זיך אָנגעקוקט: ווי איינער וואָלט אויפן צווייטנס פּנים געציילט די שוויס־טראָפּנס וואָס האָבן זיך אַראָפּגע־גליטשט אינעם האַרטן מונדירקאָלנער... סטעפּאַן, וואָס האָט נאָר־וואָס געצילעוועט אַ קויל צום קאַפּיטאַן, האָט אַרײַנגעגראָבן די פינגער אין גראָז, אַרום מאָכיקן שטיין, און פאַרקוועטשט אַ גאַרשטש גראָז מיט ווייכע ערד.

— זעסט, — האָט ער צום צווייטן זעלנער געזאָגט — זעסט ?

— איז וואָס ?

— די ערד איז שוואַרץ, ווייך. איך האָב ליב געהאַט צו אַקערן דאָס פעלד !...

— און איך בין נישט קיין גלח, איך האָב אויך ליב געהאַט צו פאַרזייען...

דער קאַפּיטאַן, מיטן אַראָפּגעשאָסענעם היטל און מיטן פאַרטריקנטן פאַס בלוט בײַם רעכטן שלייף, האָט איבערגעגעבן דאָס פאָלק אַ צווייטן און אַליין זיך גענומען יאָגן מיטן פערד צום פאַסטעך אויף דער לאָנקע, וואָס ער האָט געזען דורכן שפּאַקטיוו.

— ווינען דאָ „זשידעס" וואָס האָבן געוועזן ? — האָט ער דעם פון זון פאַרברוינטן פאַסטעך געפרעגט.

דער פאַסטעך, אַ דערשראָקענער פאַרן צערייצטן קאַפּיטאַן, האָט אַרויסגענומען דאָס ווערבע־פײַפל פון די צעשעקעטע ליפּן און קוים אַרויסגערעדט דעם נאָמען פונעם ייד, וואָס האַלט די קרעטשמע הינטערן באַרג בײַם שייד־וועג.

דער קאַפּיטאַן האָט צעשפּיליעט דעם געפּאַסטן מונדיר, אָפּגעשפּיליעט די מעדאַלן; אַראָפּגעריסן די בענדלעך פון אַרבל (אָפּצווישן דעם סימן פון אַ פּוילישן קאַפּיטאַן...) און מיט די שפּאָרן געגומען קלאַפּן אין פערדס באָקעס. ער איז שוין זיכער געווען, וואָס ער וועט „זיי" פרעגן... רעדן צו די ייִדן אויף רוסיש, כּדי זיי זאָלן מיינען, אַז ער איז טאַקע דער ערשטער באָלשעוויק...

אַ וויַיסע פּינע האָט אַרויסגעוויזן פון „שימל'ס" מויל בייַם אַריַינגעקרעמפּטן צייַמל, און אַ געלע, ביטערע סלינע איז געפלאָסן בייַם פּוילישן פּאַטריאָט דורך זיַינע צעשטשערבעטע ציין... ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט דעם פרייַלעכן ייִד, וואָס וועט באַלד שטיין פאַר אים און קוועלן וואָס ער רעדט שוין מיטן ערשטן „באָלשעוויק"...

ער האָט אַ זיַיטיקן בליק געוואָרפן צו דער שווערד, וואָס איז אים געהאָנגען בייַ דער זיַיט און נאָך שנעלער געגומען יאָגן דאָס פערד און געקלאַפּט מיט די שפּאָרן אין „שימל'ס" צעבלאָזענע באָקעס. עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעחזרט די איינציקע פראַגע וואָס ער וועט פרעגן דעם ייִד, טאַקע אויף רוסיש:

— „די פּאָליאַקן זענען שוין אָוועק?"

— „אָנטלאָפן צום טיַיוול!"...

ער האָט געפילט ווי זיַין גאַנץ צעפּאַרעט בלוט וואָלט אַריַין אין זיַין רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט שוין געהאַלטן די נאַקעטע שווערד איבערן ייִדס קאָפּ... ער פאָכעט מיט דער שווערד ווי מיט אַ קאָסע און שטיקער פונעם ייִדן פאַלן, פאַלן...

ווען דער „שימל" איז אַרויף אויפן האַרטן באָדן — שוין לעבן שייד־וועג — האָט זיך דעם קאַפּיטאַן אויסגעוויזן, אַז ער הערט איבערן גאַנצן פעלד דעם עכאָ פון „שימל'ס" פּאָדקאָוועס:

— די

— באָל

— שע

— וויקעס

— קו

— מען!

הינט, אויף קייטן בײַ בודעס, האָבן אויף אים גענומען בילן. עופות, וואָס האָבן רויק אַרויסגעגריבעט קערנדלעך פון צעזייטע זאַנגען, האָבן גענומען קוואָקען און פּאַטשן מיט די פליגל. קינדער זענען אין שרעק געלאָפן צו די כאַטעס און דערציילט:

— אַ זעלנער איז צוגעריטן צו איטשקען און טשאַפּעט דעם לאָדן מיט דער שווערד. נאָר די טיר איז פאַרשלאָסן — נאָך אינדערפרי זענען אַלע געפאָרן אין שטאָט אַרײַן.

אַ בייזער, צערייצטער, איז דער קאַפּיטאַן אַוועק פון קרעטשמע־הויף. ער איז אַרויפגעריטן אויפן בערגל, בײַם צלם מיטן יויזל, מיט איין האַנט האָט ער שטײַף אײַנגעצויגן דאָס צײַמל אין „שימל׳ס״ מויל; מיט דער צווייטער — דעם שפּאַקטיוו צו די אויגן צוגעפּרעסט. דער „שימל״ האָט אַ בריקע געטאָן, ווי ר׳וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן יויזל מיט די פאַרפלאָכטענע הענט, און אַ ווײַלע געבליבן שטיין מיטן פאַרריסענעם קאָפּ און פאָדערשטע פיס אין דער הייך; — אַן אויסגעהאַמערטע, בראָנדזענע סטאַטוע מיטן לעצטן פוילישן קאַפּיטאַן...

די אַרומיקע ווײַטקייט וואָס האָט זיך געלאָשן מיט לעצטע פּאַסן זון איבער די רײַפע פעלדער, האָט ער דורכן שפּאַקטיוו נאָענט צו זיך צוגעצויגן. ער האָט געזען דאָס דאָרף אָפּגעברענט, אויסגעלאָשן... נאָר איין סאָסנע־בוים, נאָר אַ הויכער, אַ גראָבער, האָט נאָך געברענט. דאָס פײַער האָט אײַנגעביסן די לעצטע צווײַגן זײַנע און אָנגעטאָן אַ צעגליטן הוט אויף זײַן שפּיץ. דער קאַפּיטאַן האָט אויף דעם הויכן בוים לענגער געקוקט ווי אויפן געדיכטן וואַלד וואָס טונקעלע פּאַסן האָבן פאַרצויגן ווײַט בײַם האָריזאָנט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער בוים וועט נאָך לאַנג אַזוי ברענען: אפשר גאָר אַ גאַנצע נאַכט. ער וועט לײַכטן ווי אַ פּראָזשעקטאָר פאַר די באָלשעוויקעס, וואָס וועלן באַלד קומען דורך אַלע וועגן...

ער האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ אין אַלע זײַטן, זוכן די שליאַדן וואָס וועלן אים אַרויספירן צום שאָסיי, צו די זעלנער. די ווײַטע וועגן, ווי קליינעביימלעך און קוסטעס זענען געוואַקסן, האָבן זיך פאַר זײַנע אויגן, דורכן שפּאַקטיוו, פאַרשטעלט פאַר מחנות באַלאָדענע זעלנער,

באָלשעוויקעס... ער האָט נאָכגעלאָזט דעם פערדס ציַימל, אים אַ בריקע געטאָן מיט די שפּאָרן און זיך אַראָפּגעבויגן, ווי קוילן פון די באָלשעוויקעס וואָלטן צו אים שוין געפלויגן...

מיטאָמאָל האָט אים אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. דורך די ביימלעך האָט ער דערזען אַ טײַכל. ביים ברעג איז געשטאַנען אַ מיידל און עפּעס געוואַשן; געשטאַנען מיט אַ פאַרריסן קליידל און צוויי שלאַנקע, בלאַנקע פיס האָבן זיך אַרויסגעהעלט און אַרײַנגעשאָסן אַ נײַעם שטראָם צעיושעט בלוט אין זײַן מוח אַרײַן.

שווער האָט דער „שימל" געסאָפּעט ווען דער קאַפּיטאַן האָט אים שטאַרקער אַ יאָג געטאָן אין פּיַיכטן, זאַמדיקן וועג. לעכער ווי ווונדן זענען געבליבן אַרום וואַסער פון פערדס קאָפּיטעס. די תאוה ביים פּוילישן „העלד" איז געוואַקסן ווי די פּינע בײַם ציַימל-מויל פון פערד.

ווען דאָס מיידל אַ יונגינקע, מיט אַ פאַרריסן שמאָל נעזל און האָר ווי אויסגעקלאַפּטער ליען, האָט אים דערזען, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס אויסגעוואַשן פאַרטעך מיט די זאָקן און גענומען לויפן אין די הויכע געדיכטע גראָזן אַרײַן. זי האָט געוואָלט שרײַען, רופן נאָך הילף טאַטע-מאַמע, נאָר פון דער רגע וואָס זי האָט דערזען זײַנע שפּיציקע באַקן-בערד און שאַרפע צעצונדענע אויגן, איז איר קול ווי מיטן שטראָמיקן וואַסער אַוועק. דער קאַפּיטאַן האָט זיך נאָך איר גענומען יאָגן אין טיפן גראָז. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, איר געוואָלט אויפן פערד אַרויפכאַפּן און איר נעמען אויף יענער זײַט וואַלד... נאָר זי האָט זיך פון זײַן האַנט אַרויסגעריסן. אין זײַן פאַרשטשעמעטן גאַרשטש איז געבליבן אַ פּאַס פון איר געקעסטלטער בלוזקע. איצט האָט דאָס מיידל אַ געשריי געטאָן, וואָס איז גיכער געווען אַ קרעכץ פון טעמפּן פחד.

— מאַ-מו-ש-ש-שאַ — — —

ער איז אַראָפּ פון פערד און געלאָפן צום פאַרפּלאָנטערטן מיידל אין די הויכע געדיכטע גראָזן, געלאָפן נאָכן ווײַסן קלאָרן לײַב, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון דער צעריסענער בלוזקע — — —

פון די הויכע גראָזן זענען די שפּרינג-פייגל זיך צעלאָפן... פון אַ קשאַק האָט אַ זומער-פייגעלע אַרויסגעיענטשעט. ס'איז עס באַפאַלן אַ שפּין פון זײַן געוועבבאַהעלטעניש אויף אַ צעפוילטן בוים. — — —

די זון איז שוין געווען פאַרשווונדן וויַיט הינטערן געדיכטן וואַלד. אין מערב, האָט דער הימל, זיך פאַרצויגן מיט צעאַקערטע וואָלקנס. דער פוילישער פאַטריאָט איז אַרויף אויפן פערד, צוגעריטן צום שאָסיי און גענומען יאָגן דעם „שימל" אָנצויאָגן זיַין פאָלק — לויפן. פאַרהיטן וואַרשע פון די באָלשעוויקעס...

שטיוול

1.

נישט ווייט פון דוד־לייב קאַמאַשנמאַכערס שטוב זעט מען אַרויס די אייַנגעמויערטע פּאַרטן. דאָרט שלענגלט זיך דער שמאָלער טייַך נאַרעוו, אַרום סאָסנאָוון וועלדל, ווו ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער זעלנערישער בית־עולם. די אייַנגעבויגענע הילצערנע צלמים קרימען זיך, ווי זיי וואָלטן געקלעטערט אויפן באַרג, צום שטעטל־צו, ר ו ז ש אַ ן.

פון די פייַכטע ווינטן וואָס בלאָזן אָפּט פון שמאָלן טייַך, זענען אַרום די זעלנערישע קברים אויסגעוואַקסן ווילדע, שליימיקע גראָבנס, ווי ביי אַן אָזיערע. די ערד איז דאָרט שוואַרץ און ווייך: גרינג פאַר די שקצים וואָס קומען מיט רידלען און גראָבן אויס די אויסגעפּאַשעטע ווערים אויף פיש־פאַנג. פולע בלעכלעך מיט ווערים טראָגן זיי אַוועק, דורכגעשאָטן מיט פייַכטער ערד. נאָר בעת די פּויליִשע פישער־יונגען ברענגען די גוסס־דיקע פיש אַרויפגעצויגענע אויף שנורן, ווייַכן פון זיי די ייִדישע באַלעבאַטעס:

— „זיי לאָזן נישט רוען, די געפאַלענע זעלנער, רחמנא לצלן״ — זאָגן די ווייַבער סודותדיק און שאָקלען צו מיט די קעפּ.

אין שטעטל שמועסט מען אַז גראָבנדיק די ווערים ביים זעלנערישן בית־עולם האָט איינער אויסגעגראָבן אַ דורכגעשאָסן אויער... און כאָטש קיינער אין שטעטל האָט נישט געזען דאָס דורכגעשאָסענע אויער, ווי מ׳האָט נישט געזען מאָטלען, דוד־לייבס זון, שווימען אין טייַך, האָט מען אָבער די פיש נישט געקויפט.

מיט דער פּינטלעכקייט, ווי מען וואָלט איבערדערציילט אַ שטיקל צייַטונג־כראָניק, רעדט נאָך אַלץ דאָס שטעטל פון דוד־לייבס זון:

דער פאַרפרוירענער טייַך האָט פּלוצים נאָכגעלאָזט און געעפנט די שליוזן פאַר אַ ברייטן שטראָם איבער די ברעגן. דער רעש פון די קריִעס אייַז, וואָס האָבן זיך געבראָכן ביי די שטאָלענע, שאַרפע „נעז״ פון דער

בריק, איז געווען ווי די בהלה פון די זעלנער בײַ דער לעצטער שלאַכט. דאָס צעבורעטע וואַסער האָט אַרויסגעריסן מאַטלס קערפּער מיטן אָפּגעשאָסענעם אויער און אים פאַרטראָגן אַזש קיין וואַרשע, צו דער ווײַסל. יידישע פישערס האָבן דאָרט דעם קערפּער אַרויסגעצויגן און אים איבערגעגעבן צו חברה־קדישה.

דוד־לייב קאַמאַשנמאַכער, אַ מענטש וואָס איז נישט גרייט געווען צו גלייבן די מעשה וועגן זײַן זון, האָט דאָך אַרומגעשפּאַנט צעטומלט, פאַרחושט, ווי אין אַן עולם התוהו... זײַן קורץ בלאָנד בערדל איז גרויער געוואָרן, כמעט ווײַס. אויך די געדיכטע לאַנגע ברעמען און די ווײַעס איבער זײַנע קלוגע, ברוינלעכע אויגן, האָבן באַקומען אַ קאָליר פון קאַלעמוטנער ווײַסקייט. אויף זײַן אונטערשטער ליפּ איז דער בלאָער, קוים־באַמערקבאַרער וואָרצל פון נערוועזן בײַסן, אויפגעלאָפן־גרויס ווי אַ נוס.

מיט נאַגנדיקע, באַהאַלטענע תרעומות פלעגן זיך מוראַדיק־לאַנג ציִען זײַנע שלאָפלאָזע שעהען אויפן געלעגער. אפשר געדאַרפט דעמאָלט דעם זון אויסבאַהאַלטן ? שיקן אים „שוואַרצן" די גרענעץ ? אָדער אפשר גאָר געדאַרפט קויפן פאַר מאַטלען דעם „רעצעפּט" ?

אָ, ניין ! דאָס האָט דוד־לייב בײַ זיך נישט געוואָלט פועלן. נאָר לייזער דער פאַרבער האָט אויף אַזאַ אופן געקאָנט אַרויסראַטעווען זײַן זון פון מיליטער...

איצט ליגט ער, ברוך, לייזער דעם פאַרבערס זון, ווי אַ נישט־דערקוילעטער אָקס. זײַנע ביסטרע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגן וואַרפן־אָן אַ פחד. זײַן דאַרער, שמאָלער ברוסטקאַסטן הייבט זיך האַסטיק אַרויף און אַראָפּ, ווי די „רעצעפּט" וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ברוך'ס אינגעווייד, וואָלט נאָך געהאַלטן אין עקספּלאָדירן...

עטלעכע מאָל האָט שוין דוד־לייב געטראַכט גיין ברוכן מבקר־חולה זײַן. מיט לייזער דעם פאַרבער איז ער אַ שטיקל קרוב. נאָר בעת דוד־לייב דערנענטערט זיך צו דער הילצערנער כאַטע און דערהערט ברוך'ס שרעקלעך הוסטן און פּײַנלעך יענטשען, בלײַבט ער אַ ווײַלע שטיין ווי אַ געליימטער און הייבט אָן פּאַמעלעך שפּאַנען צו דער שול־גאַס, ווי נאָך אַ לוויה.

.2

דוד־לייבס ווײַב, מרים „קאָזאַק״, — ווי מ׳האָט זי אין שטעטל גערופן — איז אויך נישט צו דערקענען. אַ געלבלעכע מראה האָט זיך פאַרצויגן אויף איר רונד, פליישיק פּנים. אָן אַ שיעור קנייטשן און קאַרבן האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויף אירע נאָכגעלאָזטע באַקן און ברייטן שטערן. אָפט דאַכט זיך, זי רעדט צו זיך אַליין; כאָטש מ׳הערט נישט קיין קלאָר וואָרט. רעדט מער מיט די אויגן, וואָס קוקן אויס ווי אונטערגעהאַקט. זי בײַט מער נישט איר אָפּגעטראָגענע הלבשה. דאָס אַש־גרויע טיכל מיט די פינטעלעך, ווי זשאַווער־פלעקן, איז משונהדיק פאַרבונדן אויף איר קאָפּ.

די דימענטענע אוירינגלעך און די גאָלדענע פינגערלעך האָט זי שוין לאַנג אויסגעטאָן פון די שאַרסטקע הענט. מרים איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון איר מאַן, און האָט שטענדיק אָנגעקוואָלן, וואָס אירע זעקס זין זענען אינגאַנצן אין איר געראָטן. איצט שלעפּט זיך קוים מרימס הויכער, מגושמדיקער גוף אין די ווייכע שטעק־שיך. בשעת אַ שכנה פלעגט בנעימותדיק איר אָנהייבן טרייסטן, און צוגערעדט זי זאָל זיך בעסער נעמען אין די הענט אַרײַן, האָט אַ נײַער קוואַל זיך געעפנט אין אירע רויט־געליאַמעוועטע אויגן:

— מיט וועמען בין איך געבליבן, גאָטעניו? — האָט זי געצויגן מיט אַ צאינה־וראינה ניגון — זעקס זין אויסגעכאָוועט ווי די בערן; ווי צעבליטע דעמבעס, און איצט? איצט!...

מרים איז געבליבן אין הויז מיט צוויי קינדער: מיטן קוים דרײַצן־יאָריקן פישלען — דער ייִנגסטער פון די זין — און מיטן קאָסאָקן מיידעלע, וואָס פאַרמאָגט אַ סך זומער־שפּרענקעלעך אויפן פאַרריסענעם נעזל.

נישט פון אַלע זין האָט מרים נחת געהאַט, ווי ס׳ווינטשן זיך עלטערן; נאָר מאָטל, וואָס איז געבליבן אַרבעטן בײַם טאַטן, איז געווען דער פרייליכסטער און ליבסטער. קאָן עס מעגלעך זײַן — האָבן די מחשבות איר נישט געלאָזט רוען — אַז מאָטל איז געווען אין שטעטל און איז אַפילו אויף אַ רגע נישט געקומען זען טאַטע־מאַמע? איז אפשר גאָר אַ ליגן, וואָס דער גרײַז־גרויער וויעטראַטשניק האָט דערציילט, אַז

ער אַליין האָט „געכאַפּט אַ וואָרט" מיט מאָטלען, בעת זײַן פאָלק איז געלאָפן פאַרהיטן די פאָרטן?

דורך די טעג און נעכט, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די מוראדיקע שלאַכט בײַם פאַרכאַפּן ס'באַפעסטיקטע שטעטל און מ'איז געלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערס און אין גריבער האָט מרים נישט געוואָלט פאַרלאָזן ס'הילצערנע שטיבל. ס'האָט נישט געהאָלפן דוד-לייבס שרײַען, נישט דאָס געבעט און וויינען פון שרהלען, ס'קאָזאַקע מיידעלע. מרים איז געבליבן אײַנגעעקשנט:

— אויב עס איז מיר באַשערט, גאָט אין הימל, דער טויט — וויל איך שטאַרבן אויף מײַן אייגן בעט!..."

האָט מען די אויפגעריסענע בריק שוין פאַרריכט. נײַע שויבן שוין אַרײַנגעשטעלט אין די צעדרומזשעטע פענצטער; עטלעכע ירידים האָבן אין שטעטל זיך געשטעלט, און מרים פאַרלאָזט זעלטענער ס'בעט... בעת זי בלײַבט אַליין אין שטוב, פאַררײַסט זי דעם קאָפּ צו די בילדער פון אירע זין אויף די ווענט און קוקט לאַנג, לאַנג אויף די קינדער, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען בײַ איר בעט.

אָט די צוויי עלטסטע, משה און ביינוש, די שוין באַווײַבטע און באַקינדלטע, וואָס וווינען אין דערבײַיִקן שטעטל — זיי קאָן זי כאָטש זען. מיט די קורצע, שוואַרצע בערדלעך, און ווײַסע, האַרטע קעלנער מיט די איבערגעבויגענע שפּיצן, שטייען זיי ווי אויסגעצויגענע סטרונעס אינעם גרינלעכן רעמל אויף דער וואַנט. דאַכט זיך זי הערט איצט, ווי אַמאָל, זייער זינגען בײַ די צוויי ניי-מאַשינען און דוד-לייב, בײַם וואַרשטאַט, פירט אָן מיט דער קאַפּעליע:

מיטן מעסער אין לעדער אַ שניט!
ס'רעדל אַ יאָג און אַ ניי;
די שטיוול צעכאַפּט מען אויפן יריד —
ווען די בלאָטעס פאַרדעקן דעם שניי.

דאָס געזאַנג פּילט-אָן די דרײַ שטיבלעך; קלינגט אַזש אָפּ אין שטילן, שמאָלן געסל, און מענטשן שטעלן שטעלן זיך אָפּ.

— א גליקלעכער טאַטע, דער קאַמאַשנמאַכער!

— זעקס זין, קיין עין־הרע, און עס קומט שוין געוויס אַ זיבעטער... אַ גילדענער בויך!

די קינדער וואַקסן הויך און ברייט־ביינערדיק, ווי ס'איז די מאַמע, „דער קאָזאַק". יונגע מאַמעס זענען מרימען מקנא:

— חוץ איר שאָדן, אויף אונדז געזאָגט.

נאָר קיינער ווייסט נישט, וויפל צרות און עגמת־נפש מרים כאַפּט אַריין יעדן אינדערפרי, ווען די בנים צעמישן זיך מיט די מלבושים...

דוד־לייב איז דעמאָלט געפאַלן אויף אַ „ספּאָסאָב" ווי אַזוי איינצוּשטילן די „באַסע קאָמאַנדע": אויסהעפטן זייערע נעמען אויף די קליידער! מרים האָט דעם פּלאַן טאַקע גלייך דורכגעפירט. נאָר ווו געפינט מען אַ פאָרטל פאַר די שטיוול? ווען ס'וואָלט זיך נישט באַוויזן אויפן יריד דער הינקענדיקער פאָרטרעטן־מאַכער מיט די ציגיינערישע אויגן, וואָס „כאַפּ־לאַפּ" און די פאָטאָגראַפיע איז פאַרטיק אויף אַ דין שטיקעלע בלעך, וואָס מ'קאָן אַריינשטעקן ביים „אויער" פון שטיוול — וואָלט די „באַסע קאָמאַנדע" זיך גאַרנישט איינגעשטילט...

איצט ליגט מרים אין בעט און העשעט. אַ רייפטל זון, וואָס האָט מיט די לעצטע שטראַלן צעצונדן אַ פּאַס הימל ביים וועלדל, טוליעט זיך צו די פענצטער, גלעט די קאַרבן פון מרימס רונדן פנים; גלעט די בילדער פון אירע זין, ווו איר בליק איז געווענדט:

לעבן די בילדער פון משהן און ביינושן הענגט דאָס בילד פון וועלוולען, וואָס האָט „געשוואַרצט" די גרענעץ. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין געזען די אַמעריקאַנער פאָטאָגראַפיע. אָן אַ שיעור מאָל פלעגט זי לייענען וועלוולס בריוו, ווו ער דערציילט דעם וווּנדער פון „אַמעריטשקע־גנב", אַז באַנען פליען דאָרטן איבער די קעפּ און פאַרשווינדן אונטער דער ערד.

מרימען שטיקן די טרערן. מיט די אויגן גלעט זי וועלוולס געקרויזטע האָר און מאַסיוון, צעשפּיליעטן האַלדז. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן אויס צעשראָקן; רעדן צו איר מאָדנע רייד, ווי דעמאָלט, ווען ער פלעגט נעמען רעדן שטיל, ווייל „ווענט האָבן אויערן...".

זי האָט טאַקע דעמלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס וועלוול האָט געזאָגט, אַז ס'ווערט אים ענג אין שטעטל... די פּוילישע שפּיקעס, די שפּיר־הינט,

האָבן געגומען שפּרייטן זייער נעץ. פון די אָבלאָווס, וואָס מ׳האָט פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט און אין די תּפיסות אָפּגעפירט, האָט וועלוול, ווי דורך אַ נס, זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט. נישט איין בוך און פּעק „בלעטלעך” האָט דוד־לייבס קוימען אויסגערויכערט...

די פּאָליציי איז געקומען זוכן נישט נאָר וועלוולען, נאָר אויך פּוליען — וואָס האָט אויף אַן אמת מקצר געווען ס׳לעבן פון טאַטע־מאַמע.

ווען פּוליע איז פון הויז פאַרשוווּנדן האָט מען אין שטעטל גענומען שמועסן אַז ער איז געוואָרן אַ פירער פון אַ באַנדע רויבער. פון רויט־האָריקן שניט־סוחר מיטן געשטופּלטן פּנים, וואָס איז אַרומגעפאָרן אויף די ווײַטסטע ירידים, האָט מען זיך דערוווּסט אַז פּוליעס באַנדע האָט „אָפּגעשטעלט”, לעבן אַ וואַלד, פראַכט־וועגענער. צום גליק נאָר איז אָנגעריטן אַ פּריץ אויף פּאָליעוואַניע, מיט אַ סטאַיע הינט און האָבן פּוליען צעריסן לעבעדיקערהייט...

די בשורה איז דערגאַנגען צום קאָמאַשנמאַכערס הויז.

אויף עטלעכע טעג זענען דאָן אַוועק דוד־לייבס זין, משה און ביינוש, און טאַקע צוריקגעבראַכט אַ פּאָר פאַרבלוטיקטע שטיוול, ווי יוספס ברידער האָבן געבראַכט צום טאַטן יוספס געשטרײַפט, פאַרבלוטיקט העמדל...

דוד־לייב האָט באַקוקט יעדן שטאָך אין די צעקנייטשטע כאַליעוועס, באַקוקט די פאַרדאַרטע, אויסגעקרימטע קנאַפּל און לײַכטער אָפּגעאָטעמט. מרים, ווי יעדער איינער, האָט געזוכט דעם סימן: — דאָס בילדל בײַ אַלע פיר „אויערן” און אַלע בייזע חלומות גענומען אויסבעטלען צום רויט־האָריקן שניט־סוחר מיטן געשטופּלטן פּנים...

3.

דוד־לייבס וואַרשטאַט איז געשטאַנען ווי אַ באַוואַקסענער קבר. אויף די טאָוולגע פּאָרמעס, וואָס זענען געהאָנגען אַרום די צוויי איבערגעדעקטע ניי־מאַשינען, האָט זיך אָנגעזאַמלט שטויב און שפּינוועבס. דער גרעטשינער פּאַפּ, אינעם קופּערנעם קעסעלע, איז שוין לאַנג געווען פאַרדאַרט און פאַרצויגן מיט אַ גרינלעכן „פּעלץ”, ווי מאָך.

ווען אין שטוב איז שוין נישט געווען וואָס צו פאַרזעצן, האָט דוד־לייב צוזאַמענגענומען די ווייכע שטיקלעך לעדער און געפּרוווט אָנשאַרפן ס׳האַרבאַטע מעסערל. אפשר וועט ער, מיט פישלס הילף, דעם בר־מצוה־בחור, נאָך קאָנען עפּעס טאָן — קריגן ביַי די שוסטערס עטלעכע באַשטעלונגען. נאָר זײַנע אויסגעדאַרטע פינגער האָבן זיך מוראדיק געטרייסלט: דעם טאָג וואָס מ׳האָט צוגענומען מאַטלען צום מיליטער האָבן זיי אויך צוגענומען ס׳ברויט פון קאָמאַשנמאַכערס שטוב.

דוד־לייב האָט געלאָזט רופן בערלען, ווי אַמאָל, בעת אַ מאַשין איז קאַליע געוואָרן.

בערל, מיטן רענצל כלים, מעשה דאָקטער, איז געבליבן שטיין ביַי דער שוועל מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק צו די איבערגעדעקטע ניי־מאַשינען. דוד־לייב האָט שנעל אַראָפּגענומען דאָס פאַרשטויבטע שטיק געוואַנט פון איין מאַשין.

— די וויל איך פאַרקויפן!

— פאַרקויפן?

— יאָ! פאַרקויפן! פאַרקויפן, זאָגט מען דאָך דיר!

— ר׳ דוד, וואָ־אָס? — איז דער צעטומלטער בערל מיטן אויסגעשמירטן פּנים געבליבן שטיין מיט אָן אָפן מויל.

דוד־לייב איז אַ ווײַלע געשטאַנען ביַי דער אָפּגעדעקטער מאַשין, ווי אַ מענטש וואָס נעמט פלוצים פילן חלשות, און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער נידעריקער קיך־טאַבורעטקע. זײַן ציטערדיק קול איז איצט געווען ווייך, דערשלאָגן:

— איך האָב אויף דיר געשריִען, כאַטש, וואָס ביזטו, בערל, שולדיק אין מײַן בראָך? איך רײַס זיך היינט אָפּ, ווי אַ הונט פון דער קייט אויף יעדן אומשולדיקן מענטשן... איך ווייס נישט צו וועמען אויסצולאָזן מײַן ביטער, צעבלוטיקט האַרץ... משה און ביינוש האָבן פולע שטיבער מיט פּיצלעך קינדער וואָס גייען אַרום קרוע־בלוע. וועלוול האָט געמוזט אַנטלויפן מעבר־לים. געוואָלט איבערמאַכן די וועלט. אמת, אַ טײַער קינד געווען. אָפּטע בריוו מיט געלט געשיקט. פּוליע׳ן? אים האָב איך בעסער געדאַרפט קליינערהייט באַגראָבן. נישט ער זאָל מבֿיש זײַן מײַן נאָמען. מאַטלען? וווּ געפינט זיך איצט זײַן געביין? וועלן מײַנע אויגן נאָך

האָבן די זכיה אים צו זען אַ לעבעדיקן ?... אָט בײַ יענער מאַשין פלעגט ער שטעפּן און זינגען...

מרים, וואָס האָט געהערט דעם סך־הכּל פון אירע זין, איז אַרײַנגעקומען פון קיך, אין וואַרשטאַט אַרײַן ווו די אָפּגעדעקטע מאַשין איז געשטאַנען, און געקוקט אויף אַלץ ווי אַ פרעמדע. מאַן און ווײַב זענען שוין לאַנג צעקריגט און מײַדן זיך אויס מיט די בליקן. כאָטש ווען זיי זענען נישט ברוגז וואָלט זי אויך נישט געווען קעגן דעם וואָס דוד־לייב פאַרקויפט די מאַשין. זי איז נישט געווען קעגן דעם ווען ער האָט גענומען פאַרזעצן די דימענטענע אויריגגלעך—די חתונה־מתּנה און די גאָלדענע רינגעלעך. נאָר שרהלע, ס׳קליינע קאַסאַקע מיידעלע, האָט געוויינט און געקלאָגט וואָס טאַטע־מאַמע לאָזן אַרויסנעמען פון שטוב די ניי־מאַשין.

4.

די לעצטע עטלעכע גילדן וואָס זענען פאַרבליבן פון דער פאַרקויפטער ניי־מאַשין, האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן פון קאָמאָשנמאַכערס הויז. דוד־לייב׳ס צאַפּלדיקע פינגער האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט האַלטן דאָס האַרבאַטע מעסערל צו קאָנען עפּעס צושנײַדן. אַפילו די מאַשין אײַנצו־פעדעמען האָבן די אויגן אים מער נישט געדינט. ער האָט באַשלאָסן נעמען לערנען דעם יינגסטן זון, פישל, די מלאכה.

פישל איז געבליבן זיצן עקשנותדיק. בײַ דער מאַשין. פון יענעם טאָג וואָס דער מלמד האָט אים פון חדר אַרויסגעשיקט, פאַר נישט צאָלן דעם שכר־לימוד, איז דאָס בחורל נישט אַרומגעלאָפן הפקרדיק. מיט דער ערנסטקייט פון אַ דערוואַקסענעם, ווי ער וואָלט בײַ זיך באַשלאָסן אַז פון איצט אָן מוז ער נעמען טראָגן דעם עול־פּרנסה אויף זײַנע יונגע פּלייצעס, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרקען בײַם וואַרשטאַט און מאַשין.

פאַמעלעך, ציטערדיק, ווי אַ קינד וואָס נעמט שטעלן די ערשטע טריט, ציילט איצט פישל שטאָך נאָך שטאָך אינעם צוגעשניטענעם שטיקל לעדער. די מאַשין סקריפּעט, פאַרהאַקט זיך ווי אַ טעמפּע פאַרזשאַווערטע זעג. מיטן שרויפנציער עפנט ער דאָס דעכעלע וואָס פאַרדעקט דער מאַשינס „האַרץ" און זעטיקט מיט אויל יעדן „אבר" אירן. ער הייבט

אַפּילו נישט אויף דעם קאָפּ צום שוועסטערל, וואָס קומט צו מיט אַ הייסן לעפּל באָרשטש און פרעגט:

— ווילסט פאַרזוכן דעם באָרשטש?

— באָרשטש דאַרף מען זאַלצן?

— ניין!

— איך האָב אים שוין צוויי מאָל געזאַלצן און ער האָט נישט קיין טעם...

שרהלע האָט שנעל אַראָפּגעשלונגען פון לעפל די רויטע פליסיקייט און זיך באַלעקט, מעשה נאַשער. זי איז אַוועק צו דער פּליטע, ווו דער קאָכיקער באָרשטש האָט געבאָלבעט אינעם קופּערנעם טאָפּ און געוואָלט אַראָפּשלײַדערן די טשוגונענע שטאָרץ. זי האָט גענומען קלינגען מיט די אָנגעגליטע פײַערקעס, אַרויפגעשטעלט דעם טאָפּ העכער, און נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום מאַשין.

— וועסט מיר אויפנייען אַ בײַטעלע?

— ניין!

— אַז די מאַמעשי שיקט מיך אין געוועלבל אײַנקויפן, לאָכן דאָרט פון מיר אַלע, ווען כ׳נעם אַרויס דאָס געלט פון קניפּל...

פישל האָט איר נישט געענטפערט. די אָנגעאוילטע מאַשין איז איצט געגאַנגען ווי אַ פידעלע. מיט אַלע חושים איז ער פאַרטאָן אינעם בליאַסק פון דער שפּרינגענדיקער נאָדל. ווי די טבע פון זײַן עלטסטן ברודער, האָלט ער אויך די שפּיץ צונג אין רעכטן מויל-ווינקל און קײַט זי ריטמיש.

שרהלע איז צו אים צוגעשטאַנען:

— אָט דאָס איז דאָס שטיקל לעדער, נאָ.

— טשעפּע זיך אָפּ! איך בין פאַרנומען, — האָט פישל מיט גרויס ערנסטקייט איר געענטפערט.

— ניי מיר אויף אַ בײַטעלע וועל איך דיר לאָזן האַלטן די „וויעטשנע סטאָלקע". (די פול-פעדער).

די מאַשין האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. פישל האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זײַנע אויערן נישט געגלייבט און אויסגעגלײַכט דעם געקעסטלטן קאַשקעט.

— טאַקע אויף אַן אמת?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס האָט געדאַרפט מיינען, אַז, זי וועט אים דערלויבן האַלטן די פאָונטען־פּען. כאָטש געקוקט האָט ער אויף איר מיט אומצוטרוי: נישט איין ביַיטעלע האָט מען איר שוין אויפגעניים און זי האָט עס פאַרשאַכערט פאַר אַ צוקערקע. און איצט איז זי טאַקע גרייט צו צאָלן דעם טיַיערן פריַיז — אים לאָזן האַלטן די פּול־פּעדער פאַר אַ ביַיטעלע?

פישל האָט גענומען ס'ווייכע, גלאַנציקע שטיקל געמזע־לעדער פון איר האַנט און עס מביניש באַטראַכט.

די פאָונטען־פּען — די מתנה וואָס וועלוול האָט געשיקט זיַין שוועסטערל — איז געלעגן אין אַ שאַכטעלע, ווי אַן אתרוג וואָס מ'האַלט ציטערדיק איַינגעוויקלט אין וואַטע. טאַקע אַ ווונדערלעכע זאַך — האָט פישל געטראַכט — אָט די אַמעריקאַנער פּען, וואָס זי לאָזט אים איצט האַלטן. די גאָלדענע פּען גלאַנצט, בלישטשעט. עס איז אַ מחיה צו קוקן. צום שריַיבן דאַרף מען נישט קיין טינטער! נאָכן שריַיבן קאָן מען זי פאַרשרויפן מיטן קאַפּעלע — באַשיצן דעם שפּיץ פון דער פּען. ווו מען וויל נאָר קאָן מען זי האַלטן. אפילו אַרומטראָגן מיט זיך. זאָלן די יינגלעך זען וואָס ער פאַרמאָגט. ווען ער קאָן זי נאָך מיטנעמען אין שול אַריין צו זיין בר־מצוה. אָ, אָ! ער וואָלט זי שוין אַזוי גרינג אַריַינגעשטעלט אינעם אייבערשטן וועסטל־קעשענע און נישט פאַרגעסן צו צעשפּיליען ס'רעקל: זאָל די אַמעריקאַנער „וויעטשנע סטאַלקע" אַרויסקוקן פון אונטערן טלית וואָס ער וועט דאַן טראָגן.

.5

פישל מיט דער פאָונטען־פּען און שרהלע מיטן ביַיטעלע זענען צופרידענע געזעסן אין קיך. טאַטע־מאַמע זענען אין הויז נישט געווען. ביַים מילנער, וווהין מרים איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען, האָט זי זיך דער־וווּסט, אַז דוד־לייב איז אויך געקומען איבערפרעגן צי ס'איז אמת, אַז ער, דער וויעטראַטשניק, האָט דאַן מיט מאַטלען „געכאַפּט אַ וואָרט".

באַרג־אַראָפּ, אויף דער שמאָלער סטעזשקע וואָס האָט געפירט צום סאָסנאָוון וועלדל און צום זעלנערישן בית־עולם, איז איצט מרים געגאַנגען. די ברייטע, לאַנגע ספּאָדניצע האָט זי מיט איין האַנט אַ ביסל אויפגעהויבן.

זאָל דער זוים זיך נישט רײַבן אין די גראָזן און אין די פאַרדאַרטע צוויַיגלעך. די צווייטע האַנט — אונטערגעשפּאַרט די לינקע ברוסט. דאָרטן האַמערט איר האַרץ. נישט ס׳ערשטע מאָל ווי זי גייט צום זעלנערישן בית־עולם, נאָר בשעת זי דערנענטערט זיך צו די באַוואַקסענע קברים מוז זי אונטערהאַלטן ס׳צעפּייניקטע האַרץ...

ביַי יעדן צלם בלײַבט מרים שטיין, נעמט אַרויס פון פולן בוזעם ס׳צעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר, ווו שרהלע האָט אויף פּויליש אָנגעשריבן „מאָטל יאַגאָדאַ״ — און זי נעמט פאַרגלײַכן די אותיות פון איר זונס נאָמען צו די נישט־קלאָרע נעמען אויף די הילצערנע צלמים.

אָפּט קומט זי דאָ, מרים, און אָן אויסגעוויינטע, אַ דערשלאָגענע, שלעפּט זי זיך קוים אַהיים. זי מײַדט אויך נישט אויס די קברים וואָס הינטער די פאַרטן, ביז טיף אין וועלדל.

אויף אַ בוים וואָס דער ווינט האָט מיט די וואָרצלען אויסגעריסן פון דער פײַכטער ערד, האָט זיך מרים צוגעזעצט. די מידע פיס, מיט די געקניפּטע אָדערן ווי שטריק זענען איר איצט שווערער געוואָרן. אין גאַנצן גוף פילט זי אָט־די שווערקייט. זי קוויקט זיך מיטן ווינטל וואָס האָט שטאַרקער גענומען בלאָזן פון טײַך, און בלײַבט זיצן — ווי אין דרימל — מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

דער קלאַנג פון טריט, אין געיאָגטן שפּאַן, הייבט אָן רוישן אין מרימס אויערן, קלאַפּן איר אין קאָפּ. טריט פון פערדישע פּאַדקאָוועס רײַסן אַזש די שטיינער פון די שמאָלע געסלעך. די אַקסן און די רייפן פון די רעדער קראַכן אונטער דער שווערער משא. מיט פאַרריסענע קעפּ לויפן די פערד אין ווילדן גאַלאָפּ. האַרמאַטן־קוילן צעפּאַלמעסן ס׳שטעטל; צינדן אָן די הילצערנע שטיבלעך. די פונקען און די געדיכטע, שוואַרצע קנוילן רויך רײַסן זיך צום הימל. פון יענער זײַט בריק האַגלען די פּוליעמיאָטן. די שחיטה איז אין פולן גאַנג. פאַרצווייפלטע קולות טראָגן זיך ווי פון אַ גיהנום.

די זעלנער לויפן ווי פאַרסמטע. צו די פאַרטן יאָגט מען זיי. מחנות־ווײַז שוועבן זיי דורך פאַר אירע אויגן. שורות פאַרשטויבטע שטיוול שפּאַנען אויף דער צעגליטער, אויפגעריסענער ערד! אָט דאַכט זיך

מרימען, אַז איין פּאָר שטיוול האָט זי דערקענט; ביַים „אויער" פון דער כּאַליעווע שטעקט אַרויס איר זונס פאָטאָגראַפיע:

— „מאָטל!! מאָ־ט־ל!"

מרים האָט זיך אַראָפּגעקייַקלט פונעם אָרט ווו זי האָט עטלעכע רגעס געחלומט. אַ וויַילע איז זי געבליבן ליגן מאַכטלאָז, ווי דער אויסגעצויגענער בוים, וואָס דער ווינט האָט מיט די וואָרצלען אויסגעריסן.

זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און געבליבן שטיין מיטן פּנים צו די איַינגעמויערטע פּאַרטן. מיט אַן אַנגסטן־שווייס איז געווען באַדעקט איר פּולער, ברייטער קערפּער. פון אונטערן פאַרשאַרטן טיכל אויפן קאָפּ האָט אַרויסגעקוקט אַ קוטשמע גרוילעכע האָר. מרים האָט גענומען אַראָפּשאַרן די מוראַשקעס פון דער אַנטבלויזטער האַנט און אָפּגערוקט זיך פון אויסגעריסענעם בוים.

שטיל און סודותדיק האָט זיך געשלענגלט דער טיַיך און דאָס פיַיער פון שקיעה האָט אָפּגעגלאַנצט אינעם וואַסער־שפּיגל פונעם נאַרעוו־טיַיך, וואָס איז דאָ נישט־לאַנג געווען רויט — בלוטיק רויט — און מיט אַ שטראָם געטראָגן אויף זיך די הרוגים... שטום און רויִק האָבן זיך נאָך געפּאָשעט די שעפּסן אין גרינעם טאָל, און זיך איַינגעהערט צום פּאַסטעכס פאַרבענקטן ניגון, וואָס ער האָט אויסגעשפּילט אויפן פיַיפיאַל.

נישט איַילנדיק האָט מרים זיך גענומען אומקערן אַהיים. קוים ווי זי האָט געשלעפּט די פיס באַרג־אַרויף, און איז שטיין געבליבן. לינקס, פון הינטער די קוסטעס לעבן וועלדל, האָט זיך געטראָגן אַ באַקאַנטער ניגון; דער זעלבער ניגון מיט וועלכן איר מאַן, דוד־לייב, פלעגט לעצטנס זאָגן תהילים. זי האָט שנעל גענומען שפּאַנען און דערזען דוד־לייבן. ער איז געשטאַנען מיט צעפליגלטע פּאָלעס און זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט געזאָגט קדיש נאָך די געפאַלענע.

— דוד!

מרימס קול איז געווען פול מיט טרערן. ער האָט געקוקט אויף איר ווי צום זאָגן אַז פון איצט אָן איז ער מער נישט בייז אויף איר; צו וואָס זיַין ברוגז? ביידע פילן דאָך דעם זעלבן אומגליק. דוד־לייב האָט זיך

צוגעזעצט אויף אַן אויסגעשפּרייטע פּאָלע און ווי זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר מרימען:

— מאָטל איז מיר געקומען צו חלום. ער האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס מען זאָגט נישט נאָך אים קיין קדיש?...

אויף דער צווייטער, אויסגעשפּרייטער, פּאָלע איז מרים אַראָפּגעזונקען מיט אַ געוויין:

— אויך מיר איז מאָטל געקומען צו חלום. שוין דאָס צווייטע מאָל די וואָך. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געבראַכט צוויי פולע קוישן מיט פּרוכט: עפּל, באַרנעס, פלוימען און רויטע מאַלינעס וואָס ער האָט אָנגעריסן ביים גלח אין סאָד. היינט, האָט מאָטל געזאָגט, האָט ער מער נישט קיין מורא אַריינצוגיין אין סאָד. אפילו פאַרן גלחס הינט שרעקט ער זיך נישט. אַלע האָבן דאַרטן דרך־ארץ פאַר זיינע זעלנערישע קליידער. ער איז געשטאַנען ביים שוועל מיט די פולע קוישן אין די הענט און געזאָגט: — „נעמט, פאַרזוכט די פּרוכטן, דערכאַפּט זיך די הערצער. איר זייט דאָך אויסגעהונגערט". איך האָב אים גערופן זיך זעצן צום טיש, נאָר מאָטל האָט זיך געאיילט. „איך בין אַ זעלנער", האָט ער געזאָגט, און איז נישט געוואָרן.

מרים האָט שווער אָפּגעאָטעמט, זיך אויסגעווישט די אויגן און פאַרגעזעצט דעם צווייטן חלום:

— דאָס צווייטע מאָל איז מאָטל געקומען אויף קוליעס אָנגע־שפּאַרט... ער איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. פאַרשוואַרצט און פאַרפּיניצטערט. איין האַלבן קאָפּ — פאַרבאַנדאַזשירט, און ביים אויער האָט ס׳בלוט דורכגעזעצט דעם באַנדאַזש. ביי מיין בעט, צוקאָפּנס, האָט זיך מאָטל אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען זיינע שטיוול, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן אָרעם, און מיר זיי געגעבן: „נאַ, האָט ער געזאָגט, וועסט זיי געבן פישלען. נאָר לאָז אים נישט גיין אין מיליטער. הינט באַהאַנדלט מען בעסער ווי מ׳האָט אונדז, יידישע זעלנער, באַהאַנדלט. ווען ס׳איז נאָר געווען אַ רעגן, אַ בלאָטע, האָבן זיי גלייך גענומען מוטשען די יידן מיטן „פּאַדניע־און־פּאָוסטאַן" (פאַלן און אויפשטיין). שעהען לאַנג האָבן די אָפיצערן אונדז אַזוי געפייניקט. פאַרגעסט נישט: פישלען טאָרט איר נישט לאָזן אַריינפאַלן אין די לאַפּעס פון די פוילישע רוצחים.

זעט וואָס פון מיר איז געוואָרן... אויפן ערשטן פּייַער האָט מען געשיקט אונדז — יידישע זעלנער..."

אָט דאָס וואָס מאָטל האָט איר געזאָגט געדענקט מרים קלאָר. איצט איז איר לייַכטער געוואָרן, נאָכן דערציילן אַלץ דעם מאַן. ווי אַ משא וואָלט איר אַראָפּ פון הארצן. זאָל ער, דוד-לייב, נישט פאַרגעסן, ווען פישל וועט אונטערוואַקסן. נישט אומזיסט האָט לייזער דער פאַרבער געקויפט פאַרן זון דעם „רעצעפּט".

די אָוונטדיקע רויטקייט אויפן הימל האָט זיך געלאָשן. פון הינטערן וואַלד האָט גענומען אַרויסקוקן אַ ברעקל לבנה. אין די גראָזן האָבן גרילן אָנגעהויבן זינגען, און די זשאַבעס — קוואַקען. אַ לאָדקע, וואָס איז געווען צוגעבונדן בייַם ברעג, האָט זיך געשאָקלט אויפן וואַסער. מרים האָט זיך צוגעטוליעט צום מאַן. אַ ציטער איז אַדורך איר קערפּער. ביידע האָבן געשוויגן, ווי שטומע אבלים.

6.

שרה'לע איז אַנטקעגן געלאָפן טאַטע-מאַמע :

— טאַטעשי, דער פּאַן מראָדזשיעווסקי, דער סטרוזש פון אַלטן צמענטאַרזש, וואַרט אויפן טאַטעשי שוין לאַנג.

מראָדזשיעווסקי, דער קליינינקער, האַרבאַטער שומר פון אַלטן צווינטער, האָט הכנעהדיק אונטערגעטראָגן דעם „דאָברי וויעטשור". (גוטן אָוונט).

דוד-לייב האָט מעכאַניש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו מראָדזש-יענסקין, זייַן אַלטן פרייַנט, וואָס ברענגט אָפט צו טראָגן אַ ביסל אַרבעט צום קאַמאַשנמאַכער. געוויס האָט ער, מראָנדזשיענסקי, איצט געבראַכט אונטערצוניייען אַ פּאָר כאָליעוועס פאַר איינעם פון זייַנע זין. דוד-לייב איז גרייט זיך נעמען צו דער אַרבעט. ער האָט אים גוטמוטיק געפרעגט:

— צאָ סליכאַטש ? (= וואָס הערט זיך ?).

מראָדזשיענסקי האָט געטאָן אַ „זופּ" פונעם האַלב-פאַרלאָשענעם צוויביק, אַ הייב-געטאָן מיטן הויקער און געבליבן שטיין נעבעכדיקער און קלענער, ווי ער האָט באמת אויסגעזען. מיט נערוועזע פינגער האָט

ער גענומען אַרויסשלעפּן ס׳פּעקל פון אונטער דער פּאַרלאַטעטער קורטקע, וואָס ער טראָגט סײַ זומער, סײַ ווינטער.

— אַ פּאָר שטיוול האָב איך דיר, לייבקו, געבראַכט. אַ סך שטיוול וועל איך דיר קענען פּאַרקויפן. ביליק ווי באַרשטש — זיי דיר אָפּגעבן. בײַ די שוסטערס קאָן איך פּעווּנע קריגן אַ בעסערן מקח, נאָר יענע זשידקעס וויל איך נישט געטרויען. צו דיר, לייבקו, נאָר צו דיר, האָב איך צוטרוי. מיר קענען זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג.

אַ שווערער ריח האָט זיך געטראָגן פון די שטיוול, וואָס דוד־לייב האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער טאָרבע. אַ גערוך וואָס האָט דערמאָנט אין צוגעפוילט פלייש... ווי די ריחות בײַ דער גאַרבאַרניע, ווו מ׳שאָבט די צעווייקטע פעלן. אַ ווײַלע איז דוד־לייב געשטאַנען פאַרלוירן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן צערויעטן קבר, וואָס ער האָט נעכטן באַמערקט לעבן וועלדל... איצט האָט דער עיפּוש פון די שטיוול פאַרשטיקט דעם אָטעם.

דאָס פּויערל איז געשטאַנען בלאַס, צעשראָקן. אפשר גערדאַרפט די שטיוול מער לופטערן — האָט ער געטראַכט — דער ייִד זאָל זיך נישט גלײַך אָנשטויסן פון וואַנען די שטיוול שטאַמען ———

דוד־לייב האָט שנעל אַראָפּגעשלײַדערט די שטיוול פון וואַרשטאַט. ער האָט אָנגעכאַפּט ס׳פּויערל בײַ די קליאַפּעס פון דער קורטקע און גענומען טרײַסלען:

— איך וויל נישט אַזעלכע מציאות! דו מיאוס׳ער, זינדיקער נפש! ברענג נישט אין מײַן שטוב דאָס וואָס דו האָסט אַראָפּגעשלעפּט פון אַ בר־מנן!...

דער אויפגערעגטער דוד־לייב וואָלט אַרויסגעשאָקלט פון צעשראָקענעם פּויער די פּאָר לויזע ציין, ווען מרים, וואָס איז געלעגן אויפן בעט אין צווייטן צימער, לויפט נישט אַרײַן:

— משוגענער! וואָס ווילסטו פונעם קריסט? זע נאָר ווי דער דלפן האָט זיך אַרויסגעריסן פון די האַלאַבליעס!

מרים האָט אויפגעהויבן מראָדזשיענסקיס טונקלבלאָ אָפּגעבליאַקעוועט היטל, מיטן צעשפּאָלטענעם לאַקירענעם דאַשעק, און עס אים דערלאַנגט.

— רעד נישט מיט אים. איך וועל קויפן בײַ דיר די שטיוול. דו הייסט

זיך געבן פּאָר זיי אַכט זלאָטעס? גוט! מאָרגן וועסטו קריגן דײַן געלט. ברענג אַ סך; וויפל דו קאָנסט נאָר קריגן. ברענג אַלע שטיוול אַהער. דאַרפסט נישט זוכן קיין אַנדערע קונים.

מיט אַ צופרידן דאַנקבאַר שמייכעלע האָט דאָס פויערל געענטפערט אויף מרימס רייד. געוויס, טראַכט ער בײַ זיך, וועט ער איר ברענגען די סחורה. בײַם סאָסנאָוון וועלדל און הינטער די פּאַרטן זענען דאָ בית־עולמ'ס... אפילו לעבן זײַן כאַטע און אַרום צווינטער זענען פאַראַנען זעלנערישע קברים... נאָר אַט־די פּאָר שטיוול, קאָן ער שווערן, האָט ער נישט אויסגעגראָבן. אַ חזיר האָט צעראַיעט אַ קבר. איצט ווייסט ער, מראָדזשיענסקי, אַז די זעלנער ליגן פלאַך באַגראָבן...

מרים האָט געפּועלט בײַם מאַן מיט געבעט, ער זאָל זיך נישט מישן. אַלע קברים, פון די מיליאָנען, וואָס מ'האָט אויסגעקוילעט, וואָלט זי באַשטאַנען, אַז מראָדזשיענסקי זאָל אויסגראָבן. כאָטש דעםווילדן געדאַנק האָט מרים נישט געוואָגט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן. שוין עטלעכע מאָל ווי זי זוכט בײַ די „אויערן" אין די כאַליעוועס און פרעגט איבער דוד־לייבן צי ער דערקענט נישט זײַן אַרבעט?...

אויף דער מאַמעס באַפעל איז שרהלע געלאָפן רופן פסח דעם שוסטער.

— צוועלף זלאָטעס וויל איך פאַר די שטיוול. מאָרגן וועט זײַן נאָך. יעדער נאַכט וועל איך האָבן אַ פרישן טאָבאָן. צעפּויקט נאָר נישט די נײַעס צווישן די שוסטאָקעס!...

דוד־לייב האָט זיך אַרײַנגעמישט וועגן מקח.

— נישט צוועלף, נאָר אַכט! אַכט זלאָטעס באַצאָלט איר. איך וויל נישט קיין ריוח! נישט קיין פּרוטה פון עשוס חזיר־פיסל...

פסח דער שוסטער האָט געקוקט אויף דוד־לייבן ווי דער קאָמאַשנ־מאַכער וואָלט, חס ושלום, געוועזן חסר־דעה. ער, דוד־לייב, ווייסט דאָך גוט אַז די שטיוול זענען ווערט דרײַ מאָל אַזויפיל. ממש מיט גאָלד צו גלײַך איז הײַנט אַ שטיקל לעדער! מענטשן גייען אַרום אין לאַפּטשעס און אין שקראָבעס. מען „סטרויעט" זיך אין אָפּגעפּאַרבטע זעק און בײַם טאָקאַר באַשטעלט מען זיך אַ פּאָר „קליאָמפּעס" (= שיך מיט הילצערנע זוילן). ווי אויף שטאָלצן גייט מען אויף די גראָבע, דעמבאָווע

פּאַדעשוועס!... דעם טרעגערס טראַט אויף די „קליאַמפּעס" הילכט אָפּ ווײַט, ווי ער וואָלט איבערגעשיקט סיגנאַלן...

מראַדזשיעוסקי האָט געהאַלטן וואָרט: כמעט יעדע נאַכט, ווען מ'האָט אויסגעלאָשן די בײַכיקע, פּאַרקאָפּטשעטע נאַפּט-לאָמפּ אין מאַרק, בײַם צעבראָכענעם פּלומפּ, האָט ער געבראַכט אַ פּאָר שטיוול. אָפּט — עטלעכע פּאָר אין אַ זאַק. מיטן יעדן שטיוול פּלעגט מרים דורכגיין די זעלבע פּראָצעדור: זוכן בײַ די „אויערן" און בעטן דוד-לייבן ער זאָל „כאַפּן אַ בליק". ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און איז גרייט זיך אָנצוכאַפּן אָן אַ שטרוי, אַזוי האָט מרים נישט געוואָלט אויפגעבן די לעצטע האָפענונג... דער וויעטראַטשניק האָט זיך דאָך פּאָר איר געשוווירן, אַז מיט מאָטלען האָט ער „געכאַפּט אַ וואָרט" —— בעת מאָטלס פּאָלק איז געלאָפן פּאַרהיטן די פּאָרטן.

פּסח דער שוסטער האָט פּאָר קיינעם נישט דערציילט, אַז מרים גיט אים אָפּ, בחצי-הנם, די שטיוול,וואָס זי קויפט ביים האַרבאַטן פּויערל און אַליין לעבן זיי אין דחקות. דאָס שטעטל אָבער האָט זיך פון דעם דערוווסט און אָנגעהויבן צו מורמלען. די ווײַבער האָבן צוגעקראָגן אַ טעמע:

— מיר האָבן נישט געוואָלט קויפן די פּיש בײַ די שקצים, ווײַל זיי גראָבן אויס די ווערעם לעבן בית-עולם, און מרים-קאָזאַק, די פרומע פּישטע-גבאיטע, שיט זיך אָן אַ זאַק מיט גאָלד! טפו! טפו! טפו! — שפּײַען זיי אויס, ווי בײַם אָפּשפּרעכן אַן עין-הרע — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד...

— נישט מײַן עסק — רופט זיך אָן אַ צווייטע מיט אַ פרומען ניגון — דער גוי איז טאָקע טריף, נאָר פון באָבקעס מאַכט מען נישט קיין געהאַקטע לעבער... על כל פנים מעג זי דאָך שוין אָפּצאָלן די געשוואָלענע חובות. זי גייט אַרום און קוואַקעט, מיט אַ זויער פּנים, ווי מיר וואָלטן איר געקוילעט די קאַפּאָטע.

די טרעגער, אין זייער געמוטשעטע לעבן, האָבן אין די אָפּטע קריגערײַען צווישן זיך, נישט פאַרגעסן אינעם „אויפגעקומענעם עושר", דוד-לייב דער קאָמאַשנמאַכער.

שרהלען האָט מען אין געוועלבל אָפּגעזאָגט צו באָרגן דאָס פּערטעלע צוקער אויף שבת:

— גיש׳קשה, דײַן מאַמעשי קאָן הײַנט באַצאָלן. דער קײַעט ווו ס׳איז פאַרשריבן אײַערע חובות איז שוין געשוואָלן, ווי אַ באַרג!...

די צוויי שבתדיקע ליכטלעך האָבן טונקל געבלישטשעט אין קאַ־מאַשנמאַכערס קיך. ס׳וואַקס האָט אָפּגעטריפט אינעם זאַמד, ווו די אויס־געקרימטע ליכטעלעך האָבן געשטעקט. די מעשענע לײַכטער און די הענטלעך פון די טירן האָט מען צוגענומען צו „ראַטעווען די מדינה״.

פון די גוססדיקע, וואַקסענע ליכטלעך האָבן די שאָטנס זיך געצאַפּלט אויף די צעדרימזשעטע ווענט. בײַם שוואַכן שײַן, אין אַלקער, האָט מרים געקוקט אויף די בילדער פון אירע זין: משה, ביינוש, וועלוול (פּוליעס בילד איז געלעגן אין קופערט...) און מאָטל, אין זעלנערישן, אויסגעוואַק־סענעם אוניפאָרם. מאָרגן, בײַ פישלס בר־מצוה, וועט נישט זײַן אַזאַ שמחה ווי ס׳איז געווען בײַ די פינעף זין. די שוסטערס, וואָס האָבן ממש דעמאָלט פאַרוואָרפן מיט באַשטעלונגען — וועלן נישט קומען אויף קידוש. דאָס שטעטל וועט נישט רעדן פון דער גרויסער סעודה.

פישל, דאָס ברמצוה־בחורל, זיצט בײַם פאַרשפּרייטן טיש, ווי דער טאַטע, אַ דערשלאָגענער. די אַמעריקאַנער „וויעטשנע־סטאַלקע״ האָט ער געמוזט אומקערן צום שוועסטערל. שרהלע האָט „פאַרקויפט״ דאָס בײַטעלע פאַר אַ פענעץ ווײַס ברויט באַשמירט מיט אייל... איצט זיצט שרהלע בײַם אויוון, מיט אַן אויסגעצוואָגן קעפל, און פלעכט־אײַן רויטע סטענגעס אין די בלאָנדע צעפּלעך. די זומערשפּרינקעלעך אויף איר שפּיציק נעזל גלאַנצן מיט פרייד: מאָרגן וועט זי גיין מיט דער מאַמען אין שול און אַראָפּקוקן,זען ווי פישל, אָנגעטאָן אין טאַטנס טלית, מאַכט די ברכה איבער דער ספר־תורה.

שרהלע האָט טאַקע אַראָפּגעקוקט פון דער ווײַבער־שול, נאָר איר שמחה איז געווען אַ צעשטערטע: אַזוי גיך ווי דער שמש האָט פישלען „אויפגערופן״ און דוד־לייב מיטן זון האָבן גענומען שפּאַנען צום באַלעמער, האָט די „מזרח־וואַנט״ זיך אויפגעקאָכט. וואָווע, דער רויט־האָריקער שניט־סוחר מיטן געשטופּלטן פּנים, האָט מיט רוגזה זיך אַ לאָז געטאָן צו דוד־לייבן:

— גוי גמור! פּאַשאָל פון דער ספר־תורה! טרײַבט אים אַרויס פון שול! ער רײַסט אויף קברים! איבער אים וועט נאָך קומען אַ מגפה אויף אונדזערע קעפּ!...

דער דאָזאָר — „בערקע פּאַרך״ — האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן גאָרגל, ווי אַ הינדל וואָס גיט אַ קריי ווי אַ האָן:

— וואַרפט אים אַרויס, דעם פּושע־ישׂראל! מען דאַרף אים, דעם גראָבן פליגל, עוקר מן השורש זײַן!...

וואָווע, דער שניט־סוחר און „בערקע פּאַרך״, דער דאָזאָר מיטן לאַנגן גאָרגל, האָבן צוגעקראָגן הילף: די בעלי־שישים און די בעלי־מפטירים — די אָנגעבלאָזענע מיוחסים — האָבן זיך געהיצט און געפּאַרעט, ווי פערד אין גאַלאָפּ...

— עזות פּנים!

— עוכר ישׂראל!

— וואַרפט אים שוין אַרויס!...

פּסח, דער שוסטער, מיט זײַנע צוויי בנים, זענען געקומען דוד־לייבן צו הילף. אין שול איז געוואָרן אַ בהלה. פינגער האָבן זיך אײַנגעפּלאָכטן אין בערד. אויף די אָראָפּגעריסענע טליתים האָט מען געטראָטן. סאַמעטענע קאַפּלען זענען געפלויגן פון די קעפּ, ווי אין אַ געוויטער.

פון דער ווײַבער־שול האָט זיך געהערט שרהלעס קוויטשען.

עטלעכע טעג זענען שוין אַוועק פון יענעם שבת, און פּסח, דער שוסטער, קומט אומזיסט צום קאָמאַשנמאַכער: מראַדזשיעצקי ברענגט מער נישט קיין שטיוול, ווי דאָס פּויערל וואָלט זיך דערוווּסט וואָס אין שול איז פאָרגעקומען און האָט דערשמעקט געפאַר.

דוד־לייב רעדט ווינציק צום ווײַב, כאָטש ברוגז איז ער נישט וואָס מרים האָט בײַם פּויערל אָפּגעקויפט די סחורה. אין דער שטיל האָט ער אויך געהאָפט און געבעטן עפּעס צו דערגיין וועגן זײַן זון. „ווו געפינט זיך מאָטלס געביין״? אים האָט שוין נישט געאַרט די חרפה און בושה וואָס דער דאָזאָר מיטן שניט־סוחר האָבן אים אָנגעטאָן. ער ווייסט, דוד־לייב, אַז וואָווע, דער שניט־סוחר, איז מרימען קיינמאָל נישט מוחל פאַר „אָפּשפּילן די חתונה״, אין זײַן שניט־געוועלב. פון דאַנען האָט

דאָך געשטאַמט די מעשה, אַז פּוליע האָט „אָפּגעשטעלט" צוויי באַלאַדענע פורן לעבן אַ וואַלד ...

מרים האָט באַשלאָסן אויסצוגעפינען די סיבה וואָס דאָס פויערל וויַיזט זיך נישט מער. זי האָט מיטגענומען דאָס ביסל געלט, וואָס אים איז געקומען און זיך געלאָזט צו דער כאַטע, בײַם אַלטן צווינטער.

זי האָט געטראָפן מראָדזשיענסקין ליגן אין קאָנוולסיעס, איַינגעטער־ליעט אין בעטל, ווי אין דרויסן וואָלט געברענט אַ פראָסט. זײַן פּנים־שוואַרץ ווי קין. טיילמאָל האָט ער די צעשראָקענע אויגן איינגאַנצן פאַרמאַכט און מיט די פאַרטריקנטע ליפּן געשעפּטשעט, ווי אַ תּפילה. אַז ער האָט אויפגעהערט מורמלען, איז ער געבליבן ליגן מיט אַן אָפן מויל, ווו די עטלעכע לויזע ציין האָבן ריטמיש זיך געטרייסלט.

נישט אַלץ וואָס מראָדזשיענסקי האָט אַרויסגערעדט איז געווען פאַרשטענדלעך. נאָך יעדער וואָרט האָט ער דערמאָנט יעזוסעס נאָמען... גאָט האָט אים געשטראָפט פאַר די זינד:

אין דער פינצטער, גראָבנדיק בײַ אַ קבר, ווו עס ליגן די פּיס פון מת, האָט פּלוצים דער רידעל אַ סקריפּע געטאָן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער „דערפילט" שוין די כאַליעוועס. אָט באַלד וועט ער זיך אַראָפּבייגן און שלעפּן די שטיוול. נאָר ווער זאָל וויסן, אז אין איַילעניש האָט מען ס'הילצערנע צלמל געשטעלט פאַרקערט?... אַ טעמפּער פּחד־ריטש האָט זיך אַרויסגעריסן פון מראָדזשיענסקיס האַלדז, בשעת זײַנע הענט האָבן אָנגעטאַפּט דעם זעלנערס פאַרשטאַרט פּנים———

אַ ווײַלע איז ער מאַכטלאָז געבליבן ליגן בײַם אָפענעם קבר. דער־נאָך — אויף אַלע פיר — גענומען קריכן צווישן די הויכע גראָזן. ער האָט שוין אפילו נישט געטראַכט פון דעם נײַעם רידל מיטן זאַק וואָס ר'האָט געלאָזן. דעם אָפענעם קבר קאָנען זײַנע הענט איצט נישט פאַרדעקן; פאַרווישן די סימנים פון זײַן בײַנאַכטיקער אַרבעט...

מרים איז געשטאַנען לעבן פויערל מיט פײַכטע אויגן; געקוקט ווי ער דרייט משוגעדיק מיט די הענט און באַוועגט שוואַך מיט די פאַרטרוקנטע ליפּן. וואָס וויל ער איר זאָגן? אפשר הייסט ער איר גיין צום אָפענעם קבר? גיין דאָרט נעמען דעם רידל מיטן זאַק און פאַרזעצן

זײַן אַרבעט ?... ער ווייסט איר כּוונה בײַם קויפן פון אים די שטיוול... מאַטלען האָט ער דאָך גוט געקענט.

זי האָט זיך אײַנגעבויגן כּדי זי זאָל קאָנען פאַרשטיין וואָס ער פּרוּווט איר זאָגן:

— מ—מ—אַ—

מרים האָט אָנגעכאַפּט זײַנע הענט און געפרעגט מיט געבעט:

— וואָס ווילסטו אַרויסרעדן ? פון מײַן זון ווילסטו מיר עפּעס זאָגן ? פון מאַטלען ? ! מאַטלען ? ?

נאָר קיין ענטפער איז נישט געווען.

דורך די פעלדער איז מרים געלאָפן, ווי פון זינען געריררט, מיט אַ געיאָמער. איר קול האָט ווײַט אָפּגעקלונגען; ווי דאָ, אין פעלד, וואָלטן איצט געוויינט אַ ל ע מאַמעס פון דער וועלט, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע זין.

1939



פאַרטיזאַנער

1.

דרײַ מענטשן קריכן אויף אַלע פיר צווישן די קוסטעס אין ברייטן סטעפּ. זייער ציל — דערגרייכן וואָס שנעלער דעם געדיכטן וואַלד.

מיט יעדער רגע וואַקסט זייער אומרו. אַלע חושים — אָנגעשפּיצט, פאַרשאַרפט: דאָס שטיקל וועג, דורך וועלכן מ׳שאַרט זיך צום וואַלד צו, שמעקט מיט אַלע געפאַרן. נישט פאַר לייבן, טיגערס, לעמפּערטן, הײַענעס און שלאַנגען איז דער פּחד; ניין. מ׳היט זיך בלויז פאַר געפערלעכע דזשאַנגל־באַשעפענישן — נאַציס!...

דרײַ מענטשן אין ברייטן סטעפּ ווי ס׳לויערט דער שונא. נישט איבערן לעבן ציטערט מען, וואָס קאָן זיך דאָ, נאָך איידער מ׳קומט צום ציל, פאַרלאָשן ווערן, נאָר מ׳וויל ברענגען די גבורה און העלדישקייט פון פאָלק הינטער דעם שונאס פּאָזיציעס... יעדער איז באַקאַנט מיט דער שורה פון דער פּאַרטיזאַנישער שבועה:

„בלוט פאַר בלוט, טויט פאַר טויט!"...

דער קורצער האַרבסטיקער טאָג האַלט בײַם פאַרגיין. בלוי. אַ וואָלקן־קנויל זינקט אין מערב, ווי אַ שיף אין אַ צעברויזטן ים. עס גליט דער האָריזאָנט בײַם ראַנד פון די בערג־שפּיצן. אַ פאַס געדיכטער וואַלד וויקלט זיך מיטן גאָלד פון זון־אונטערגאַנג.

שורא, דאָס קוים נײַנצניאָריק מיידל וואָס שאַרט זיך פאָרויס, גיט אַ סיגנאַל צו די חברים: סערגעי און וואַקולין. אַלע דרײַ בלײַבן ליגן באַוועגלאָז, ווי דאָ, אין ברייטן סטעפּ, וואָלט פּלוצעם אויסגעפּעלט לופט צו אָטעמען... איר שאַרפער בליק האָט עפּעס באַמערקט. נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס זי פירט פויערים זיך אָנצושליסן צו די פאַרטיזאַנער. די וועגן, וואָס פירן צום געדיכטן וואַלד, זענען איר גוט באַקאַנט — די נאָענטסטע און ווײַטסטע מקומות.

שורא, האָט אַרויסגעצויגן דעם שפּאַקטיוו פונעם רוק־זאַק און

פאַרשאַרט אַ פאַסמע פלאַקסענע האָר, וואָס דער ווינט האָט כסדר געיאָגט צו איר פאַרריסן נעזל. אויף דער קאָלבע פון איר געלאַדענער ביקס האָט זי אָנגעשפּאַרט די געטאָקטע גאָמבע מיטן פלאַכן חן־גריבעלע. אירע בלויע אויגן ווערן גרעסער און שאַרפער ווען זיי זענען נאָענט צום שפּאַקטיוו: געפאַר! זי אָטעמט שווער ווען זי דערזעט די פּאַטרולן. די נאַצישע שפּיר־הינט זענען אויף דער וואַך!... זי דרייט דאָס רעדל צווישן די צוויי שפּאַקטיוו־גלעזלעך, ציט נענטער צו דעם פאַרהאַסטן שונא און פאַרפרעסט די ציין...

אַן עראָפּלאַן־געוויש האָט גענומען שנײַדן די לופט. אַ זשום, ווי פון אַ טעמפּער, ריזיקער זעג, וואָס האָט פּלוצים אָנגעהויבן זעגן די ביימער־שפּיצן פונעם געדיכטן וואַלד.

שורא, סערגעי און וואַקולין האָבן זיך נאָך מער גענומען פאַרדעקן מיט די צווײַגלעך, וואָס האָבן געשטעקט אין זייערע פאַסקעס. פּאַמעלעך האָט זי נאָכאַמאָל גענומען דעם שפּאַקטיוו און אָנגעהויבן קעמען די וואָלקנס...

נאָענט צום וואַלד האָט שורא „דערטאַפּט" דעם צייכן אויפן פליגל פון שונאס עראָפּלאַן: דער האַקנקרייץ! פאַר אירע אויגן האָט גענומען שוועבן אַ מאָנסטער מיט אַן־אַ־שיר אויפגעריסענע פּיסקעס! אַ ראַק, וואָס וועט צעפרעסן זײַן באַשאַפער... אפשר זאָל זי זיך איצט נעמען צו דער געלאַדענער ביקס? אַרײַניאָגן עטלעכע קוילן אינעם פליִענדיקן מאָנסטער? אַרויסבלאָזן דעם מאַרך פון די נאַצישע משחיתים, וואָס זיצן דאָרט בײַ די רודערס? ניין, האָט שורא באַשלאָסן, — א י צ ט וואָלט דאָס ניט געטויגט: ס׳וואָלט נאָר באַשטעטיקט דעם שונאס פאַרדאַכט, אַז אין דעם וואַלד קאָנצענטרירן זיך די פּאַרטיזאַנער.

דאָס געוויש האָט זיך דערווײַטערט. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט אײַנגעשלונגען —דעם עראָפּלאַן, ביז דער לעצטער רגע האָט אים שורא נאָכגעקוקט. דערנאָך האָט זי אָנגעשפּאַרט די פעלד־גלעזער אין אַ שאַרפן שטיין, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דער פעטער ערד.

— מירן דאָ מ ו ז ן ליגן ביז ס׳וועט ווערן גוט טונקל.

דער אַלטער וואַקולין, וואָס האָט געהיט שוראַס יעדן באַוועג,

האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף לינקס, ווו שורא האָט נאָרוואָס געזען דעם שונאס פּאַטרול און גערעדט מער צו דער ביקס ווי צו שוראַן:

— יאָ, מ׳וועט מוזן וואַרטן — זיי טאָרן נישט דערשפּירן אונדזער שליאַד...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שווײַגעניש, וואָס האָט געשפּאַרט צו די וואָלקנס, צום נאַצישן עראָפּלאַן: האָבן די שפּיר־הינט עפּעס באַמערקט? וועלן זיי זיך באַלד אומקערן און אָנהייבן שפּײַען מיט באָמבעס?

— בעסטיעס!

שוראָס בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף סערגעיען: ער האָט געהאַלטן אַ זשמעניע ערד און זי געקנאָטן ווי קיט... שורא האָט זיך צוגעשאַרט און אים אַ לײַכטן קלאַפּ געטאָן אין אָרעם:

— חבר סערגעי, זיכער, אַז... יאַנקל? ———

זי האָט נישט פאַרענדיקט איר פראַגע. דער געדאַנק וועגן אים האָט ווי צוואַנגען געריסן... די עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זי האָט פּאַמעלעך געציילט, גליִען אויף אירע ליפּן... יאַנקל, איר עלטערער שול־חבר, שטייט פאַר אירע אויגן:

„שורא, מיטן יונגן לאַנד וועלן מיר גליקלעך וואַקסן. מיר וועלן זיך ביידע בויען אַ נעסט״.

סערגעי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער זשמעניע ערד וואָס ער האָט געקנאָטן. אויף שוראָס נישט־פאַרענדיקטער פראַגע האָט ער נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. פון זײַן לעצטער באַגעגעניש מיט יאַנקלען האָט ער איר שוין דערציילט:

מיט עטלעכע טעג פריִער האָט יאַנקל, דער אָנפירער פון דער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג, דורכגעפירט דעם טויט־אורטייל אויף דעם פאַררעטער ניקאָלאַיעוו. ער, דער פאַררעטער ניקאָלאַיעוו, האָט צוגעשטעלט די פאַרהאַסטע דײַטשן די נעמען פון אַלע „קאָמסאָמאָלצעס״ און לאָקאַלע באַאַמטע.

בײַ דער שטאָל האָבן זיי דעם אָפּגעטשאָטעטן פאַררעטער געפּאַקט! אויף די קני איז ער געפאַלן און הינטיש זיך צעוואָיעט... אָן אַ שיר זיך געצלמט בײַם בעטן מחילה: מען זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זײַן

זינדיקער נשמה... דאָס גאָלד, וואָס אָט־אָ־דאָ ביים שייַער ער האָלט באַגראָבן, וועט ער זיי אָפּגעבן... זאָל מען עס שוין אויסגראָבן, נאָר אים ———

דעם פאַררעטערס לעצטן ריטש האָבן די דייַטשן דערהערט... סערגעי האָט דעם זעלבן אָוונט זיך געלאָזט צו דער כאַטע, ווו שוראָס מאַמע, די אַלמנה — אַ קאָלעקטיווע פאַרמערקע — האָט געוווינט. יאַנקל האָט אָנגעזאָגט אַז... שורא וועט שוין וויסן ווּהין זי דאַרף אים פירן.

שוראָס מאַמע האָט אפילו געקוקט מיט פאַרדאַכט ווען סערגעי האָט איר שוועל אַריבערגעטראָטן. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט מיט די סימנים פון פרישן בלוט:

— דער קולאַק, ניקאָלאַיעוו, וועט שוין מער נישט מסרן...

אַ צופרידענער שמייכל האָט באַצירט די קנייטשן אויפן פּנים פון שוראָס מוטער. זי האָט אים דערלאַנגט אַ שיסל קאַלטע וואַסער מיט אַ ריינעם האַנטעך. זי האָט אים אויך געגעבן אָפּצועסן און אים געזאָגט אַז ער איז דאָ נישט דער איינציקער: אין קעלער־גרוב געפינט זיך וואַקולין, וואָס וואַרט שורא זאָל צוריקקומען...

סערגעי און וואַקולין האָבן צוויי טעג זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלער־גרוב, ווו שוראָס מאַמע האָט זיי באַזאָרגט מיט שפּייַז און געווער... די צוויי פּויערים פון פאַרשידענע דערפער האָבן זיך דאָ צום ערשטן מאָל באַגעגנט און זיך פאַרברידערט. סערגעי האָט געהאָלפן צעטרעטן אַ וואָרעם, וואָס האָט זייַן גיפט יאָרן אויסבאַהאַלטן. וואַקולין האָט גענומען נקמה אין שונא אויף אַזאַ אופן:

די דייַטשן, וואָס האָבן זייַן דאָרף אונטערגעצונדן, זענען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע באַגנעטן, וואָס האָבן נאָך שאַרפער געגלאַנצט לעבן די פלאַמען. די פּויערים וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן די בהמות, האָבן קוים מיטן לעבן זיך אַרויסגעראַטעוועט. מאַמעס האָבן געדריקט צו די ברוסטן זייערע פאַרשלאָפענע קינדער...

פון פּחד האָבן די ערשטע טרערן זיך שנעל אויסגעטריקנט. די שׂנאה צום שׂונא וואָס האָט די היים חרוב געמאַכט, איז געוואַקסן מיטן פייַער! ער, דער אַלטער וואַקולין, האָט מיט אַ בליק זיך געזעגנט מיט דער

טאַכטער און מיט די כּמעט נאַקעטע אייניקלעך. זײַן אײַנגעבויגענער גוף האָט זיך אויסגעגלײַכט: דער נקמה־געפיל האָט אַ ים ענערגיע אין זײַנע בלוטן אַרײַנגעגאָסן.

די וואָך אַרום דעם אַמוניציע־לאַגער איז אין דער שפּעטער שעה געווען אַ שיטערע, אַ לויזע. די דײַטשן איז געוויס נישט אײַנגעפאַלן, אַז ער, וואַקולין, דער עלטסטער אין דאָרף, וועט גלײַך אָפּצאָלן... דעם קראַך פונעם אויפגעריסענעם אַמוניציע־לאַגער האָט מען געהערט אויף מײַלן. די אַרומיקע שטיבלעך, ווו די דײַטשן זענען געשלאָפן, האָט די ערד פאַרשלונגען...

.2

דער טאָג האָט זיך אויסגעלאָשן אינעם אָפענעם סטעפּ. דרײַ מענטשן שאַרן זיך צום וואַלד, וואָס פאַרהילט דעם סוד: פּאַרטיזאַנען! „קומט, קומט, כ'וועל אײַך באַשיצן! הונדערטער, טויזנטער האָב איך שוין אויסבאַהאַלטן. קומט!”.

שוראַ, סערגעי און וואַקולין שפּאַנען איצט אײַנגעבויגן, לויפן. די געלאָדענע ביקסן — אײַנגעקלאַמערט אין די הענט. נאָך עטלעכע טריט איז יעדער בוים אַ פעסטונג. די צווײַגן ווען באַשיצן, פאַרדעקן.

די דײַטשישע פּאַטרולן האָבן פון זיך געלאָזט הערן: קוילן האָבן גענומען שטעפּן דעם וואַלד. נאָר וואָס טיפער די דרײַ זענען אין אים אַרײַן, אַלץ מער האָט די געפאַר פון זיי זיך דערווײַטערט. זיגזאַגיש איז שוראַ געלאָפן פאַראויס. פּלוצים איז זי שטיין געבליבן. זי האָט שנעל גענומען דרייען מיטן קאָפּ: עפּעס האָט זי דערהערט, ד ע ר־ פ י ל ט... זיך פאַרנומען לינקס, צום שמאָלן וואַסער־שטראָם, וואָס שלענגלט זיך צווישן די ריזיקע שטיינער, באַוואַקסענע מיט מאָך.

שוראָס חושים האָבן אויך איצט זי נישט גענאַרט: טריט וואָס האָבן געבראָכן די טרוקענע צווײַגלעך, האָבן אָפּגעהילכט. לעבן בערגל, צווישן די שטיינער־היילן, האָבן די דרײַ זיך אויסבאַהאַלטן. די פינגער — אויף די צינגער פון די געלאָדענע ביקסן אין ד ר ײַ פאַרשידענע ריכטונגען. שוראַ האָט באַפוילן:

— נישט שיסן איידער כ'וועל געבן דעם סיגנאַל. אויב זיי זענען

אין אַ קליינער צאָל איז בעסער זיי צו ברענגען לעבעדיקע. מ׳דאַרף פון די אויסוואורפן אַרויסקריגן אינפאָרמאַציע.

אַ שעה טיילט זיך אויף 60 מינוט אַ מינוט — אויף 60 סעקונדעס. איצט איז אַ מינוט, אַ סעקונדע — אַן אייביקייט! דריַי הערצער שלאָגן ריטמיש מיטן פולס פונעם גאַנצן לאַנד:

— אַ טויט דעם שונא!

אָט דערנעענטערט זיך דער שונא! ער שלעפּט זיך שלאָבעריק און האַלט די הענט אין דער הייך. אַ געפאַנגענער! איז דאָס אַ חלום? ניין, ביַים לבנה־שיַין וואָס שניַידט דורך די צוויַיגן, זעט מען דאָס קלאָר: אַ געפאַנגענער! הינטער אים — פּאַרטיזאַנער! שורא לייגט אַוועק די געלאָדענע ביקס און נעמט זיך אַרויפשאַרן צום שפּיץ פונעם מאַכיקן שטיין:

— ח—ב—רים!

דער אַלטער סערגעי איז איצט דער פלינקסטער. מיט אַזאַ פלינקייט האָט ער זיך דעמאָלט אַרויסגעריסן פון די דיַיטשן בשעת דער פאַררעטער ניקאָלאַיעוו האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן ריטש... נישט איין מאָל טראַכט ער, אַז ס׳וואָלט בעסער געווען ווען יאַנקל, נישט ער, ריַיסט זיך אַרויס פון זייערע לאַפּעס. יאַנקל איז דאָך אַזוי יונג. יאַנקל און שורא ———

דער ערשטער איז סערגעי איצט צוגעלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער. ער איז געבליבן שטיין מיט פאַרהאַקטן אָטעם לעבן איינעם מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ און רעכטער האַנט.

— יאַנקל?! — האָט סערגעי ווי מיט די לעצטע כּוחות אויס־געשריִען — שו—ר—ר—א! יאַנקל לעבט!

פון פרייד האָט דער אַלטער ווי אַ קינד זיך צעוויינט ווען שורא און יאַנקל האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך געהאַלדזט. אין צעטומלטקייט האָט וואַקולין זיך שנעל איבערגעצלמט און זיך גליַיך פאַרשעמט...

דער דיַיטש, אַ צעקנייטשטער, אַן אויסגעלאָשענער, איז געבליבן שטיין מיט די הענט אין דער הייך. יאַנקל האָט אויף אים אָנגעוויזן מיט דער געזונטער האַנט:

— ביַים ערשטן אָפּגעפּיַיערטן שאָס האָט ער אַוועקגעוואָרפן די

ביקס און אויסגעשריען: „קאַמעראַדן! איך בין אַן אַרבעטער, דער־הרגעט מיך נישט!"... ער זאָגט אַז ער איז שוין לאַנג מיד פון שלאָגן זיך און האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אונטערצוגעבן. קומט, חברים, מען דערוואַרט אונדז.

שוראַ און יאַנקל שפּאַנען פּאַראויס. נאָך זיי — דער געפאַנגענער דײַטש. פון הינטן סערגעי, וואַקולין און די איבעריקע פויערים פון פאַרשידענע דערפער.

אַ קיל ווינטל צעוויגט דיביימער־שפּיצן פון וואַלד. אין וואַלד רעגנט איצט מיט טרוקענע בלעטלעך און נאָדלען פון די צווײַגן. אַ רייפטל לבנה, אַ שטיק סערפּ, שפּאַנט מיט. שוראַ טוליעט זיך צו איר שול־חבר. יאַנקל לייגט אַרויף די באַנדאַזשירטע האַנט אויף איר אָרעם און רעדט צו איר שטיל:

— ...שוראַ, לאָמיר פון איצט אָן זיך מער שוין נישט שיידן. צוזאַמען, צוזאַמען האַלטן די ביקסן ביז מיר וועלן דעם לעצטן פאַשיסט פאַרטיליקן.

(1942)

אין דער היים
דער נײַער

רעלסן

לאַנג איז ער נאָך יענעם אָוונט געשטאַנען ביַי איר הויז, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. אָט באַלד וועט זי אָנקומען, מיט דריבנע, ריטמיש־געצאַמטע טריט. בעת זי וועט זיך דערנענטערן צום הויז און אים דערזען, וועט איר גאַנג זיך פאַרשנעלערן. איר קאַשטאַנענער טשוב וועט קאַפּריזנע זיך וויגן, ווען זי וועט אים פרעגן:

— וואַרטסט שוין לאַנג?!

ער וועט איר נישט זאָגן, אַז אינעם שמאָלן געסל האָט ער שוין אַלע פענצטער איבערגעציילט. ער וועט איר נאָר פרעגן:

— סילוויע, ס׳פעלט דיר אפשר אויס אַן אָוונט פאַר אַ מיטינג? — איך קאָן דיר אויסבאָרגן...

ווען זי וועט שמייכלען פון זייַן איראָנישער פראַגע, וועלן אירע שיטערע וויַסע ציינדלעך אַרויסגלאַנצן פון איר קליין מיַילעכל. דאָס חן־גריבעלע, ביַים שוואַרצן פינטעלע אויף דער לינקער באַק, וועט דעמלט ווערן טיפער. זי וועט אַרויפלייגן איר קליין, כמעט קינדיש הענטל אויף זיַין אָרעם און אַרויפריַיסנדיק ס׳קעפל מיטן קאַשטאַנענעם טשוב, וועט זי ווערן ערנסט און מיט פאָרוווּרף אים ענטפערן:

— אַלבערט, שוין ציַיט זאָלסט ווערן אַ מענטש. פאָלג מיך, עפן די אויגן! נישט נאָר דיַין וועלטעלע זע... דיַינע בילדער וואָלטן געקראָגן נײַע פנימער, ווען דו אַנטלויפסט נישט פון אונדזערע מיטינגען!...

✶

ביַי איינעם פון די גאַס־לאָמפּן איז אַלבערט שטיין־געבליבן און נאָכאַמאָל געלייענט איר בריוול, וואָס איר שוועסטערל האָט אים איבערגעגעבן. פון די קליינע, קלאָרע אותיות האָט ער איצט גענומען פאַרשטיין וואָס זי האָט אים, נישט לאַנג צוריק, געזאָגט. דעמלט האָט ער אירע רייד נישט גענומען ערנסט. זי סילוויע — אָדער צירעלע, ווי

מ׳האָט זי אין שטעטל גערופן — זאָל גאָר פאַרן אויף עטלעכע חדשים „אַרבעטן״ אין נעגערשע שטעט. עס לייגט זיך קוים אויפֿן שכל.

ביז פאַרטאָג וואָלט אַלבערט אפשר אַ דערשלאָגענער זיך אַזוי אַרומגעבלאָנקעט און געטראַכט פֿונעם מענטש, „וואָס איז אים אַזוי ליב און נאָענט געווען״. אויך די גאַס־לאָמפּן אויף די ראָגן וואָלט ער געציילט, ווען זיי לעשן זיך נישט אויס אַלע מיט אַמאָל. נאָר אַ שיכּור, וואָס האָט אַרויסגעכריפּעט האַלבע ווערטער אין דער קאַלטער נאַכט אַריַין, האָט זיג־זאַגיש אים גענומען נאָכשפּאַנען. שוין אין זיַין סטודיאָ־צימער, ביַים נײַעם בילד: „דער גלות־ייד ביַים עמוד״, וואָס שטייט נאָך אויפֿן מאָלברעט, האָט אַלבערט געהערט דעם שיכּור רעווען:

— העי, באָדי!

*

דער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט אַ גרויער, אַ ביַיסיק־קאַלטער. אין דער זאָווערוכע האָבן פּרעמדע מענטשן ביַי אָפענע ראָגן און סקווערן זיך אַרומגעכאַפּט: זיך געראַטעוועט פון אומפאַלן...

מאַנאָטאָן האָט זיך געשלעפּט אַלבערטס אַרבעט יענעם ווינטער־טאָג. מעכאַניש האָט ער געמאָלן די בלימעלעך אויף די טײַערע וואַזאָנעס.

מיד, אויסגעשעפּט, האָט ער זיך דערפילט אויף די נאַסע סאַבוועי־טרעפּ. אַ שטיקל נײַעס פון אַ צייטונג האָט אים פאַרכאַפּט, אויפגעוועקט: אין דער סאַוט, ווהין סילוויע איז אָפּגעפאָרן, האָט מען שוין נאָך אַ פּעטליע פאַרצויגן אויף אַ נעגער־האַלדז!...

אַלבערט איז שטיין געבליבן. אָנגעשפּאַרט לעבן איינעם פון די שטאַלענע שטאַנגען, וואָס טראָגן אויף זיך די שטיינערנע גאַס. זיַינע אויגן האָבן נאָכאַמאָל זיך איַינגעשניטן אינעם בילד ביַים שטיקל נײַעס אין צײַטונג. אַ צוגערויבט לעבן פון דזשעימס דאָריס. פאַרגעסן האָט ער אַ ווײַלע, אַז ער געפינט זיך אין אַ סאַבוועי־סטאַנציע.

אינעם קליינעם ביַידל, וווּ עס זיצט אַ מענטש הינטער אַ פאַרגראַטעטע שײַבל, און צעביַיט געלט אויף פינעף סענטיקע מטבעות, אַט דאָרטן ווי ס׳וואָלט געווען אַ תּפיסה, האָט זיך אַלבערטן אויסגעוויזן, זיצט

דזשעימס דאָריס... די שורה עלעקטרישע לעמפּלעך — ווײַסע, גרינע, רויטע, אויף דער פּײַכט־פאַרשטויבטער סטעליע, ווערן וואָס אַ מאָל גרעסער. דער צעוואָרעמטער עולם — וואָס אַ באַן האָט פון דער צווייטער זײַט פּלאַטפאָרמע פון זיך אַרויסגעשאָטן — לויפט צום בײַדל מיטן פאַרגראַטעטן שײַבל און טראָגן בונטן שטריק מיט קאַנען בענזין...

— קומט! קומט! לינטשט, לינטשט!...

פון לייענען די נײַעס וואָס האָט אים צעגליט, איז אַ שוידערלעך בילד געבוירן געוואָרן פאַר זײַנע אויגן: אויף אַ בוים, בײַ אַ קליין בריקל וויגן זיך צוויי אָפּגעסמאַליעטע פיס פון דזשעימס דאָריס. מוטער־נאַקעט הענגט דער קערפּער דורכגעזיפּט פון קוילן. די וואָלקנס אַרום בוים פאַרציִען זיך מיט שוואַרצע פלעקן, ווי מאַלפּעס וואָלטן אויפן הימל געקראָכן. מחנות קראָען קראַקען אויס אין כאָר:

— „פאַר דער ערע פון דער ווײַסער פרוי!"...

✶

פון אַ קלאַפּ אויפן אָרעם האָט אַלבערט צוריק דערפילט דעם סטאַנציע־באָדן אונטער די פיס.

— העלאָו מילטאָן!

— העלאָו אַלבערט! וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— הם, וואַרט, — האָסט געלייענט?

ער האָט מילטאָנען אָנגעוויזן אויפן שטיקל נײַעס מיט דזשעימס דאָריסעס בילד אין צײַטונג.

זײַטיק איז מילטאָנס בליק געפאַלן אויף דער צײַטונג, ווו ער פאַר־עפנטלעכט שוין עטלעכע יאָר זײַנע לידער.

— געלייענט, נאָך אינדערפרי. געהערט שוין אויך וועגן דעם פראָטעסט־מיטינג, וואָס ווערט גערופן אין האַרלעם. און דו — נאָך אַלץ פון דער זײַט?

— ווי איינער פאַרשטייט.

— נו, איז זיי מיר געזונט, כ'האָב נישט קיין צײַט.

— וווּ לויפסטו? וואַרט אַ ווײַלע.

— אַנטשולדיק, אַ פּאַרטיי־מיטינג.

מילטאָן האָט באַמערקט, אַז אַלבערט וויל אים נישט אָפּלאָזן. מסתמא וויל ער שטעלן פראַגן, שמועסן, דיסקוטירן — ווי אַמאָל.

— שוין לאַנג ווי דו באַלאַנגסט צו דער פּאַרטיי ?

— עטלעכע יאָר.

— וואַרט אַ ווײַלע — האָט אַלבערט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. — כ׳ל דיך עפּעס פרעגן, נאָר זײַ אויפריכטיק.

— נו, פרעג, נאָר שנעל !

— וואָס דענקסטו וועגן אַפּאַלאָווס בילדער ?

מילטאָן האָט אַ גלעט געטאָן אַ באַק, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, אַז אינדערפרי האָט ער נישט באַוויזן זיך צו ראַזירן. די צעזשאַרעטע ליולקע, וואָס איז געזעסן ווי אײַנגעוואַקסן אין אַ מויל־ווינקל, האָט ער אַרויסגענומען, בעת ער האָט צוריק געפרעגט:

— וועלכן אַפּאַלאָוון מיינסטו ? איך קען צוויי אַפּאַלאָווס...

אַלבערט האָט פאַרשטאַנען דעם ענטפער. מילטאָנען, זײַן אַמאָליקן חבר, געדענקט ער נאָך גוט, כאָטש זייערע מיינונגען, באַגריפן, זענען תּמיד געווען פאַרשידן. אַלבערט, וואָס האָט אויך לעצטנס גענומען ערנסטער טראַכטן פון זאַכן, וואָס אַמאָל זענען זיי אים אַפילו אין קאָפּ נישט געקראָכן, האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— זיבעצן יאָר אין שטעטל געלאָזן, שווער זיי צו פאַרגעסן — שווער.

— ווערזשע הייסט זיי דיר פאַרגעסן ?

— ?!

✶

די באַנען זענען אָנגעקומען נאַסע, אָפּגעצוואָגענע, און נאָך געציילטע רגעס געבליבן שטיין בײַ ביידע זײַטן פּלאַטפאָרמע. דורך די צעפּראַלטע טירן האָבן מענטשן־קנוילן מיט רעש זיך אַרײַנגעשטופּט.

אַלץ איז דאָ אין גערעג, אין געלויף. מ׳אַנטלויפט פון קאַלטע שעפער; פון חושכדיקע פאַבריקן — אײַנקוועטשן זיך אין די אײַלנדיקע באַנען, וואָס קומען און פאַרשווינדן.

אַלבערט האָט געזוכט אין אַלע זײַטן זײַן נײַעם פרײַנט — דעם פראַנצויז מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס, און איז געווען צופרידן, וואָס ער איז נישט געקומען. סײַ־ווי וועט ער שוין אויפן נײַעם בילד הײַנט נישט אַרבעטן. סילוויעס ווערטער האָבן נאָך געבריט זײַן אויער, ווי הײַנט, צום ערשטן מאָל, דערפילט זייער זין.

בײַם סוף פון דער פּלאַטפאָרמע איז אַלבערט שטיין געבליבן. אַלץ וואָס ער האָט דאָ געזען, איז פאַר אים געווען נײַ: אָט בײַטן זיך אויטאָמאַטיש די גרינע לעמפּלעך אויף רויט, ווען אַ באַן קומט אָן. אַ סאָבוועי־אָנגעשטעלטער רעדט אַרײַן אין טעלעפאָן בײַם וואַנט:

— באַן 1412. צײַט — 6:14.

ער זעט, ווי בײַם טעלעפאָן לייענט ער נאָך אַרויס פון אַ נאָטיץ־ביכעלע, נאָר די באַן־רעדער לאָזן שוין נישט הערן: ווילן נישט, אפנים, מ'זאָל וויסן דעם נאָמען פונעם מאַן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקאַטשעט פון די סאָבוועי־טרעפּ. ווי אַזוי איז ער געפאַלן? פאַר וואָס האָבן די צוויי ווײַסגעקליידטע מענער אים אַזוי שנעל אַוועקגענומען? אפשר האָט אים ווער אַרויסגעשטופּט? אפשר איז יענער גאָר פון הונגער געפאַלן? זיך אַרומגעבלאָנקעט אינעם פּראַסטיקן טאָג די הענט צו פאַרקויפן, און איצט? אַ מענטש?!

אין וואַגאָן זענען כמעט אַלע מענטשן געזעסן מיט אײַנגעבויגענע קעפּ אין צײַטונגען. אין אַ ווינקל, וווּ עס איז געזעסן אַ יונגער נעגער, איז נאָך געווען אַ ליידיק שטיקל אָרט. דאַכט זיך, די באַן, וואָס האָט געשניטן דעם טונקעלן אונטערערדישן הייל, האָט אויסגערופן אַ נאָמען:

— „דזשעימס דאַריס; דזשעימס דאַריס!"

די „לינטש"־סצענע, וואָס ער האָט פריִער געלייענט אין צײַטונג, האָט אין אים אָנגעהויבן אויפטויכן: ער האָט זיך דערפילט שולדיק, וואָס זײַן הויט איז ווײַס. גלייך ווי ער אַליין וואָלט עס געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די „לינטש"־אַקציעס. ער האָט שוין אפילו געטראַכט זיך צוצוזעצן לעבן דעם נעגער־יונג און אים זאָגן:

— חבר, ברודער, איך בין נישט שולדיק פאַר דזשעימס דאַריסעס טויט...

נאָר אַלבערטס פּנים האָט געפֿלאַמט, בעת ר'איז געזעסן לעבן דעם מוסקולירטן נעגער. זײַן צונג האָט זיך געפּלאָנטערט בײַ דער ערשטער פֿראַגע. ר'האָט דערפֿילט ווי דער נעגער ציטערט. זײַן שוואַרצער שכן האָט אַ פֿאַררוק געטאָן דעם אויסגעריבענעם אַרבל, אויסגעדרייט די האַנט מיט דער דלאָניע אויף אַרויף און אים געוויזן דאָס האַנט־זייגערל, ווי צו זאָגן:

— נאַ, זע אַליין, ווי שפּעט ס'איז. פֿרעג מיך נישט. ס'ט אפֿשר נישט גלייבן קיין נעגער...

אַ ווײַלע איז אַלבערט געבליבן זיצן פֿאַרשעמט און פֿאַרלאָרן צווישן די ווײַסע שכנים. אַפֿילו נישט באַמערקט דעם נאָמען פֿון דער סטאַנציע, ווו דער נעגער־יונג איז אַרויס פֿון באַן. ער האָט נאָר איצט געטראַכט, ווי אַזוי ער האָט דעם שמועס מיט יענעם געדאַרפֿט אָנהייבן. ער איז צוגעגאַנגען צום שויב פֿון דער פֿראָנט־טיר און זיך אָנגעשפּאַרט אינעם ווענטל, ווו אויף דער צווייטער זייט איז געזעסן דער מאָטאָר־טרײַבער פֿונעם בראָנקס־עקספּרעס.

די באַן האָט זיך געיאָגט, געגליטשט אויף די פֿײַכטע רעלסן, וואָס האָבן געגלאַנצט אין טונקעלן הייל, ווי נאַקעטע שווערדן. אַ נײַ בילד, אַ בילד אין דער אונטערערדישער הייל האָט אים אָנגערעגט: אָט ליגט די „דריטע רעלס" מיט טויזנטער פֿערד־קראַפֿט. די הייל — די טוכלע קעלערוועגט, געקניפּט מיט עלעקטרישע דראָטן, און די לעמפּלעך בײַטן זיך אין פֿאַרשיידענע קאָלירן. אָט גלאַנצן די קאַכלאָווע ווענט בײַ אַ סטאַנציע און באַלד ווערט ווידער טונקל. מינוטן לויפֿט די באַן און אָט דרייען זיך שוין די וואַגאָנען אין רונדן הייל ווי אַ קייט.

אַלבערט האָט אויפֿגעציטערט פֿון אַ פֿײַף, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איבערן ווענטל. אַלע ליכט זענען געוואָרן רויט — דער אָנזאָג פֿון אַ פֿראָנט־באַן אויף די זעלבע רעלסן. אָט זעט מען נאָך דעם לעצטן וואַגאָן פֿון יענער באַן, וואָס איז שטיין געבליבן. איינער פֿון די אַרבעטער דאָרטן שיקט סיגנאַלן דורך אַ לאָמפּ, וואָס ער וויגט הין־און־צוריק — שיקט אַ וואָרענונג צו דעם וואָס איבערן ווענטל:

— פּאַמעלעך, מענטשן שרויפֿן רעלסן!

ווען די באַן איז אַרויס פֿון הייל, זענען די הויך־פּלאַטפֿאָרמעס שוין

געווען באַוויזַסט פון געדיכטן שנײ, וואָס האָט זיך געשאָטן פון פאַר־וואָלקנטן הימל, און באַוויזַסט די שוואַרצע הענט און פנימער...

פון די באַנען, וואָס זענען געלאָפן קיין ניו־יאָרק, האָט אַלבערט ס׳אויג נישט געקאָנט אָפּרייסן: די „צינגער״ בײַ די רעדער, וואָס שלעפּן די באַן, לעקן אָפּ דעם פאַרשנייטן דריטן רעלס און לאָזן נאָך זיך פײַערדיקע בייטן...

פאַר אַ ביסן ברויט

ביל סמיט, אָדער ווי די מוליאַרעס פלעגן אים רופן „ביג ביל״, האָט יעדן פאַרטאָג אַרײַנגעשטעלט אַ שוועבעלע ווינציקער אין דעם אויסגעריבענעם באַנד פון זײַן צעקנייטשטן קאַפּעלוש... דאָס איז געווען אַ סימן וויפל ער וויל פאַר אַ טאָג אַרבעט. נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. בעת ער פלעגט זיך שוין דערשלאָגן צום שטיקל „אַלטערריישאַן דזשאָב״, זענען שוין אין די הונדערטער געשטאַנען מיט זשעדנע בליקן — כמעט אַלע ווי ער, מידע, אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע ווי בעטלערס, אויס־געשטעלט מיט דרײַ שוועבעלעך אין די צעפּאָרענע קאַפּעלושן: גרייט צו פאַרקויפן זייערע שטאַרקע מוסקולן פאַר ד ר ײַ דאָלאַר אַ טאָג.

ווען ביל פלעגט דערזען די מחנות אַרבעטער וואָס אויך זיי זענען גרייט אַרויסצוּוואַרפן צ ו ו י י שוועבעלעך, האָבן זײַנע שטאָלענע פויסטן זיך גענומען בײַלן. זײַנע שוואַרצע אויגן — גליִען! פון זײַן טונקל־הויטיק פּנים, אויף די האַלבע רעדער־ווײַסלען פון זײַנע קוילן־שוואַרצע אויגן, האָבן זיך באַוויזן בלוטיקע פלעקן, גלײַך דאָס גאַנצע בלוט, וואָס איז געפלאָסן אונטער זײַן טונקעלער הויט, וואָלט פון די ווײַסלען גענומען אַרויסשפּריצן.

ביל סמיט — אַ צערצייטע חיה, וואָס דערזעט דעם שאַרפן בלאַנק פון מעסער.

די אַרבעטלאָזע מוליאַרעס, זענען געווען באַהאָנגען מיט טאַרבעס, ווי זעלנער פאַרן אַוועקגיין אין מלחמה.

ביל סמיט — אַ צערייצטע חיה, וואָס דערזעט דעם שאַרפן בלאַנק ווען „אַנקל סעם״ האָט אין די טויזנטער אַזעלכע בילס געשיקט צו פאַרגיסן בלוט — גיין זיך שלאָגן פאַר אַ פרײַער אַמעריקע; פאַר רעכט צו לעבן און געניסן. נאָר איצט, אַנשטאָט קוילן און האַנט־גראַנאַטן, ליגן אין די טאַרבעס פאַרזשאַווערטע כּלים, וואָס פלעגן אַמאָל צאַפּלען אין זײַנע שטאַרקע הענט. ביל האָט געוווּסט, אַז נאָך אַ טאָג זײַנער איז אָפּגעשניטן ווי אַ זאַנג אין פעלד. און ביזן קומענדיקן פרימאָרגן — וואָס

וועט זיך ציִען פאַר אים ווי די ווינטער־חדשים — וועט אַ נײַע האָפענונג פאַר אים אויפגיין: אפשר וועט ער קאָנען זײַנע שטאַרקע הענט פאַרקויפן ?...

די מאָרגנס זענען פאַר בילן געווען ווי דער הײַנט: ער האָט דערפילט ווי דער הונגער בײַסט אים אײַן מיט שאַרפע ציין. אַ פאַרלוירענער בלײַבט ער שטיין, ווי איינער וואָס איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג...

נאָך אַזאַ פרימאָרגן פלעגט ביל זיך שלעפן אַ דערשלאָגענער אַרום די נײַע מויערן וואָס ער האָט אַליין, מיט זײַנע שטאַרקע הענט, בײַ זיי געלייגט ציגל נאָך ציגל און יעדע כלי וואָס ער שלעפּט איצט אַ פאַרזשאַווערטע אין טאָרבע, האָט אַמאָל אויף די ציגל אויסגעשפּילט דאָס ליד פון בויען. נאָר איצט פילט ער זיך ווי אַן אַלטער קלעזמער, וועמען אַן אײַנגעפאַלענער באַלעק האָט זײַן פידל צעבראָכן... ער קוקט אויף די ווענט, ווי ער וואָלט געזוכט יענע טעג ווען זײַנע שטאַרקע הענט זענען געווען זײַן גאַנצער שטאָלץ. דעמלט פלעגט ער פאַרדינען פאַר ווײַב און קינדער; פלעגט לייגן שאַכטע נאָך שאַכטע און פאַרמויערן זײַן אייגענעם מאָרגן...

ביל פלעגט אַזוי גיין פון גאַס צו גאַס ביז ער איז צוגעקומען וווּ ער האָט געוווינט:

די הייזער דאָ — אַלטע, שוואַרצע, פאַרחושכטע, ווי די טעג וועלכע האָבן זיך דאָ געוויקלט ווי אין טרויער־קליידער.

די קינדער אין גאַס—מער שוואַרצע ווי ווײַסע—אָפּגעריסענע, אַלע, כמעט, מיט איין פּנים, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געבוירן: פּעך־שוואַרצע געקרויזטע קעפּלעך, צעפּלאַטשטע נעזלעך און ווײַסע ציינדלעך, ווי בײַ יונגע שעפּסעלעך. די קינדער זענען געשטאַנען בײַ די קעסטלעך אָפּפאַל אַרום דעם פאַרקלאַפּטן הויז.

בילס שאַרפע ציין האָבן זיך אײַנגעביסן אין זײַן ליפּ, ווי אין אַ סמ׳יקן שטיק פלייש. צווישן די אַלע קינדער האָט ער דערקענט זײַנע צוויי.ביידע האָבן זיך געריסן איבער אַ געפונענעם ביסן פון מיסט־קאַסטן.

אַ הייסער שטראָם איז אַדורך בילס קערפּער. אַ ווײַלע איז ער פונעם

גרויליקן בילד געבליבן שטיין פאַרלוירן, אַזוי ווי אַמאָל אויפן שלאַכט־פעלד, ווען גיפטיקע גאַזן האָבן געגומען בייַסן די נאָז, דעם האַלדז, די אויגן... אַן אומבאַוווּסטזיניקער געדאַנק האָט אים פּלוצעם אָנגעפאַנגען גריזשען: ער זעט איצט קלאָר דעם שרעקלעכן קאַמף פון זייַנע קינדער פאַר אַ ביסן ברויט... בעת ער, דער טאַטע, מיט זייַנע שטאָלענע מוסקולן, האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעוואַנדערט אין דער ריזיקער שטאָט וואָס איז פאַר אים אַ מדבר.

ביל האָט זיך שוין פאַרנומען אוועקצוגיין, נאָר דער ייִנגערער, דער מיט די ברייטע אַקסלען און אַרויסגעשטאַרטער ברוסט, וואָס פון זייַנע סאַמעטענע אויגן און פולן פּנים האָט יעדער איינער געזען, אַז עס וואַקסט דער צווייטער שטאַרקער ביל — אָט דער זעקס יאָריקער זון זייַנער, איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— דעדי, דאַרלינג, גיב מיר אַ פּעני אויף „אַייסעס"... נאָכן עסן וואַרעמט מיך אָט־דאָ־אָ...

דאָס ייִנגעלע האָט אָנגעוויזן ווו „ס'וואַרעמט" אים נאָכן „עסן" און דער טאַטע איז געבליבן שטיין אַ פאַרשעמטער. ער האָט זייַן זעקס יאָריקן זון גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אים אַפילו נישט אויסגערעדט פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געריסן מיטן עלטערן ברודער. ביל האָט נאָר געגלעט זייַן קליינעם זון איבער די געקרויזטע האָר, וואָס האָבן, ווי נאָכגעלאָזטע ספּרונזשינעס, זיך געפּלאָנטערט צווישן זייַנע פינגער.

די וואָלקנס וואָס האָבן זיך פריִער געראַנגלט מיט די לעצטע פייַערפאַסן פון דער זון, האָבן געזיגט. טונקעלע, פייַכטע כמאַרעס האָבן זיך גענומען נידעריק אַראָפּלאָזן, אייַנגעהילט דאָס שמאָלע געסל מיט די צעדרימדזשעטע כאַטעס. די הורבעס פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן ווי אויסגעטריקנטע, פאַרגעלטע בלעטער אַרום נאַקעטע ביינער, האָבן זיך גענומען יאָגן אין אַ מוראדיקן, ווילדן טאַנץ, וואָס דער ווינט האָט מיטאַמאָל אויסגעפייַפט. ביל האָט גענומען בײדע קינדער פאַר די הענטלעך און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

✶

ביל'ס יעדער טראָט אויף די פריכנעוואַטע שטיגן איז געווען נישט קיין זיכערער; ווי איינער וואָס שפּאַנט איבער אַ בריק און ווייסט, אַז

דער בריקס פּיס זענען אונטערגעפּוילט. די טאָרבע כּלים וואָס האָט זײַן אָרעם דעם גאַנצן טאָג אײַנגעשניטן, איז איצט אַ סך שווערער געוואָרן. ווי די ציגל מיטן ליים וואָס ער פלעגט מיט זיי אַמאָל שמירן, גלעטן, קלאַפּן, וואָלטן זיך צו די כּלים איצט צוגעקלעפּט. דאָס פײַפן פון ווינט האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיטן סקריפּען פון די שמאָלע, זיג־זאַג־טרעפּ. די גאַנצע הײַזקע האָט פון יעדן טראָט מיטגעקרעכצט.

די קינדער זענען אַרײַן די ערשטע און שנעל זיך געלאָזט צו דעם קאַלטן וואַסער וואָס איז געפלאָסן פונעם צעלעכערטן קראַן.

דער „גוט־אָוונט" איז געווען ווי נאָך אַ לוויה־טאָג.

עמברעזינאַס קײַלעכדיקע, אויפגעריסענע אויגן האָבן אומזיסט געזוכט אַן ענטפער פון איר מאַן. איר נאָדל איז געבליבן שטעקן אין דעם צעפּליקטן רעקל וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרריכטן. אַזוי ווי די קראַפּט וואָלט פּלוצעם אָפּגענומען געוואָרן פון אירע אויסגעטריקנטע, לענגלעכע פינגער.

ביל, וואָס פלעגט תּמיד פּאַמעלעך אָוועקלייגן די טאָרבע געצײַג, ווי יעדע כּלי וואָלט געווען געמאַכט פון גלאָז, האָט איצטער מיט רוגזה אַ שלײַדער־געטאָן די טאָרבע אויפן דיל... עמברעזינאַ, זײַן ווײַב, האָט איצט שוין גאָרנישט געפרעגט. זי האָט נאָר נערוועז גענומען קײַען דעם שוואַרצן פּאָדעם וואָס איז געהאַנגען אויף אירע שניי־ווײַסע ציין. אַלע זענען געבליבן שטיל ביז דער רעגן דורכן שוואַרצן סופיט האָט אָנגעהויבן גיסן מיט טרערן...

עמברעזינאַ האָט שנעל גענומען אויסשטעלן די בלעכענע שיסלען און דער אָפּקלאַנג פון די טראָפּנס האָט איבערגעשניטן דאָס שטילשווײַגן. ביל האָט אַוועקגערוקט דאָס בעט פון וואַנט ווו דער רעגן האָט מיט שפּיציקע נעגל דורכגעשלאָגן.

די קינדער, מידע פון אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומטאָרליען אין די גאַסן, זענען ווי געהרגעטע אַוועקגעפאַלן שלאָפן. זיי האָבן אפילו נישט פאַרענדיקט גריזשען די אָפּגעשאָבענע מערן וואָס די מאַמע האָט זיי דערלאַנגט. דער עלטערער האָט דערמאָנט:

— מאַמע, נעכטן האָסטו דאָך געזאָגט, אַז הײַנט וועסטו אונדז געבן חזיר־פיסלעך מיט קרויט?

— יאָ, מײַן זון. אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט.
— איז פאַרוואָסזשע האָסטו נישט געקויפט?
— מאָרגן... מאָרגן אפשר וועט מען קויפן...

ביל איז געבליבן שטיין בײַם פענצטער און געקוקט אויף דער מאַנהעטן־בריק, דער קנופּ קייטן און שטאַנגען איבערן וואַסער. דער רעגן מיטן שטורעם־ווינט, וואָס האָט געיאָגט פון איסט־ריווער, האָט געשניטן די שויבן, ווי אַ דימענט־מעסער אין גלעזערס האַנט. עמברעזינאַ האָט מיטן האַקמעסער גענומען אָפּטשאָפּען שפּענער פון אַ גראָבער ברעט, אַנצוואַרעמען דעם טשײַניק וואָס איז געשטאַנען אויף אַן אייוועלע. ביל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום האַקמעסער ווי ער וואָלט געכאַפּט די קעלניע צו שמירן ליים אויף נײַע ציגל:

— לאָז מיך, איך וועל שוין צעשפּאַלטן. דו ווייסט דאָך, אַז דו טאָרסט ניט... די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט שטיל, ווי ר׳וואָלט זיך פאַר אימיצן געהיט. נאָר יעדעס וואָרט האָט געקלונגען צאַרט, מיט אַ ווייכן ליבן בליק צו דער פרוי וואָס אַט־אַט און זי ברענגט אים אַ נײַ לעבן...

עמברעזינאַ האָט פאַרלייגט די הענט אויף איר שפּיציקן בויך און טרערן האָבן גענומען פליסן אויף אירע אײַנגעפאַלענע באַקן.

— עמברעזינאַ, איך בעט דיך, וויין נישט. — זײַן קול איז געווען מיט געבעט און באַפעל אינאיינעם.

עמברעזינאַ האָט גענומען ווישן די אויגן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טישל ווו ס׳זענען געבליבן ליגן די אָפּגעשאָבענע מערן.

— איך, איך בין שולדיק... כ׳האָב געוואָלט האָבן נאָך אַ קינד. גאַנצע נעכט האָב איך גאָט געבעטן, ער זאָל מיר נאָך געבן אַ מיידעלע... אָ, ביל טײַערער, כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט האָבן אַ מיידעלע!... כ׳וואָלט איר אײַנגעפלאָכטן רויטע סטענגעס אין די צעפּעלעך, איר אויפגענייט בלויע קליידעלעך, אָט אַזעלכע ווי איך האָב אָנגעגרייט מיט זעקס יאָר צוריק — געדענקסט? אָבער איצט, ביל, פיל איך מיך שולדיק קעגן דיר. ווען נישט דאָס... וואָלט איך דיר אַרויסגעהאָלפן: געדענקסט דאָך לעצטן יאָר, ווי קיין זאַך איז נישט געווען צו שווער פאַר מיר? איך פלעג וואַשן וועש און סקראָבען דילן. פּוצן די שויבן יעדן טאָג

ביי דאָקטאָר ע., צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, אָבער הײַנט קאָן איך נישט מער: יעדער אבר איז מיר איצט שווער ווי אַ קלאָץ...

עמברעזינאַס אײַנגעהאַלטענע טרערן האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן פון אירע קײַלעכדיקע אויגן ווי דער רעגן וואָס האָט געשניטן די שויבן. ביל האָט איר צוגעפירט צום אײַזערנעם בעטל און גענומען זי גלעטן ווי אַ קינד:

— נאַרעלע, צו וואָס דערמאָנסטו דאָס? ווער האָט דען צו דיר טענות? איך וויל אויך אַרבעטן, איך זוך אַרבעט יעדן טאָג; נאָר דו זעסט דאָך...

ביידע זענען געבליבן זיצן ווי צוויי נאָענטע פרײַנט וואָס פאַרשטייען זיך. די טראָפּנס פון דעם שוואַרצן סופית האָבן ווי אויסגעטרוקנטע אַרבעס ריטמיש אָפּגעקלונגען אין די אויסגעלײדיקטע בלעכענע כּלים, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער פּײַכטער פּאָדלאָגע.

✶

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט ווען דאָס קרעכצן פון די קינדער האָבן עמברעזינאַן אויפגעוועקט פון שלאָף. זי האָט שנעל אָנגעצונדן דאָס לעמפּל איבערן אויוון און איז צוגעלאָפן צו די קינדערס בעטל: דער ייִנגערער איז געלעגן אײַנגעדרייט ווי אַ שלאַנג וואָס האָט זיך אָנגעטרונקען מיט גיפט... זײַנע געקרויזטע האָר — מוראַדיק צעשויבערט. פון זײַנע סאַמעטענע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן נאָך געבליצט פונקען לעבן, נאָר אַרום זײַנע פולע ליפּן האָט זיך שוין באַוויזן אַ ווײַסער שוים...

— דאָס קינד שטאַרבט!

עמברעזינאַס אויסגעשריי האָט בילן אויפגעוועקט פון זײַן זאַטן חלום, וואָס האָט אים געהאַט פאַרטראָגן אין אַ ליכטיק הויז וווּ ער איז געזעסן מיט ווײַב און קינדער — שוין מיט דעם נײַ־געבוירענעם מיידעלע אַפילו — געזעסן בײַ אַ געגרייטן טיש מיט גרויסע לאַבנס ברויט און געפּרעגלט פלייש...

ביל איז פון זײַן ווײַבס געוואַלד איצט געבליבן אַ צעטומלטער ווי אַמאָל, ווען ער איז געלעגן אין די טראַנשייען און דאָס וואָרט גאַז איז

אָנגעזאָגט געוואָרן; אָבער אָנשטאָט צו כאַפּן און אָנטאָן די גאַז־מאַסקע אויפן פּנים, האָט ער געכאַפּט זײַן זון אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס:

— זון מײַנער! זון! — וואָס טוט דיר ווי? וואָס?! וואָס?!!

עמברעזינאַ האָט דערלאַנגט דעם עלטערן ייִנגל אַ ביסל וואַסער. אים האָט געברענט דער אינגעווייד, אָבער נישט אַזוי ווי דעם ייִנגערן ברודערל, — יענער האָט דאָך בײַ אים דאָס ברויט פון אַפּפאַל־קאַסטן אַרויסגעריסן ווען ער האָט נאָר דעם ערשטן ביס געטאָן. עמברעזינאַ האָט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין געבעטן צו גאָט און געיאָגט דעם מאַן נאָך אַ דאָקטאָר. ביל איז געשטאַנען מיט זײַן גוססן זון אין די אָרעמס, ווי ער וואָלט זײַנע אייגענע אויגן נישט געגלייבט: אָט דאָ נישט לאַנג צוריק איז זײַן זון געלאָפן ווי אַ קאַץ אויף די פּריכּניעוואַטע טרעפּ, און איצט ליגט ער אין זײַנע אָרעמס ווי אַ פּעסל... אין זײַן מוח האָט געבליצט עמברעזינאַס פאַרלאַנג:

— אַ דאָקטער! אַ דאָקטער!!

ער האָט שנעל אַוועקגעלייגט זײַן זון, אַרויפגעשלעפּט די אויס־געריבענע הויזן און אויסגעוואַקסענעם מאַנטל און איז אַרונטערגעלאָפן פון די שטיגן.

אַ דערשראָקענער, ווי מען לויפט פון אַ פלאַמיקן הויז, האָט ביל געיאָגט איבער די שמאָלע, געדרייטע געסלעך וואָס ליגן האַרט בײַם איסט ריווער. ער האָט געזוכט אין אַלע זײַטן: ביל האָט געוווּסט, אַז ער אַליין קאָן אַזוי שפּעט אין דער נאַכט קיין אַמבולאַנס נישט רופן, דאָס מוז טאָן אַ פּאָליסמאַן — אָבער קיין פּאָליציי האָט מען נישט געזען. אָט די פאַרחושכטע הײַזער, מיטן אָרעמקייט וואָס שטיקט דאָ יעדן איינעם, איז נישט נייטיק צו היטן... דאָ קאָן מען אויסגיין און ס'איז נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן.

ביל האָט געצײַלט פון איין געסל צום צווייטן ביז ער איז צוגעקומען צום מויער ווו דאָקטאָר ע. האָט געוווינט.ביל האָט גוט געקענט אָט־דעם מויער: מיט יאָרן צוריק, ווען דאָקטאָר עפּלבוים האָט דאָ געמאַכט אַן „אָלטעריישאָן", האָט ער, ביל, געהאַקט די ציגל אַרום די פענצטער כדי זיי ברייטער צו מאַכן: מער ליכט זאָל אַרײַנקומען, און טאַקע פון איינעם פון יענע פענצטער האָט זיך ביל אַרויסגעגליטשט... אמת, ביל

האָט זיך דעמלט „גאָרניט נישט געטאָן", נאָר זײַן באָס האָט אים נישט געהייסן „באַדערן", ווײַל דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ סך הײַזער...

ביל איז געשטאַנען פאַר דאָקטאָר ע., וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין אַ זײַדענעם שלאָף־ראָק און געוואָרפן בייזע בליקן מיט די האָזן־אויגן אויף בילן:

— ...ווײַט פון דאַנען?

— אַ צען בלאָק, וואָטער סטריט לעבן מאַנהעטן...

— צוועלף דאָלאַר... איך נעם פופצן...

— אָבער, דאָקטאָר, מײַן קינד שטאַרבט... איך ———

דאָקטאָר ע. האָט נערוועז גענומען וויקלען דעם שפּיץ פון דער גרויער וואָנצע:

— גיי אין פּאָליס־סטיישאָן, זיי וועלן רופן אַן אַמבולאַנס...

ביל איז אַרויס פון דאָקטאָרס אָפיס און ווי אַ פאַרווונדעטע חיה געלאָפן צו דער פּאָליציי־סטאַנציע.

— פּליז, אָפיסער, מײַן קינד שטאַרבט... רוף אָפּ שנעל אַ שפּיטאָל. זאָלן זיי צושיקן אַן אַמבולאַנס!...

ביל האָט אויפגעוועקט דעם דרימלדיקן מאַן בײַם גרינעם דעסק. ער האָט גלײַך דערפילט אויף זיך אַ שטרענגן בליק וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ פלויך פון זידל־ווערטער:

— העי, שוואַרצער טײַוול! דו מיינסט, אַז אַן דײַן זון וועט די וועלט אונטערגיין? פאַרמאַך דעם פּיסק און שרײַ נישט אַזוי הויך! לאָז איבער דעם אַדרעס און אַ דאָקטאָר וועט שוין קומען.

ביל איז אַרויס פון פּאָליציי־הויז ווי אַן אָפּגעגאָסענער מיט זודיקע וואַסער. אין זײַנע אויערן האָבן געשניטן די צוויי ווערטער — „שוואַרצער טײַוול". יאָ, ביל האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ טײַוול, אָבער נישט דערפאַר ווײַל זײַן הויט איז שוואַרץ... נאָר ווײַל די אַרבעט פלעגט ביי אים ברענען אונטער די הענט: ער פלעגט דער ערשטער זײַן שאַכטע ציגל אויסלייגן, און נישט איינמאָל האָט אים אַן אַרבעטער אויפן „סקעפּאָלד" געזאָגט: „ביל, דו ביזט אַ טײַוול", אָבער דעמאָלט האָט ער פון דעם באַמען הנאה געהאַט. אפילו דער פאָרמאַן האָט געוווּסט, אַז ביל אַרבעט ווי אַ טײַוול.

איצט איז ביל געשטאַנען איינער אַליין ביים ראָג גאַס. די נאַכטיקע לאָמפּן האָבן זיך נאַרוואַס אויסגעלאַשן. דער ווינט האָט געריסן די פּאָלעס פון זיין אויסגעוואַקסענעם מאַנטל. געשמיסן זיין פּנים און נאַקעטן האַלדז ווי מיט בייטשן. ער האָט דערפילט אַ האַס, אַ האַס צום דאָקטאָר עפּלבוים, צום פּאָליציי־הויז, צו דער גאַנצער וועלט!

— ב ע ס ט י ע ס!...

ביל האָט זיך פּלוצעם געלאָזט לויפן שנעל אַהיים, געשטויסן פון אַן אומבאַוווסטן געדאַנק:

„ביל, לויף שנעלער! גיב דעם לעצטן קוק אויף דיין זון"!...

עמברעזינאַס אויגן זענען פון שרעק איצט גרעסער געוואָרן. זי איז געלעגן איינגעדרייט אין בעטל און זיך געריסן די געקרויזטע האָר פון קאָפּ.

ביל, וואָס האָט אויפן וועג געטראַכט זיין ווייב אַלץ צו דערציילן — זאָל זי וויסן פאַר וועמען ער האָט געמאַכט ברייטערע פענצטער, און זי פלעגט זיי וואַשן און פּוצן ביי אים — האָט געשוויגן. נישט איצט, האָט ער באַשלאָסן, איז די צייט. אויטאָמאַטיש האָט ער צום ווייב אַרויסגעברומט.

— וויין נישט, דער דאָקטער קומט גלייך...

בילס עלטערער זון האָט זיך געפילט שוין אַ ביסל בעסער, אָבער די לאַגע פון יינגערן האָט זיך אַלץ מער פאַרערגערט. זיינע פיסלעך זענען געוואָרן קאַלט, ווי אַ פראָסט וואָלט זיי דאָס בלוט אויסגעטריקנט... די אויגן האָט ער זעלטן געעפנט און דער שוים אַרום מויל איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

ביל האָט אָנגעהויבן רייבן דעם זונס קאַלטע פיסלעך און געפילט ווי אויסצוגיסן זיינע אייגענע טרערן. נאָר זיין ווייבס קלאָגן האָט אים ווי פאַרגליווערט. נאָך יעדן שטאַרקן פייף פון ווינט האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט דעם אַמבולאַנס־סיגנאַל. יעדעס מאָל וואָס אַ שיף אויפן איסט ריווער האָט אַ רעווע געטאָן, איז ער צוגעשפּרונגען צום פענצטער. די מינוטן האָבן זיך געקניפּט און פאַרקניפּט אויף גאַנצע שעהען. דאָס ליכט פון נייעם טאָג האָט שוין געגלעט די שויבן. דער שיין פון לעמפּל איבערן אויוון איז געוואָרן בלאַסער און בלאַסער.

אַ גלאָק האָט זיך פּלוצעם צעקלונגען און אַ יונגער דאָקטאָר, געקליידט אין ווײַסן, איז אַרײַנגעקומען אין הויז צוזאַמען מיט אַן אויסגעפּאַשעטן פּאָליסמאַן.

מאַן און ווײַב זענען געשטאַנען מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, צוגעקוקט ווי דער דאָקטאָר האָט מיט איין האַנט געקוועטשט דעם קינדס בײַכל און מיט דער צווייטער, — געזוכט בײַם קינד דעם פּולס... דער דאָקטאָר האָט צוגעשטעלט אַ קליין גלאַנציק שפּיגעלע צום קינדס אויגן, וועלכן ער האָט געמוזט אויפרײַסן מיטן האַנט — אַ פאַרגלי־ווערטס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אַלטער ווילסן, ביל'ס איירישער שכן, האָט אויף אַ בלעך אין האַנט אַרונטערגעטראָגן אַ טויטן שטשור צוזאַמען מיט עטלעכע פאַר־סמטע שטיקער ברויט. מיט אַ זיגעריש געלעכטערל האָט דער אַלטער ווילסן איבערגעבויגן דעם בלעך און אַרײַנגעשלײַדערט אַלץ אין דעם אָפּפאַל־קאַסטן.

(1933)

זיי זענען שוין פאַרזאָרגט...

אַ ריי הײַזער, צוזאַמענגעשמאָלצן ווי אַלטע צוזאַמענגעבונדענע וואַגאָנעס אויף פאַרזשאַווערטע רעלסן. דאַכט זיך: אַלע האָבן איין פּנים, כאָטש פון דער נאָענט שײַנען נאָך פון הינטער דער פאַר־שוואַרצטקייט פאַרשיידענע קאָלירן, ווי: רויט, בלאָ, ברוין — פון יענע פאַרבן, וואָס האָבן אַמאָל די גאַס באַלויכטן; נאָר איצט איז יעדעס הויז ווי אַ לאָמפּ, פון וועלכן דער קנויט האָט אויסגעזאָגט דאָס לעצטע ביסל נאָפט...

די גאַנצע גאַס דערמאָנט אָן אַ הייל, ווו ס׳לויפט אָן אונטערערדישע באַן. אין זוניקע טעג לעבט נאָך אַ ביסל די גאַס. די גאָלדענע זון־ציינגער לעקן די קליינע פענצטערלעך און, דערפרישן זיי. אין אַזעלכע טעג קאָן מען זען זייער צעפוילטקייט. די פּײַכטע פלאַסטן סאַשזע, וואָס באַקליידן די הײַזער, באָדן זיך אין זונען־ליכט, ווי זיי וואָלטן וועלן אָראָפּשווענקען די פאַרחושכדיקייט.

נאָך אַזאַ פרימאָרגן, ווען די זון שאַרט זיך אָוועק פון דער גאָס, בלײַבן די הײַזער פאַרכמורעט — ווי בלינדע בעטלער, וואָס וואַרטן אויף אַ פּעני... די גאַנצע גאַס, זעט אויס, טראַכט פון יענע אַפּאַרטמענט־הײַזער, וואָס שטייען נישט ווײַט פון זיי — מיט יענע שפּילט זיך די זון אַ סך לענגער ווי מיט זיי. יענע גרויסע, אָפענע פענצטער מיט די הימל־קאָליר־גאַרדינען וואָס גוידערן זיך צו דער ברייטער, שטילער גאַס, שלינגען אײַן די גאַנצע זון. די מאַרמאָרנע שטיגן דאָרט, וואַשט און פּוצט דער „דזשעניטאָר" יעדן פרימאָרגן. יענע גאַס איז גאָרנישט ווײַט פון די — אינגאַנצן אַ צען מינוט שפּאַצירן, און דאָך, אַזוי אַנדערש. עס סקריפּעט דאָרט נישט, ווי דאָ, דער טראַמוויי, וואָס שלעפּט זיך אויף די צעקרימטע רעלסן. דאָרטן זענען די טראָטואַרן ברייטע, גלאַטיקע ווי פּאָלירטע טישן. די שורות ביימער וואַקסן ווי אויף אַ פרײַ פעלד. אמת, דאָ, לעבן שמאָלן טראָטואַר, וואַקסן אויך עטלעכע ביימער, נאָר

זיי שטייען פאַרזאָרגט ווי די איינוווינער דאָ, און די צוויגן פּאַרטריקנטע, ווי די קינדער וואָס שפּילן זיך אַרום זיי...

אין דריטן הויז פון ווינקל גאַס וווינען דזשאָן מיט זיין פאַמיליע.

די דריי צימערן אויפן לעצטן שטאָק זענען צעבראָסטעטע גריבער. די לופט שלאָגט מיטן ריח פון צעפוילטן לעדער. פּעק און קאַסטנס שטייען אַרום די ווילגאָטנע ווענט. אַ פרעמדער קאָן מיינען, אַז זיי גרייטן זיך אַרויסצוציִען... כאָטש אַלץ שטייט שוין אַזוי דאָס צווייטע יאָר. אָט אין די פּעק און קאַסטנס שימלען זאַכן. נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי אין די שמאָלע צימערן. ביינאַכט ווערט פון עטלעכע קאַסטנס אַ בעט, אויף וועלכן די צוויי עלטערע מיידלעך שלאָפן. די צוויי קלענערע — ביידע ייִנגלעך — שלאָפן מיט טאַטע־מאַמע. שווער צו באַשליסן וועלכער עק איז צוקאָפּנס. ווען זיי שלאָפן, ליגן אין ביידע עקן צו צוויי קעפּלעך... ער, דזשאָן, ליגט מיטן ייִנגסטן — מיט זיין דריייאָריקן זון; אָט אים רופט ער: „דעפּרעשאָן־סאָן" — מיט זיין זונס עלטער ציילט ער זיינע אַרבעטלאָזע טעג און יאָרן... אין גרויע פרימאָרגנס (אַלע טעג זענען איצט ביי אים גרוי), טוליעט ער שטאַרק זיין זון צו זיך. דאַכט זיך, אַז צו אים פילט ער מער ליבשאַפט ווי צו די איבעריקע דריי קינדער, כאָטש ער זאָרגט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. טיף אין האַרצן ווערט ביי אים יעדן פרימאָרגן געבוירן אַ פיינלעכער פאַרדראָס פאַר זיין קינדס הונגעריקע טעג. ער ווייסט, אַז ער האָט אים אויף דער וועלט געבראַכט צו זיין ליידיקן טיש...

קעטרין, זיין ווייב, שלאָפט מיט זיין „גליקלעכן" זון — אָט ער איז געקומען אין דער „פּראָספּעריטי" פון 1928. דעמאָלט האָט ער געהאַט אַ „שטענדיקן דזשאָב"... אַ שיינע היים און אַ „פאָרדל" אַרויסצופאָרן יעדן זונטיק מיט דער פאַמיליע. אמת, קיין נייס איז עס נישט געווען, דאָס „פאָרדל". די קאָמפּאַניע ווו ער האָט געאַרבעט, האָט עס אָפּגעקויפט פאַר „דזשאָנק", נאָר ער, דער גוטער מעכאַניקער, האָט עס אָנגענומען פאַר אַ וואָך שכירות און פון דעם געמאַכט אַ לייט...

דזשאָן איז היינט אויפגעשטאַנען ווי אין אַלע טעג — ווען זיין הויז־געזינט איז נאָך געשלאָפן. זיין ייִנגסטער זון האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין:

— „מאָדער!" — מאַמע!...

דזשאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט, און גלעטנדיק זײַנע בלאָנדע האָר, האָט ער שטיל געזאָגט:

— שלאָף, שלאָף מײַן טײַערער זון, דער „דעדי״ (טאַטע) וועט דיר קויפן אַ פערדעלע.

דאָס שלאָפנדיקע קינד האָט אויסגעדרייט דאָס קעפּל אויף דער צווייטער זײַט און מיט פאַרטריקנטע ליפּן געמומעלט נאָגן, ווי ער וואָלט געטרונקען מילך פון אַ פלעשל...

דזשאַן איז אַ װײַלע אַזוי געבליבן זיצן, ווי זײַן האַרץ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. פון זײַן זונס ליפּן־שפּראַך האָט ער אַרויסגעלייענט זײַן הונגער־חלום... ער האָט איצט געטראַכט פון זײַנע אייגענע ווערטער, וואָס האָבן זײַן זון ווידער אײַנגעשלעפערט. מיט זײַנע מאַזאָליעטע דלאָניעס האָט ער געמומעט רײַבן זײַנע באַוואַקסענע קין־ביינער. דזשאַן וואָלט אין זײַן פאַרטראַכטקייט לאַנג אַזוי געזעסן, ווען זײַן ווײַבס קול וואָלט אים נישט אויפגעוועקט:

— דזשאַן, וואָס טוסטו?!

קעטרין איז געבליבן זיצן אין בעט אַ דערשראָקענע. איר נאַכט־העמד איז געווען אַראָפּגערוקט איבער אירע אָרעמס און איר ווײַס לײַב האָט געלויכטן אין שאַרן פרימאָרגן. דזשאַן האָט אַן ווערטער זיך איבערגעזעצט אויף איר זײַט. ביידע האָבן איצט געשוויגן, ווי איינער וואָלט געוואַרט דער צווייטער זאָל פריִער אָנהייבן. קעטרין האָט די ערשטע געמומען ריידן:

— דזשאַן, צו וואָס הייבסטו זיך אויף אַזוי פרי? וואָס וועסטו פאַרשפּעטיקן?

דזשאַן האָט ברייט צעעפנט זײַנע טיפע, ברוינע אויגן און געקוקט אויף זײַן ווײַבס אַנטבלויזטע אָרעמס מיט די שוואַרצע צעלאָזענע האָר. ער האָט געזאָגט ווי מיט פאַרענטפערונג:

— ס׳לאָזט מיך נישט שלאָפן. אפשר וועל איך הײַנט... — ער האָט נישט פאַרענדיקט, ווײַל ער האָט אַליין נישט געגלייבט, אַז הײַנט וועט ער געפינען אַרבעט. קעטרין האָט געמומען קעמען זײַנע בלאָנדע האָר מיט אירע וואַרעמע פינגער.

— דזשאַן, וואָס וועט דיר העלפן דאָס זאָרגן? דו מאַכסט נאָך

שווערער פאַר זיך און פאַר מיר. מיר זענען נישט די איינציקע, אונדזערע שכנים זענען אין די זעלבע שטיוול...

דזשאַן האָט גענומען זײַן ווײַבס װאַרעמע הענט און זיי געקושט.

— ביזט אַ טײַערינקע, — האָט ער מיט הכנעה געזאָגט. — שוין דעם צוואַנציקסטן חודש, ווי איך האָב קיין פּעני נישט פאַרדינט, און איצט רוקט זיך צו דער ווינטער, און אַלע קינדער... — ער וואָלט אפשר פאַר־געזעצט, ווען זיין „גליקלעכער" זון — אַט דער וואָס איז געלעגן לעבן זײַן ווײַב — וואָלט זיך נישט גענומען וועקן. ביידע זענען אַ פּאָר מינוט געזעסן אין שווײַגן, דערנאָך האָט קעטרין פאַרשאַרט אירע האָר הינטער די אויערן און שטיל ממשיך געווען: —

— דזשאַן, פאַרליר נישט דעם מוט. וועסט זען, אַז דו וועסט נאָך געפינען אַרבעט. וועסט נאָך קריגן אַרבעט ביי דער שטאָט. הײַנט איז שוין די פּופצנטע וואָך ווי דו האָסט זיך פאַרשריבן, און געוויס וועט קומען דײַן ריי.

דזשאַן האָט מיט אַ צעקרימטן שמייכל זײַן ווײַב געענטפערט:

— דו לייענסט נישט די צײַטונגען, ווייסטו נישט וואָס עס קומט פאָר. זעכצן מיליאָן וואַרטן אויף זייער ריי.

— אָבער דזשאַן, די „גאָווערנמענט" וועט נישט לאָזן די אַרבעטלאָזע שטאַרבן פון הונגער...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, בײַסנדיק זײַן אונטערשטע ליפּ:

— די „גאָווערנמענט"... ס'איז זיך נאָר צו בינדן דעם גאָרגל...

קעטרין האָט איר מאַן אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער טראַכט פון עפּעס, נאָר ער באַהאַלט עס פון איר. ער שווײַגט, אַפילו ווען זי פרעגט אים עפּעס. די עטלעכע ווערטער וואָס ער ענטפערט שוין יאָ, זענען פאַר איר מאָדנע; טיילמאָל קלינגען זיי פאַר איר פרעמד, אָדער זי פאַרשטייט זיי אינגאַנצן נישט. אָט אַזוי איז שוין מאָנאַטן, ווי איר דאַכט זיך, אַז דאָס איז נישט דער זעלבער דזשאַן, כאָטש זי ווייסט, אַז ער זאָרגט נאָר פאַר איר מיט די קינדער. זי האָט גענומען צופּן די נעגל און דרייען מיט די פינגער ווי בײַם בינדן די „אויגן", ווען זי פלעגט שטריקן. איצט, איז איר פראַגע געווען כמעט באַפעלעריש:

— דזשאָן, איך וויל דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס דו האָסט געמיינט מיט די ווערטער „גאָווערנמענט״ — ווען מענס גאָרגל טראַכסטו צו בינדן? פאַרוואָס שווײַגסטו, פאַרוואָס?

ווי הייסע, אויפגעבלאָזענע אַרבעס, האָבן זיך אירע טרערן גענומען גליטשן צו איר נאַקעטער ברוסט. דזשאָן האָט זיך איצט געפילט שולדיק פאַר זײַן ווײַבס טרערן. ער איז געווען בייז אויף זיך אַליין פאַר זײַן שווײַגעוודיקייט. מיט אַ ראַנד פון לײַלעך האָט ער גענומען ווישן אירע טרערנדיקע אויגן.

— כ׳ווייס נישט, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, — זענען זײַנע ווערטער געפאַלן אָפּגעהאַקטע, אָפּגעריסענע שטיקער אײַז, — דעם „גאָווערנמענט״ אַרט נישט, אַז מענטשן הונגערן! —

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אײַנציִען דעם פּאַסעק פון די הויזן, ווי זײַנע צעקאָכטע בלוטן אײַנצושטילן. אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין ווי אַ סטאַטוע, און דערנאָך, צוריק זיך געזעצט לעבן זײַן ווײַב.

— ווען רוזוועלט וואָלט באַשלאָסן אויסצוצאָלן דעם באָנוס, וואָלטן מיר כאָטש היינט געהאַט אויף ברויט...

קעטרינס אויסגעווייינטע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי געשליפֿטע דימענט-שטיינער. מיט ליבשאַפט האָט זי אים גענומען טרייסטן: —

— דזשאָן, זאָרג נישט אַזוי פיל, גאָט וועט נאָך אונדז אויך העלפן...

דזשאָן האָט איצט געזען זײַן ווײַב ווי זײַן אַמאָליקע, נאַיווע גע־ליבטע, ווי מיט אַ פערצן יאָר צוריק, ווען זי איז געוואָרן זײַן ווײַב.

— יאָ — גאָט וועט העל—פן... — האָט זײַן באַסאָווע שטים געקלונגען אין דעם קאַלטן פרימאָרגן, האַלב-לאַכנדיק...

✶

אַ מידער, האָט דזשאָן זיך געשלעפּט מיט זײַן פּעקל געצײַג פון גאַס צו גאַס. ער האָט געקוקט אויף די לײדיקע הײַזער, וואָס שטייען ווי פאַרלאָזענע שיפן. יעדעס מאָל ווען ער האָט דערזען אַ שילד: „טו לעט״, „פאַר רענט״, צו פאַרקויפן, פאַרדינגען האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן אייגענער „ווױנונג״ אויפן „טאָפּ-פלאָר״, דאָרטן ווו זײַן פאַמיליע שטיקט

זיך אין ענגשאפט, דארטן — אין די הייסע טעג, ווערן זיי דערשטיקט אין דעמפּקייט, און אין ווינטער, געשוואלן פון קעלט. אים האט זיך געדאכט, אז די שילדן רופן אים: — דזשאָן, קום דאָ וווינען מיט דיין ווייב און קינדער, דאָ איז ליכטיק, ווארעם, קום! קום!

ער האט געטראכט פון זיינע „גליקלעכע" יארן פון ארבעט. איצט איז ער געגאנגען זוכן — זוכן ארבעט, וואס וועט אפּשאפן זיינע זארגפולע טעג. ער פלעגט זיך אפּשטעלן און נאכקוקן די אויטאמאבילן וואס לויפן אין טייוול־שנעלקייט. אט אין יענע צעיאגטע מאטארן האט ער זיין ליד פון ארבעט אריינגעזונגען. ער האט געקענט יעדעס שרייפל וואס האט צוזאמענגעשטעלט א מאטאר־„הארץ". ביי דער קאמפּאניע ווו ער האט געארבעט, פלעגט ער די קראנקע מאטארן היילן, ווי א דאקטאר זיינע פּאציענטן. איצט איז ער געגאנגען פון איין אויטאמאביל־פלאץ צום צווייטן, ווו מען ברענגט אלטע מאשינען צו פאררירכטן. אבער די ענט־פערס זענען געווען ווי געכטן — „נאט וואנטעד", כ'דארף נישט. ביי איין פלאץ איז ער געבליבן שטיין: ס'איז אים ליב געווען צו קוקן ווי אן אויסגעשמירטער ארבעטער ליגט אונטער אן אלטער מאשין, און קלאפּט, און שרויפט — אט־דאס האט אים א ביסל געמאכט פארגעסן זיינע ארבעטלאזע טעג; נאר ער האט זיך שנעל אויפגעכאפּט ווי פון א זאטן חלום ביי א ליידיקן טיש...

אין פארטראכטקייט, אין זארג צו פארדינען א דאלאר פאר זיין פאמיליע — האבן זיינע פיס אים פארטראגן אין א קורץ, שמאל געסל.

א קלינגערייַ פון א יאגנדיקן פייער־אויטאמאביל האט אים אויפגע־טרייסלט. מיט די קינדער אין גאס, וואס האבן געשריגען: „פייער! פייער!" איז ער מיטגעלאפן. ארום פלאמיקן הויז, ווי געגעצט אין בענזין, האט זיך דזשאן אויסגעמישט מיטן קנויל מענטשן. ס'האט אים דערמאנט דאס „הויז" אין זיין גאס, וואס שטייט דארטן ווי א צעבראכענע לאמטערן... די געראטעוועטע קינדער אויפן טראטואר האבן געציטערט פון פייער־שרעק. זיין זכרון האט אויפגעפלאמט פון א רעדע, וואס ער האט צופעליק געהערט אויפן סקווער. ווי מיט פונקען פון פלאמיקן הויז, אזוי האבן זיך איצט געקריצט יענעמס שלוס־ווערטער אין זיין מוח:

— טויזנטער אפּארטמענטס שטייען ליידיק, און ארבעטלאזע וווינען

אין פײַער־פּאַסטקעס! קעמפט פאַר אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג! צווינגט די שטאַט־טאַטעס אַראָפּצורײַסן די פײַער־פּאַסטקעס!

יענע ווערטער האָבן איצט דזשאָנס אויערן געבריט און געלויכטן ווי דאָס פלאַמיקע הויז. ער האָט זיך געלאָזט צום צווייטן געסל מיטן וואָרט פון יענעם רעדנער אין זײַנע אויערן:

— פײַער־פּאַסטקעס !...

די שורות אויסגעשפּאַנטע וועגענער מיטן ריח פון פערד האָבן אים דערמאָנט אין די מלחמה־טעג, ווען ער איז געווען אַ זעלנער. ער האָט זיך איצט געזען אַ פאַרשוויצטן בײַ דער קאָוואַדלע, מיט אָנגעגליטע שטיקער אײַזנס. ער איז אַרײַן אין דער קליינער קוזניע, וואָס האָט זיך געפונען אין ווינקל גאַס. אַן עלטערער אַרבעטער, וואָס האָט געהאַלטן אין אויסקלאַפּן אַ פּאַדקאָווע, האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל.

— המממ... כ׳וויל... כ׳בין אַ קאָוואַל, איך קאָן שמידן פערד און וועגענער... כ׳זוך אַרבעט... — האָט ער מיט אַ נישט־זיכער קול גערעדט.

דער אויסגעשמירטער אַרבעטער האָט אַרײַנגעוואָרפן די אָנגעגליטע פּאַדקאָווע אין אַ פעסל וואַסער, און געטאָן אַ גרויסן שפּײַ. די קליינע קוזניע איז געוואָרן אָנגעפילט מיט דאַמף, וואָס האָט זיך געריסן פון פעסל וואַסער. ביידע זענען, אָן ווערטער, אַרויס אין גאַס.

— שלעכט אָן אַ טאָג אַרבעט, — האָט דער עלטערער אַרבעטער גענומען רעדן צו דזשאָנען. — עס גייען פאַרביי טעג, און כ׳מאַך נישט אין מײַן קוזניע קיין פײַער... די מאַשין, די מאַשין האָט דערהרגעט די פערד...

דזשאָן האָט זיך געלאָזט מיטן שמאָלן געסל. ער האָט ווי מיט זיך אַליין איבערגערעדט וועגן דער מאַשין... ער האָט געקוקט אויף די פיר פינגער פון זײַן רעכטער האַנט און זיי פאַרגליכן צו זײַנע פיר קינדער: קלענערע, גרעסערע. ער האָט גענומען באַוועגן מיטן נידעריקן ביין פון ווײַז־פינגער, וואָס איז געווען באַצויגן מיט אַ געקאַרבטער הויט... אָט, ווען ער טראַכט פון זײַן אָפּגעטשאַפּעטן פינגער, שעפּטשען זײַנע ליפּן: מ—אַ—ש—י—ן... ער איז נישט זיכער מיט די געדאַנקען, וואָס ווערן בײַ אים געבוירן: אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט איבער זײַן אָפּגעריסענעם

פינגער; ווײַל די קאָמפּאַניע, ווו ער האָט געאַרבעט, האָט נישט געוואָלט האַלטן קיין „קאַליקע״.

דזשאָן איז געבליבן שטיין אויף אַ לײדיקן פּלאַץ, ווו מען האָט אַראָפּגעריסן אַ רײ הײַזער צוליב דער נײַ־געבויטער סאָבוויי. דאָ איז געווען אַ יאַריד פון אַלטוואַרג. אַרבעטלאָזע האַנדלען דאָ מיטן אײגענעם העמד... פאַר דזשאָנען זענען גאַנץ נײַ געווען אָט־די „ביזנעס״. נישט אײן אַרבעטלאָזער האָט שוין דאָ זײַן מאַנטל אָדער שיך פאַרביטן אויף אַ פּאָר סענט... ער האָט באַמערקט ווי אַ „געשעפטסמאַן״ קויפט אַ „קיש־קעלע״ בײַ דעם באַוואַקסענעם, פּעסלדיקן ייִד. אַ סלינע האָט גענומען נעצן זײַנע פאַרטריקנטע ליפּן... ער האָט געגלעט די עטלעכע פּעניס וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין זײַן קעשענע, און געשלונגען די פײַכטקייט, ווי דער אַרבעטלאָזער דאָס פאַריקע קישקעלע... דזשאָן האָט שוין געטראַכט פון אַוועקגײן — זיך נישט רײצן מיטן אַפּעטיט, נאָר לעבן אים איז אויסגעוואַקסן אַ „ביזנעסמאַן״ מיט אַ פּאָר גאַטקעס אויפן אָרעם און צווײ אָפּגעריבענע זײגערס אין גאַרשטש.

— „מי באַי, מי סעל״, — איך קויף און פאַרקויף! — האָט ער אין אַ צעבראָכענעם ענגליש זיך געווענדט צו דזשאָנען. שנעל איז אויסגעוואַקסן אַ ראָד פון „געשעפטלײַט״. דזשאָן איז נאָך אַזוי געשטאַנען, גלעטנדיק מיט אײן האַנט די פּאָר פּעניס אין קעשענע און מיט דער צווײטער האַנט געדריקט צו זיך דאָס קעסטל געצײַג. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן פאַרטראַכטקייט: — יאָ, ער האָט וואָס צו פאַרקויפן. הענט האָבן גענומען כאַפּן זײַן געצײַג. ער פילט, ווי מען צערײַסט זײַנע אײגענע גלידער... ער קריגט די פינף־און צען־סענטיקע, וואָס ער פאַרלאַנגט, — פאַרוואָס מאָנט ער נישט מער? פאַרוואָס גיט ער כמעט אומזיסט אַוועק זײַן געצײַג, וואָס איז אים יאָרן לאַנג אַזוי ליב געווען?... אָט די אַלע פראַגן קאָן ער זיך אַלײן נישט ענטפערן. ער ווײסט נישט, וואָס מיט אים איז געוואָרן. אײנס פאַרשטײט ער — ער דאַרף מער נישט דאָס קעסטעלע מיט די כלים, ער דאַרף עס נישט שלעפּן יעדן טאָג און קומען אַהײם מיטן לײדיקן. הײַנט וועט ער כאָטש ברענגען אַ פּאָר סענט זײַן ווײַב, צו קויפן אַ גרויסן לאַבן ברויט פאַר די קינדער. ער פילט, ווי דער שאַרבן נעמט אים גליִען, ווי זײַנע פלאַקסענע האָר וואָלטן אויף זײַן קאָפּ

געברענט. ער וואָלט איצט לאַנג אַזוי געשטאַנען אויפן זעלבן פּלאַץ און געקוקט אויף די מאַטע מטבעות וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זײַן געצײַג, ווען ער וואָלט נישט געהערט דאָס באַקאַנטע קול:

— דזשאָן!

— ביל!

ביידע זענען געבליבן שטיין ווי פאַרלוירן פון דער באַגעגעניש דאָ, אויפן „האַנדלס־פּלאַץ", נאָר דאָס שווײַגן איז שנעל אַריבער.

— דזשאָן, — האָט ביל מיט אַ פאַרטעמפּט קול זיך געווענדט צו זײַן חבר, — איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט זיך אין די אַלע יאָרן אַרויפגעאַר־בעט? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר איך בין אַ שלימזל... — דזשאָן האָט געשוויגן. דריקנדיק זײַן חברס האַנט, האָט ער אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. פאַר זײַנע אויגן איז נישט געשטאַנען דער אָפּגעריסענער, פאַרעלטערטער ביל, נאָר דער יונגער, דער שטענדיק־פריילעכער חבר, אָט יענער וואָס איז מיט אים געלעגן אין די טראַנשייען, און איצט — — —?

— נו, וואָס מאַכסטו? ווי האָט זיך עפּעס געלעבט אָט־די אַלע יאָרן? — האָט ביל נישט אויפגעהערט מיט זײַנע פראַגעס.

דזשאָן האָט אים אָנגעוויזן אויפן ליידיקן קעסטעלע, און פויל צוגעגעבן:

— נאָר־וואָס פאַרקויפט מײַן געצײַג. כ'דאַרף עס נישט מער. און דו?... האָסט טאַקע חתונה געהאַט מיט פּאָלין? געדענקסט דעם בריוו פון פראַנט, וואָס איך האָב איר וועגן דיר געשריבן?

בילס פּנים איז פאַרכמורעט געוואָרן, זײַנע קנייטשן אַרום מויל האָבן זיך טיפער געקאַרבט אין זײַנע הויטיקע באַקן. ער האָט ווי מיט ווייטיק געפּרעסט זײַן הויקערדיקע ליולקע, וואָס האָט געשטעקט אין ווינקל מויל. דאָס געקרויזטע שנירעלע רויך האָט זיך געצויגן, ווי בלוט פון אַ שניט אין לײַב... קוקנדיק אויף אים, האָט זיך דזשאָן דערשראָקן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זײַן חבר האָט פּאַסירט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז זײַן פראַגע וועגן פּאָלין האָט בילן שטאַרק געווייטיקט.

— ביל, „פּליז", דערצייל וואָס האָט פּאַסירט? וואָ—ס?

ביל האָט שטיל געענטפערט, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעיענטשעט:

— ווען איך ביז אַוועק אין דער מלחמה, האָב איך אַלץ פאַרלוירן... מײַן מאַמען, מײַן ——— אַלץ, אַלץ...

ביידע חברים האָבן נאָך שפּעט אַרומגעשפּאַצירט אַרום „מאַרק" און זיך אויסגעפּרעגט אויף באַקאַנטע, און זיך דערמאָנט אין זכרונות פון מלחמה־טעג. ביל האָט פאַרשריבן דזשאָנס אַדרעס און אים צוגעזאָגט זונטיק צו באַזוכן.

✶

דער ווינטער איז געקומען ווי אַ הונגעריקע חיה. דער פראָסט האָט זיך אײַנגעביסן מיט פאַרשלייפטע, שאַרפע ציין. דער ווינט, וואָס האָט מיט ווילדקייט געריסן דזשאָנס „הויז", האָט געבראַכט אַ פוכיקן, געדיכטן שניי.

ניו יאָרק איז געוואָרן אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַסער בערן־פעל. די שניי־פליטערלעך האָבן זיך געיאָגט ווי צעלאָזטע פעדערן. די צײַטונגען האָבן געמאָלדן פון די „גליקן" וואָס דערוואַרטן די אַרבעטלאָזע...

ווי אַ פאַרקילטער, האָט דער טורעם־זייגער פויל אויסגעהוסט דרײַ מאָל. פון דזשאָנס צעריסענע שיך זענען אין וואַסערדיקן שניי געבליבן אויסגעקרימטע פאָרמעס... די שטענדיק־רוישיקע גאַסן זענען איצט געווען שטיל, טויט ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד... זײַנע טריט זענען געווען פלינקע — זיך געיאָגט, דער ערשטער אין דער ריי צו זײַן. דער שניידיקער ווינט האָט אים אונטערגעיאָגט: שנעלער! לויף! לויף!

די שורה האָט אויסגעזען ווי אַ געפלאָכטענע קייט — איינער צום אַנדערן אײַנגעטוליעט, ווי שעפסן אין פעלד, אונטער אַ האָגל...

די שעהען אין דער פראָסטיקער נאַכט, וואָס האָבן זיך געצויגן אין פּײַן, האָבן געבראַכט טויזנטער אַרבעטלאָזע נאָך אַ טאָג „שניי־גליק"...

ווען דזשאָן איז שוין צוגעקומען צום פאַרגראַטעטן פענצטערל, האָבן זײַנע ליפּן קוים געקאָנט ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגעס. אין די זיבן שעה וואַרטן, זענען זײַנע בלוטן ווי פאַרשטיינערט געוואָרן... ער האָט געקוקט אויפן בלויען קאַרטל, אויף וועלכן מ'האָט פאַרשריבן זײַנע פערציק יאָר, זײַן ווײַב מיט די פיר קינדער; און די יאָרן, וואָס ער האָט געדינט בײַ „אַנקל סעמ". צו באַקומען דעם שניי־דזשאָב, כאָטש אויף באַנאַכט, האָט אים געהאָלפן זײַן אַפּליקאַציע פאַר אַרבעט צו דער שטאָט, וואָס ער וואַרט שוין מאָנאַטן פאַרן „נעקסט"...

ווען קעטרין האָט דזשאָנען אויפגעוועקט פון שלאָף, האָט די ליכט פון די באַנאַכטיקע לאַמטערנעס שוין לאַנג אַרײַנגעשײַנט דורך די קלײנע פענצטערלעך. זײַנע גלידער, וואָס זענען דורכגעפרוירן וואַרטנדיק אויפן שניי־דזשאַב, האָבן אים איצט געשטאָכן ווי טעמפּע שפּיזלען. מיט ליבשאַפט האָט ער געקוקט אויף זײַנע פיר קינדער, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אַרום אײוועלע. ער האָט זײַן בליק פון זיי נישט געקאָנט אָװעקרײַסן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אוועקצופאָרן אין אַ ווײַטן וועג... ער אַליין איז ווי אַ קינד געשטאַנען און זיך געלאָזט פון זײַן ווײַב אײַנוויקלען מיטן אַלטן, געשטריקטן שאַל.

דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט פאַרזשאַווערטע וואָלקנס. די קלעפּיקע זאַווערוכע האָט דזשאָנען געטראָגן פון גאַס צו גאַס. איצט איז אים ליב געווען דער טיפער שניי, אין וועלכן זײַנע טריט זענען געזונקען. אויף די ווײַסע גאַסן זענען פאַר אים געלעגן אַ פּאָר טעג אַרבעט. דאָס קאַרטל וואָס ער האָט געקראָגן נאָך זיבן שעה פרירן אין דער ריי, האָט ער געדריקט ווי אַ געפונענעם אוצר... — וויפיל וועט עס ברענגען? צוויי פינפערלעך, דריי, און אפשר פיר? פיר נעכט וועט ער שאַרן דאָס ווייסע „גאָלד" פון ניו־יאָרקער גאַסן... אַזוי האָט דזשאָן, גייענדיק, געחשבונט. ער איז צו צום פּלאַץ ווו דער „פאַרמאַן" האָט „געצייכנט" די בלויע קאַרטלעך און דערנאָך אויסגעטײלט גרויסע רידלען.

די שעהען האָבן זיך געצויגן ווי צעשמאָלצענע סמאָלע. דער ווינט, וואָס האָט זיך געריסן פון איסט־ריווער האָט פאַריאָגט די פאַרזשאַווערטע וואָלקנס. דער געפרוירענער שניי האָט געסקריפּעט פון די לאַסטמאַשינען, וואָס האָבן זיך געיאָגט צום בריק. ס'האָט זיך געהערט דאָס רעווען פון שיפן, ווי דער ים וואָלט מיט זיי אײַנגעפרוירן. די קלאָרע, אויסגעצוואָגענע לבנה האָט זיך איצט געשפּיגלט אין די צוזאַמענגעשאַרטע קופּעס שניי. דער סמאָליקער פראָסט האָט דזשאָנס פינגער פאַרגליווערט. זײַן אָפּגע־טשאַפּעטער ווײַז־פינגער מיט דער געקאַרבטער הויט האָט איצט מיט ווײ זײַן לײַב געריסן. ער האָט אַלע ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן־דעקלעך און געטראַכט פון אַ וואַרעם בעט מיט זײַנע פיר קינדער.

דזשאָן איז געבליבן שטיין ווי דער געפרוירענער באַרג שניי. זײַנע אויגן האָבן געברענט מיטן זעלבן קאָליר ווי דער הימל: קאַלט! אַ

פײַערדיקע קעלט האָט זיך געטראָגן און געביסן פון יעדער זײַט. ער האָט נאָכגעקוקט די פאַרבײַלויפנדיקע מאַשינען, וואָס האָבן נאָכגעשלעפּט מוראַדיקע שאָטנס. דער קייטן־געקלאַנג אַרום די גומענע רעדער האָט זיך אויסגעמישט מיטן פּײַפּיקן ווינט...

✶

קעטרין איז געשמאַק געשלאָפן מיט אירע צוויי זין. די צוויי קינדער זענען געלעגן ווי אײַנגעוואַקסן אַרום איר וואַרעמען קערפּער. זי האָט געחלומט פון דזשאָנס נאַענטקייט — זי אָטעמט זײַן וואַרעמקייט. אָט זעט זי זײַן שלאַנקע פיגור אין זעלנערישע קליידער, זײַנע בלאָנדע האָר, פאַרקעמט אויף אַ זײַט, זײַנע טיפע, ברוינע אויגן שווערן איר טרײַשאַפט. דאָס גאַנצע הויז איז אָנגעפילט מיט אַ זיסער וואַרעמקייט... דזשאָן האָט געבראַכט פולע קעשענעס מיט געלט. גאָלדענע דאָלאַרן מיניען אין די אויגן...

די נאַסע זאָקן, וואָס די קינדער האָבן אויסגעלייגט אַרום אויוועלע, האָבן זיך געטריקנט ווי אין יעדער נאַכט. די ווילגאָטנע ווענט האָבן איצט זייערע טרערן אויסגעגאָסן... קיינער האָט איצט נישט געזען, ווי אַ פונק האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אויסגעטריקנטן זאָק... קיינער האָט נישט געזען ווי פון סמאַליקן זאָק האָט זיך דאָס פײַער געשפּרייט... ווען דער שטיקנדיקער רויך האָט אויפגעריסן קעטרינס אויגן, איז שוין דער צווייטער צימער, ווו די מיידלעך זענען געשלאָפן, געווען אײַנגעוויקלט אין פלאַמען... איר באַוווסטזײַן איז פאַרשוווּנדן. זי האָט גענומען לויפן אין פלאַמיקן צימער... נאָכן ערשטן מאָל אויסשרײַען: פײַער! — האָט איר באַוווסטזיין דערוואַכט. מיט אוממענטשלעכע קולות האָט זי גענומען שרײַען: פײַער! פײַער! ראַטעוועט! מיט דער נאַקעטער פויסט האָט זי גענומען ברעכן די שויבן און אַרויסגעשריען: פײַ—ער! ראַ—טע—וועט! געהערט האָט איר רוף נאָר די טויטע גאַס, און די עכאָ האָט איר געענטפערט: ראַ—טעוועט!

דאָס בלוט פון איר אויפגעשניטענער האַנט האָט גענומען פליסן ווי פון אַ קראַן. זי האָט דערפילט ווי אַ שטיק גלאָז פון דער אויסגעהאַקטער שויב איז געבליבן אין איר האַנט און שנײַדט אירע אָדערן... דער ווינט, וואָס האָט אַרײַנגעשניטן דורך די אויפגעהאַקטע שויבן, האָט דאָס פײַער

נאָך שטאַרקער צעבלאָזן. פון ברענענדיקן צימער זענען די כוואַליעס רויך געוואָרן געדיכטער, הייסער... קעטרין האָט דערהערט אַ יענטשען פון אירע צוויי טעכטער, וואָס זענען געלעגן אין די פלאַמען. ——— זי האָט איצט נאָך ווילדער גענומען שרייַען און רופן: — קידי! מאַרגאַרעט!

די צוויי קליינע קינדער אין בעט האָבן געשריִען:

— דעדי! דעדי! — איר קול האָט זיי איבערגעשריען:

— דזשאָן! ראַטעווע די קינדער! ראַטעווע!

אין איר צעשראָקנקייט האָט זי זיך דערמאָנט אין דער פאַרקלאַפּטער טיר וואָס איז באַהאַנגען מיט אַ פּאָר קליידער. זי האָט געוווּסט, אַז דורך דער טיר קאָן מען זיך לאָזן צו די שמאָלע שטיגן... זי האָט שנעל גענומען אַראָפּרייַסן די קליידער פון די טשוועקעס. ווען זי האָט אויפגעריסן די פאַרקלאַפּטע טיר, האָט זיך אַרייַנגעריסן פון די הילצערנע שטיגן אַ פלאַמיקער שטראָם און האָט דעם גאַנצן צימער פאַרשלונגען... קעטרין איז געפאַלן אויפן בעט, דריקנדיק אירע צוויי זין צו זיך...

1934

אָפּגעאַרבעט

אינדערפרי, ווען אַ קאַלאַמוטנע ווײַסקייט צעשפּרייט זיך אויפן הימל, קומען זיי אָן פון פאַרשידענע זײַטן. אַמאָל פלעגט מען זיי דערקענען פון דער ווײַטנס: זייערע ווײַס־פאַרשמירטע „אָוועראָלס" האָבן אָנגעזאָגט, אַז ס'גייט אַ „שמירער" — אַ פאַרבער, נאָר הײַנט קומען זיי אָנגעטאָן ווי דזשענטללײַט, ווי עס זאָגט מיסטער גליק, דער אייגנטימער פונעם פּעינט־סטאָר. בערל איז דער איינציקער וואָס קומט אין צעריסענע אָוועראָלס.

כמעט יעדן אינדערפרי קריגט ער דעם זעלבן גוט־מאָרגן:

— העלאָ, מיסטער לענדלאָרד! גוט מאָנינג באָס!

ער, בערל, פלעגט די ערשטע צײַטן ענטפערן אויפן קיבעץ:

— ב'האָב אײַך אין דר'ערד, וואָרשעווער חזרים!...

געמיינט האָט ער הערשלען מיט לייבלען, די אָנפירער פון „גוט־מאָרגן"... נאָר הײַנט האָט ער נישט געענטפערט. ווי די מאָכיקע הערעלעך, וואָס וואַקסן אין זײַנע לענגלעכע אויערן, וואָלטן אים טויב געמאַכט...

בערלס לעבנס־געשיכטע איז באַקאַנט: געאַרבעט ווי אַן אייזל, געלעבט ווי אַ חזיר, און זיך אײַנגעהאַנדלט אַ הײַזקע מיט אַ מאָרטגעדזש. (משכנתא). פון אים רעדט מען דאָ, — כאָטש ער איז נישט דער איינציקער אין זײַן גאַס, וואָס איז געוואָרן אויס „לענדלאָרד". מ'ווייסט, אַז „זײַן" פּרעזידענט פון דער „עס־עף טראָסט קאָמפּ", ווו ער האָט זיבן יאָר געצאָלט דעם מאָרטגעדזש, האָט אים געלאָזט אַרעסטירן, ווען ער איז געקומען מיט אַ גוואַלד פאַר צונעמען זײַן הײַזקע... דאַכט זיך: פון יענע טעג איז בערל נאָך קלענער געוואָרן... אין זײַנע קליינע, קורצזיכטיקע רויטע אויגן ליגט אַ שרעק, ווי בײַ איינעם וואָס מ'האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן געפלאַצטן אײַז. ער מיינט, אַז די גאַנצע וועלט ווייסט פון זײַן הײַזקע און — לאַכט.

אין זומערדיקע פרימאָרגנס, איידער בערל גייט צום פעינט־סטאָר, דרייט ער זיך אַרום „זײַן״ הײַזקע ווי אין די „גוטע״ צײַטן... ער באַקוקט און באַטאַפּט יעדעס שפּעלטעלע, וווּ מ׳דאַרף עפּעס פאַרריכטן. אינעם קליינעם פאַרקנדל, וואָס ער האָט אָפּגעשמירט אויף רויט, שפּיגלט ער זיך. דאָס קליינע, סקריפּענדיקע טירעלע שמירט ער אָן מיט אייל. די גרינע, געדיכטע קוסטעס, וואָס וואַקסן אַריבער די שפּיציק־שטאָלענע שטאַכעטלעך, שנײַדט ער אַרום מיט אַ לאַנגער שער. ווען ער ווערט פאַרטיק מיט „זײַן״ הײַזקע בלײַבט ער שטיין, ווי אַן אַלט פערד אין אַ הייסן טאָג... בייז אויף זיך אַליין פאַר דער פּראַצע, וואָס ער לייגט נאָך אַרײַן אין הויז. בערל נעמט זיך יאָגן מיט דראָבנע טריטעלעך, כאַטש ער ווייסט, אַז הײַנט קאָן ער קיין טאָג אַרבעט נישט קריגן. ייִנגערע פון אים, שטאַרקע, ווי צעבליטע דעמבעס, קומען יעדן פרימאָרגן און — וואַרטן...

צום רעדל אַרבעטער, וואָס שטייען בײַם פעינט־סטאָר און שמועסן, גיט ער, ווי אַ זײַטיקער, זיך אַ זאָג זײַן ווערטל:

— די הײַזער זענען פינצטער ווי אונדזער מזל...

אויף בערל׳ס שפּראַך מיינט עס: מען פאַרבט זיי נישט!

ווען בערל גיט זיך אַ זאָג אָפּ זײַן מיינונג וועגן די הײַזער, כאַפּט לייבל גלײַך אונטער זײַן ברכה:

— אַ בראַנד אין די יאַסלעס אויף אַ ל ע לענדלאָרדס (באַלעבאַטים) מיט די הײַזער אַ צולאָג!...

מיט דער „ברכה״ מיינט שוין לייבל נישט צו טשעפּען בערלען, דעם געוועזענעם לענדלאָרד, נאָר טאַקע די, בײַ וועלכע ער האָט צוואַנציק יאָר געפאַרבט די הײַזער און הײַנט האָבן זיי צוגענומען אונטערנעמערס, וואָס מאַכן די סטאָליאַרקע, מוליאַרקע און אַמיינסטנס דאָס פאַרבן.

הערשל, לייבלס פרײַנט נאָך פון דער היים — פון וואַרשע — גיט אַ פעסטן צי דעם פּאַפּיראָס, וואָס קלעפּט תּמיד אויף זײַן אונטערשטער, צעשפּאָלטענער ליפּ, צעשפּיליעט דעם קאָלנער פונעם געשטרײַפטן העמד און זאָגט מיט ווייטיק:

— יאָך וואיס נישט קאָ פּאָליטיקס. יאָך וואיס נאָ אײַן זאָך: מיר

זענען באַמאַכט... דאָרטן, אַפּ־טאָון, וווּ עס וווינען די ראַכע, איז נאָך דאָ אַ ביסל שמיראַכץ. אָבער דאָ, ווי ס׳וווינען נעגערס, פּראָסטע שנאָדערוקעס, נעמט יעדער דזשעניטאָר פון אַ פערד דעם וואַדל און ווערט אַ פּעינטער! (אַ מאַליער).

הערשלס ווערטער פילן אַלע ווי טעמפּע שפּיזלען אין לײַב. מ׳ווייסט, אַז עס איז אומזיסט דאָס וואָרטן — נאָר מ׳וואַרט. אפשר!?

די שטילקייט אין פרימאָרגן צעשנײַדט דאָס ברויט־וועגעלע. פאַר אַ ווײַל פאַרשפרייט זיך דער ריח פון וואַרעם געבעקס. ווי ליב ס׳איז איצט דער געשמאַקער ריח פונעם ברויט־וועגעלע!...

אַ פעדלער שלעפּט זיך מיט זײַן „געשעפט״. ער פירט אַ צע־דרימזשעטע קיך־טישל מיט די פּיסלעך אין דער הייך, ווי אַ געקוילעטע קעלבל. ער האַלט זיך נאָענט צום ברויט־וועגעלע און זאַפּט זיך אָן מיטן ריח פון פרישן ברויט...

דזשעק, וואָס האָט אַ טבע אונטערצופּײַפן, האָט געשוויגן. מ׳האָט געקאָנט באַמערקן ווי ער גרייט זיך עפּעס צו זאָגן... די שניטן אויפן פּנים און אויפן קורץ־מאַסיוון האַלדז זײַנעם האָבן זײַן גרייטן זיך באַשטעטיקט. זייער שטענדיקע חלב־ווײַסקייט האָט זיך געביטן אין מילצן־קאָליר. אַזוי איז שוין דאָס דריטע יאָר, ווי זײַנע פאַרהיילטע קאַרבן־שניטן דערציילן, אַז ער גייט עפּעס זאָגן... פון יענעם פּרייטיק אָן האָט שוין קיינער נישט געגלייבט, אַז ער וועט נאָך קאָנען האַלטן אַ פענדזל אין האַנט:

דזשעק האָט דעמלט געאַרבעט פאַר מיסטער אַלדאָרף, וואָס איז דאָ „שטאַרק באַרימט״. דער פײַער־דזשאָב, ווי אַלע זײַנע „דזשאָבס״ — יאָגנדיקע ווי פון אַ פאַרפּלייצונג — האָט געמוזט פאַרטיק ווערן ביז מאָנטיק. דזשעק איז געשטאַנען אויפן לייטער אויסגעווייקט אין שווייס און מיטן „סקרעיפּער״ געשאָבן די פאַרסמאַליעטע סטעליע. מיסטער אַלדאָרף, וואָס קוקט תמיד זײַן אַרבעטער אויף די הענט האָט געפּאָנפּעט, דרייענדיק מער מיט זיין קרומער צעפּלאַטשטער נאָז ווי מיטן צונג:

— דער טאָג איז שוין אַוועק מיט גאָרנישט... דזשעק, דערבאַרעם זיך, אַ האָצקע! — און אין אַ פּאָר מינוט אַרום:

— דזשעק, ס'ט מוזן פּאַרמישן קאַלך. נאַדיר אַ קוואָדער און ברענג פון קאַפּעטעריע צוויי „פּעילס" זודיק וואַסער.

דזשעק איז דאַן אַרויסגעשפּרונגען דורך דער גרויסער ראַם פון שויפענצטער, ניט באַמערקנדיק, ווי אויף אַ געבעטן טראַק האָבן גלעזער געבראַכט אַ גרויסן טאָוול גלאַז... צוריקוועגס, אין שרעק נישט צו פאַרלירן קיין איבעריקע רגע, איז ער מיטן גאַנצן אימפּעט אַרײַן אין דער שוין־באַגלאָזטער ראַם...

איצט, שטייענדיק מיט אַלע בײַם פּעינט־סטאָר, האָט ער דערפילט אַ בייסעניש אין די פאַרבייטע שניטן פון זײַנע הענט־מוסקולן און שווער געאָטעמט, אויסטאַרטשענדיק זײַן ברייטן ברוסט־קאַסטן:

— דאָ, אין ברוקלין, האָבן זיך די פעטע יאָרן צערונען ווי שיטערער פּעינט אויף אַ קרומער וואַנט — איז דזשעקס שטימע ווי אַ טיפער שניט פון אַ שאַרפער זעג.

— וואָס? נאָר אין ברוקלין? — ווערט לייבל אָן אויפגעקאָכטער — אז ס'שטינקט, איז עס „אָל־אָוועריִ". (אומעטום).

אַ ווײַלע ווערט שטיל. אַ געצאַמטע שטילקייט. די געשפּרעכן וועגן אַרבעט און פון אַרבעטסלאָזע טעג זענען היינט צעריסענע, צעפליקטע, ווי דער גרינלעכער אונטערשלאַק פון קאַווע־קאָלירטן רעקל, וואָס לייבל האַלט אונטערן אָרעם. מ'הייבט אָן און מ'שווײַגט, קוקנדיק אין אַלע זײַטן, צי ס'קומט נישט אַ באָס נאָך הענט...

איזי, דער ליטוואַק, גלעט זײַנע שמאָלע וואַנצעלעך, וואָס זענען ווי אויף־צו־להכעיס שטײַף און געל, כאָטש זײַנע האָר אויפן קאָפּ זענען סמאָלע־שוואַרץ, פרעגט פילאָזאָפיש:

— ווען ס'וואָלט סעין יאָ געווען וואָס צו סמירן, איז דאָס היינט דער גאַנצער גליק?

די פראַגע האָט בערלען מער אויפגעוועקט ווי אַלע אַרום. ער גלײַכט אויס זײַן אײַנגעקאָרטשעט קערפּערל, וואָס באַהאַלט זיך אין זײַנע ברייטע אויסגעשמירטע אָוועראָלס און ציט אויס דעם האַלדז, ווי אַ גאַנדז בײַם טרינקען:

— זע נאָר, זע, — איז ער שפּרינגענדיק מיטן ענטפער — בײַ

אים איז עס גאָר קיין גליק נישט; ווען איך האָב וואָס צו שמירן איז מײַן הויז אָ הויז און איך ———

ער ענדיקט נישט. מ׳זעט ווי די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין גליטשיקן „קנאָפּ" אויף זײַן אָדערדיקן האַלדז...

— און דו — טײַטלט לייבל צו אים מיטן פינגער ווי אַ רוט — דו, אַ לויזיקער לענדלאָרד, אַ לענדלאָרד — ענדיקט לייבל בערלס נישט־דערזאָגטע ווערטער.

ס׳ווערט ווידער שטיל. אַ פאַרביטערטע שטילקייט אַרום דעם פאַרבן־געשעפט.

✶

דער פרימאָרגן איז געווען אַ ווייענדיקער. ווי אַ צעצויגענער געגעץ וואָלט צוריק אײַנגעשלעפערט די באַרעגנטע הײַזער מיט די שמאָלע, ברודיקע געסלעך. די פײַכטע לופט אַרום פעינט־סטאָר מישט זיך אויס מיטן ריח פון בענזין און טערפּענטין. יעדער איינער טרינקט זיך אין זײַנע פאַרפלאָנטערטע מחשבות.

איזי, דער ליטוואַק, קוקט אויף הערשלען, וואָס צעפּירט די הענט, ווי ר׳וואָלט געפאַרבט אַ סטעליע און צעעפנט ברייט דאָס מויל, ווײַזנדיק עטלעכע גאָלדענע ציין.

— וואָס, ביסט ניסט געסלאָפן — צעציט ער זײַן פראַגע — אָדער די ייִדענע לאָזשט דיר ניט סלאָפן?

— די ייִדענע הייסט ברענגען „פעידע", ווען נישט ———

אַ שמייכל קריכט אַרויף אויף די פּנימער, וויל זיך דאָרט האַלטן, נאָר ער איז ווי אַ מפּיל... אַלע שטייען ווי פאַרמשפּטע.

— ווען איך בין הײַנט אַ סינגל־מאַן, אַ נישט־באַווײַבטער, — זאָגט לייבל, און זײַן פּנים זעט אויס ווי אַן אָפּגעוואַשענע סטעליע — וואָלט איך דאָס מאַליעווען געהאַט טיף אין דר׳ערד מיט אַלדראָפּן צוזאַמען!

פון אַלע דאָ אַרום איז איזי דער אומרויִקסטער. זײַנע שוואַרצע אויגן דריקן אויס שרעק. ער פאַררויכערט און זופּט דעם רויך ווי אַ טײַערן געטראַנק.

דאָס ווינטל וואָס גלעט די פאַרחושכטע הײַזער, צעשויבערט איזיס שוואַרצע האָר ווי אַן אויסגעטריקנטע קופּקע היי. דאָ, שטייענדיק לעבן

דעם פאַרבן־סטאָר, פילט ער זיך ווי אַ פישער אין אַ צעבראָכן שיפל אויפן ים. אויף די פינגער קאָן מען נאָך ציילן די חדשים פון זייַן פאַר־לוירנקייט: זייַן שווער, אָדער „פאַ" — ווי ער פלעגט אים רופן — איז געווען אַ „בילדער און געברענט אַ וועלט..." ווער האָט דען דאָ נישט געקענט גאָלדן דעם הייזער באַלעבאָס? כמעט אין יעדער גאַס האָט ער געהאַט אַ הויז, אָדער סתם אַ פאַרבינדונג. אַלע זענען דאָ איזין מקנא געווען מיט דעם „שמאַלץ־טאָפּ". ער פלעגט קריגן פון „פאַ" די בעסטע דזשאָבס און תמיד געערעדט פון דער מעגלעכקייט אַליין צו ווערן אַמאָל אַ „בילדער"... אמת, צופרידן איז איזי נישט געווען: גאָלדס פול־לייַביקע טאָכטער, די בלאָנדע, וואָס איז געוואָרן זייַן ווייַב, האָט ער נישט צו שטאַרק ליב געהאַט. ער פלעגט זיך טרייסטן: ס'ט קומען אַ קינד וועט ער זיך צוגעוווינען. זענען שוין אָבער דאָ צוויי פּיצלעך און ער טראַכט נאָך אַלץ פון זייַן אַמאָליקער כּלה אויף יענער זייַט. ס'געדענקט זיך אים, ווי לייבל האָט אים אַמאָל אַ קיבעץ געטאָן:

— האָסט דאָך אַ ראַשטשינע אין בעט...

איזי איז פאַרנאַרט געוואָרן פון זייַן „פאַ", אָט פון דעם, ווען ער האָט אַליין אַראָפּגענומען פונעם שטריק, מיט אַן אויסגעוואָרגענער צונג... פון יענעם טאָג זעט ער זייַן שווערס צונג, ווי אויף אים אַרויסגעבלעקט...

— „נאַ, זע, אַז מ'איז באַנקראָט, איז גיי שלאָפן..."

דאָס לעצטע אַפּאַרטמענט־הויז וואָס זייַן שווער האָט געבויט, איז געווען דער פאַרצויגענער שטריק... די בענק האָבן גענומען פאָדערן געלט פון זייַנע מאָרטגעדזשעס, ביז ער האָט זיי געוויזן אַ לאַנגע, בלויע צונג... דאָ, די מאַליערעס, רעדן פון אַלע אַרום, נאָר זייַן שווער דערמאָנען זיי נישט. אין איזיס טרויעריקע אויגן זעען זיי זייַן אויפגעהאָנגענעם „פאַ"...

✶

דער הייסער ווינט האָט גענומען אייַנזאַפּן די רעגן־טראָפּנדלעך, וואָס האָבן באַגריסט דעם פרימאָרגן. די רעדער פון די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן האָבן געסווישטשעט אויפן גלאַנציק־נאַסן אַספאַלט.

דער האָריזאָנט, וואָס האָט ביז איצט זיך געקאָרבט אין קאָליר פון

לויפנדיקע סטאַדעס שעפסן, צעשווימט אין וואַטע־קנוילן. לייבל האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און זיך פאַרקרימט:

— נאָך אַ טאָג צעטראַסקעט.

הערשל מיט בערלען קוקן ווי הילפלאָזע קינדער, ווי איזי שפּילט זיך מיט אַ טשוואָק. ער וועגט אים און מעסט אים. פּרוווט אים אײַנבייגן, נאָר דער טשוואָק איז אײַנגעעקשנט. צום סוף הייבט ער אָן עפּעס אויסקריצן אויף דער ציגלנער וואַנט.

פון אַ זײַטיק געסל, קומט אָן סימאָן, דער שטומער. ווי אַ בער, וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פון דער ווינטער־נאָרע. אַהער קומט ער שוין צום לעצט. דער איינציקער וואָס „רעדט" זיך מיט אים דורך, איז דזשעק, וואָס שטילט אַלע אײַן מיטן פײַפן.

— שטאָ — מאַכט ער מיט די הענט — שטאָ! דאָס זענען די איינצלנע ווערטער וואָס סימאָנס גראָבע ליפּן קלאַפּן אויס. ער באַוועגט פויל מיט די הענט, ווי ער וואָלט געשמירט אַ שאַרסטקע וואַנט מיט אַן אַלטן, אויסגעריבענעם פּענדזל, און חזר'ט איבער:

— שטאָ, שטאָ?

די אַרומיקע פּעינט־סטאָרס האָט ער שוין באַזוכט ווי אַ געניטער יעגער די פּאַסטקעס.

מיסטער אַלדאָרף מיטן פאַרשמירטן טראָקל איז צוגעפאָרן צום פּעינט־סטאָר.

— שוין, מ'סטרייקט שוין ווידער אין ברוקלין? — גיט ער אַ בורטשע אונטער דער קרום־צעפּלאַטשטער נאָז.

— זעט נאָר זײַן קורוויש שמייכעלע — קוקט לייבל אויף אים רציחהדיק — דער וואַזשנער „באָס" איז דאָ!

אַלדראָף האַלט אין אַרויסשלעפּן פון צווישן צוויי קאַנען די נעכטיקע צײַטונג און זאָגט בשעת מעשׂה:

— איר זײַט דאָך דאָ יחסנים, איר ווילט נישט אַרבעטן! הײַנטיקע צײַטן אַז ——— פאַלן זײַנע ווערטער ווי שטיקער ליים פון אַ צעפוילטער וואַנט.

זיי קוקן אים נאָך ווי ער גייט אַרײַן אין פּעינט־סטאָר, און לייבל, אַ פאַרביטערטער, גיט אַ שפּײַ:

— אַ רוח אין זײַן מאַמעס־זונס־האָרץ־אַרײַן, דער סאַנאָוואָביטש! ער האָט שוין עפּעס אַ לויזיק דזשאַבל, שטשעקעט ער, דער וואָרעם!...

אַלע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. סימאָן, נאָך מיד פון אַרומלויפן אַרום די פּעינט־סטאָרס, איז געבליבן אַליין און מיט די נעגל געצופּט די װײַכע מאַזאָליעס...

װען מיסטער אַלדראָף האָט געהאַלטן אין אַרײַנשטעלן די קאַנען מיט פאַרב און בענזין אין טראָקל, האָט ער מיט זײַן כיטרער אויסרעכענונג בפּיוון געגעבן אַ קלונג מיט אַ קאַן אין טירל, כּדי אויפצוװעקן סימאָנען פון זײַן פאַרטראַכטקייט... סימאָנס אַראָפּגעזונקענער קאָפּ האָט זיך אויס־געגלײַכט און געקוקט װי אַ הונגעריקע חיה, װאָס דערזעט אַ ביסן... מר. אַלדראָף האָט געשמייכלט פון זײַן „חכמה״, װי צום זאָגן:

— „קום, כ׳האָב אַן אַרבעט פאַר דיר. ס׳טמאַכן אַ צוויי טעג, ס׳ט בײַ מיר פאַרדינען אַ פּאָר טולער״...

אַן אויפגעקאָכטער איז סימאָן געבליבן שטיין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער רייצט זיך מיט אים, אָט דאָס פאַרטריקנט ייִדל מיט דער צײַטונג אין קעשענע. יעדעס מאָל, װען ער האָט אַ דזשאַבל, קומט ער מיט אַ װײַנענדיקן „ספּיטש״ צו די מאָליערס.

דאָס צעזשאַװערטע טראָקל האָט שוין געציטערט פונעם רוישנדיקן מאָטאָר. די קאַנען און די צוויי לייטערס האָבן זיך געוויגט. אַלדראָף איז געזעסן בײַם רעדל און געוואַרט, אַז סימאָן זאָל צוקומען און „פרעגן״... זײַן בליק האָט זיך געטראָפן מיט סימאָנס, און פאַרציצענדיק מיט זײַן הויטיקער מאָרדע, באַשפּראַצט מיט שיטער־בלאָנדע הערעלעך, האָט ער אים צוגערופן:

— דרײַ — האָט ער אים געוויזן מיט דרײַ פינגער — און מיט דער צווייטער האַנט גענומען אַ פּענדזל, מאַכנדיק אַ צייכן אויף דער שויב, װי אויף אַ װאַנט בײַם פאַרבן.

סימאָנס ציין האָבן זיך פאַרקריצט אין בייזקייט אויף די דרײַ פינגער — דער צייכן פאַר דרײַ דאָלאַר אַ טאָג... אַ װײַלע האָט ער נישט געענטפערט און געקוקט אויף זײַנע אָפּגעצופּטע מאַזאָליעס...

— ניין — האָט סימאָן געװונקען מיטן קאָפּ — ניין!

עטלעכע מינוט איז פאַרגעקומען אַ געדריי פון ביידנס פינגער.

סימאָן האָט אויסגעשפּרייט זײַנע פינעף פינגער ווי שרויפן — פאַרן פרײַז פון אַ טאָג אַרבעט. נאָר אַלדראָף האָט „געספּיטשט" און „געוויינט" ביז סימאָן האָט שוין געוויזן נאָר פיר פינגער...

✶

די הײַזקע איז געווען איינע פון אַלדאָרפס באַרימטע דזשאָבס.

דאָס הויז מיט די פאַרזשאַווערטע פײַער־עסקעיפּס איז געשטאַנען אײַנגעזונקען צווישן אַ ריי הײַזקעס אין אַ שמאָל געסל, נאָענט צום איסט ריווער. סימאָן, וואָס פלעגט זיך ווי אַ קונצן־מאַכער ציִען אויף אַ שטריק און זיך וויגן אויפן זיץ־בענקעלע, איז איצט געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער. ער האָט באַטאַפּט די שוואַרצע שטריק, וואָס זענען געלעגן לעבן צעדרימזשעטע פעסל, ווי טויטע שלאַנגען. מיסטער אַלדראָף מיט זײַנע כיטרע פאַרזשמורעטע אייגעלעך האָט געוווסט וואָס סימאָן ישובט זיך:

— „זאָל איך מײַן לעבן אײַנשטעלן אויף אָט די צעפוילטע שטריק ?"

פיר דאָלאַר אַ שאָד צו פאַרלירן, און אפשר נאָך זעקס ? ס'געדענקט זיך אים שוין נישט, ווי לאַנג ער האָט אַזויפיל געלט פאַרדינט. די סומע פלעגט ער נאָר זען אין זײַן באַנק־ביכל וואָס דער באַאַמטער האָט דורכגעשטופּלט, בעת ער האָט אַרויסגענומען די לעצטע פּאָר סענט...

אַלדראָף האָט געכאַפּט איינעם פון די שטריק און זיך אָנגעבלאָזן, פּרו־בירנדיק אים צו צערײַסן:

— גוט, גוט ! אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי די שטריק זענען שטאַרק... וואָס שטייסטו, ווי אַ פלאָקן ?! שטאַרק, זאָגט מען דיר ! גענוג שטאַרק...

דאָס מאַלערײַ־באָסל, מיט דער קרומער צעפּלאַטשעטער נאָז, האָט זיך געריבן די הענט, ווי נאָך אַ גוט געשעפט. ס'איז אים נישט שווער אָנגעקומען אײַנצורעדן דעם אויסגעהונגערטן פאַרבער וועגן די „שטאַרקע" שטריק.

סימאָן האָט זיך שנעל גענומען צו דער אַרבעט.

מיט דער פלינקקייט פון אַ קאַץ האָט ער געכאַפּט דעם קנויל שטריק אויפן אָרעם און אַרויף אויפן דאַך. שנעל אַרונטערגעלאָזט איין שטריק, אַרויפגעצויגן דעם האָק און אַרומגעבונדן אַרום דעם שמאָלן קוימען.

ער איז געבליבן שטיין און געמאָסטן די הייך... וועט דאָס שמאָלע קוימנדל אויסהאַלטן די משא? וועלן די אויסגעריבענע שטריק נישט פּלאַצן? די שפּיציקע שטאָכעטלעך פון פאַרזשאַווערטן פּאַרקנדל שטייען ווי נאַקעטע שפּיזן: אויף וואָס וואַרטן זיי? אפשר אויף זײַן שווערן קערפּער?

פאַר סימאָנס אויגן איז אויסגעוואַקסן זײַן פריינט לואי, וואָס האָט בײַ אַזאַ באָסל אָפּגעאַרבעט. ווי אַן איבערגעבראָכענע צווײַג איז לואי איינמאָל געבליבן ליגן אויף אָט אַזעלכע שטאָכעטלעך... זײַן באָסל האָט דעם אינספּעקטאָר „אונטערגעשמירט" און דער אינספּעקטאָר האָט אין די ביכער „צוגעפּיקסט": „זיין אייגענע שולד" — האָט מען דער אלמנה געלאָזט וויסן. און ער, סימאָן, שטייט איצט און טראַכט פון זײַן אייגן ווײַב און קינדער. אמת, דאָס פּיצל ווייַנט אַ סך. דאָס מילך־פלעשל איז ליידיק און אין הויז איז פינצטער, אָבער וואָס איז ער שולדיק? ער זעט, ווי אַלדאָרף מאַכט מיט די הענט אַרויף: ער זאָל אַרויפציִען דאָס זיץ־בענקעלע און זיך נעמען צו דער אַרבעט. סימאָן טראַכט פון די פאַר דאָלאַר און פאַר זײַנע אויגן שטייט זײַן פרײַנט לואי. די זון בריט זײַנע אַנטבלויזטע הענט. וואָס וועט די זון פריִער אויסטריקענען? די רויטע פאַרב, וואָס ער דאַרף שמירן אויף די פאַרשוואַרצע ווענט, אָדער אפשר זײַן אייגן בלוט?...

— ניין! — שאָקלט ער מיטן קאָפּ אַראָפּ צו אַלדאָרפן — ניין! — און גייט אַראָפּ מיט די שטיגן...

(1935)

שכירות

א שטילע פרייד האָט ארומגענומען די קליינע מילי, בעת זי האָט איבערגעלייענט דעם אַנאָנס אין דער „אַמעריקאַן״, אַז מ׳זוכט אַ קליין מיידל, פאַר אַכט דאָלאַר אַ וואָך. מיט אַ טשאַנס זיך ארויפצואַרבעטן.

איר פולער בוזעם, וואָס האָט געלייקנט אירע קוים זעכצן יאָר, האָט זיך ווי אָנגעבלאָזן, זי האָט געפילט ווי צום גיין טאַנצן. אָט־אָ־דעם דזשאָב אפשר וועט זי טאַקע קריגן ? —

מילי האָט אַרויסגעשניטן פון דער צײַטונג דעם „גליק״־אַנאָנס און נאָכאַמאָל אים איבערגעלייענט.

זי האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף די אויסגעלאָשענע עלעקטרישע לעמפלעך וואָס זענען ווי שישקעס געהאָנגען אויף אַ טויטער צווײַג... — אָ, ווען זיי וואַרטן כאָטש נאָך אַ וואָך ! פון דער ערשטער באַצאָלונג וואָלט זי דעם עלעקטריק־חשבון אָפּגעצאָלט, און טאַקע איצט דאָס גרעסערע לעמפּל אָנגעצונדן, — דאָס, וואָס זיי פלעגן נאָר ברענען בשעת געסט זענען געקומען. בײַ דעם גרויסן לעמפּל וואָלט איצט גוט געווען צו לייענען די קליינע אותיות פון דער אויסגעשניטענער צײַטונג.

אַ פאַרחלומטע איז מילי געבליבן זיצן בײַם קיך־טישל, קוקנדיק אויפן חלבנעם ליכטל, צוגעשמאָלצן צו אַן איבערגעדרייטן טעלער, און מיט די שוואַכע פאַסן ליכט געמאַכט גלאַנצן די בלומען אויף דער סעראַטע.

אַ פונק וואָס איז אַרויסגעפלויגן פונעם גוסטן ליכטל, האָט פאַרכאַפּט אירע גרויסע בלויע אויגן. זי האָט געקוקט אויפן קליינעם, שמאָלן פײַערל וואָס טיקט זיך אין צעגליטן חלב ווי אַ מענטש וואָס האַלט זיך בײַם טרינקען און זוכט אין עפּעס זיך אָנצוכאַפּן...

דער גרויסער וואַנט־זייגער וואָס איז געהאָנגען איבער דער נאַרוואָס פאַרמאַכטער באַנק, — ווו מיט שרעק און פאַרצווייפלונג מענטשן פלעגן שטיין — האָט, ווי מיט לעצטן אָטעם, פויל אויסגעשלאָגן עלף.

זי וואָלט אפשר שעהען נאָך אַזוי געזעסן מיטן שטיקל צײַטונג אין האַנט, ווען נישט ס'שוואַכע קול פון איר מאַמען:

— מירעלע, מײַן קינד, גיי שוין שלאָפן.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער מאַמען, צוגעלייגט איר באַק צו דער מאַמעס קאַלטן שטערן און ווי אַ סוד איר אײַנגערוימט אין אויער:

— זאָרג נישט, מאַמעלע. מאָרגן וועל איך קריגן אַ דזשאַב!

— הלואי, פאָטער אין הימל!...

מילי האָט שנעל גענומען זיך אויסטאָן. איר הייסער יונגער קערפּער האָט דאָס קאַלטע בעטל דערפילט. אין דעם פינצטערן שלאָף־צימער האָט זי געזען אַן אַכט דאָלאַר ביל. זי איז געלעגן און גערעכנט: אַכט דאָלאַר אַ וואָך, 32 דאָלאַר אַ חודש, דרײַ הונדערט און פיר און אַכציק דאָלאַר אַ יאָר...

— אַ, ווי גליקלעך זי וועט זײַן מיטן דזשאַב! — זי וועט יעדן חודש געבן דער מאַמען 14 דאָלאַר פאַרן לענדלאָרד, דירה־געלט. זאָל ער, מיסטער סיגל, נישט האַלטן אין איין רעווען:

— רענט! רענט! דער מאַרשאַל לעבט נאָך!... זאָל איך אים רופן צו אײַך?...

אַ שנאה צום לענדלאָרד צעבליט זיך אין מיליס האַרץ. מיסטער סיגל וואַקסט אויס פאַר אירע אויגן: זײַן אויפגעבלאָזענער בויך — אַן איבערגעיוירענע ראַשטשינע. זײַנע מילצן־ליפּעלעך, וואָס די אייבערשטע איז באַדעקט מיט שיטערע געלע וואָנצעס, — האַלב צעפוילט פונם פּײַכטן שמעק־טאַבאַק וואָס ער האַלט אין איין שטאָפּן אין זײַן האַרבאַטער נאָז — אָט די ליפּעלעך שיטן קללות אויף די אָרעמע פאַמיליעס וואָס לעבן אין זײַנע „פּאַלאַצן". זי וועט אָפּצאָלן די פּאָר דאָלאַר דער עלעקטריק־קאָמפּאַניע און אויך דער גאַז־קאָמפּאַניע: זאָל איר שוואַכע מאַמע נישט דאַרפן בלאָזן אינעם קליינעם אייוועלע, בשעת זי דאַרף עפּעס אָנוואַרעמען.

מילי איז אַזוי געלעגן און גערעכנט און איבערגערעכנט: — פּ ע ר צ ן, — דירה־געלט; פּ י ר, — גאַז; ד ר ײַ, — עלעקטריק; — פּערצן, פיר, דרײַ זענען — איין־און־צוואַנציק! אַ ציטער איז אַריבער

איר קערפּער: זי איז שנעל אַראָפּ פון בעטל און אין דער פינצטער געגומען זוכן איר געלט־ביַיטל. אין איר פויסט האָט געגליט דער „ניקל". די לעצטע פינעף סענט. זי האָט באַשלאָסן, אַז פאַרטאָג וועט זי זיך געזעגענען מיט די פינעף סענט: זי מוז זיַין פון די ערשטע אויפן דזשאָב — נישט ווי מען האָט איר שוין עטלעכע מאָל געענטפערט:

— „טו לעיט" — צו שפּעט.

✶

אַ טויטע שטילקייט האָט געהילט די שמאָלע געסלעך. דער קומענדיקער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעשיילט פון די שאַרע וואָלקנס, פון הינטער די שלאָפנדיקע גרויע מויערן. אַ מילך־וואָגן מיט אַ פּאַרקאָ־פּטשעטע לאַמטערנע, איז געשטאַנען אין מיטן גאַס. דאָס רויטע לאַמטערן־ליכט, וואָס האָט געשניטן דעם שאַרן אָנקום פון מאָרגן, האָט באַשאָטן מיט לאַנגע שפּיזלען דאָס דרימלדיקע פערדל וואָס איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן.

אַ לאַסט־מאַשין האָט מיט אַמאָל די שטילקייט ווי מיט אַ שווערד איבערגעשניטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שווערן סקריפּ וואָס האָט אויפגעציטערט דעם טראָטואַר אונטער מיליס פיס.

מילי איז אַרויף אויף דער באַן־סטאַנציע, איבערלאָזנדיק איר גאַנץ פאַרמעגן אין דער מאַשין וואָס איז געשטאַנען מיט „פיר הענט" אויסגעשטרעקט נאָכן ניקל... אַ וויַילע איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף דער פאַרגרעסערונג־גלאָז וואָס האָט געהאַלטן איר לעצטן ניקל אין די ציין, און אַפילו נישט געפילט ווי דער פיַיכטער שניי קלעפּט זיך אָן אויפן אָפּגעריבענעם קאָלנער פון איר מאַנטל.

אַ דיקער פּאָליסמאַן איז אַריַין אין באַן און געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף מילין. עטלעכע שלאָפנדיקע מענער זענען געלעגן איַינגעגנורעט אויף זייערע „בעטן". אויסער זיי, איז מער קיינער נישט געווען אין וואַגאָן.

די באַן האָט זיך געשלעפּט אַ מידע אויף די נאַסע רעלסן, איבער־לאָזנדיק נאָך זיך פונקען אינעם גרויען פרימאָרגן.

מילי איז געזעסן ווי אויף נאָדלען, ציילנדיק די סטאַנציעס פֿון הונדערט און אַכט און צוואַנציקסטער גאַס ביז ספּרינג סטריט.

אויף די טראָטואַרן האָט מען איצטער שוין געזען מער מענטשן. פֿון אַ קאַפּע־טאָפּ האָט דער שאַרפֿער ריח פֿון פֿרישער קאַפּע צעבלאָזן מיליס נאָז־פֿליגלען — רייצנדיק איר אַפּעטיט.

זי איז שנעל צו צום מויער מיטן מעשענעם שילדל אין אַ ראָם ווײַסן שנײ.

— „בורג כאַקס־קאָמפּאַניע" — געטראָפֿן!

אויף אירע האַלב־פֿאַרפֿרוירענע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל ווען זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די קליינע אותיות אין דעם שטיקל „אַמעריקאַן", וואָס זי האָט געהאַלטן אײַנגעקנייטשט אין פֿויסט.

דער נאַכט־וועכטער האָט אַרײַנגענומען אַ שטיק קײַ־טאַבאַק אין מויל אַרײַן און מיליין אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. דער וועכטער האָט געמורמלט צו זיך אַליין:

— קינדער, נאָך גאָר אַ קינד...

מיליס האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן, ווען זי האָט דערזען אַ פֿעד־שוואַרצן קאָפּ האָר, אײַנגעקנוילט ווי אַ קניפּ, דרימלענדיק אויף די שטיגן. זי איז געבליבן שטיין דערשלאָגן, פֿול מיט פֿאַרדראָס וואָס זי איז נ י ש ט די ערשטע...

דער פֿעד־שוואַרצער קאָפּ האָר האָט זיך אויסגעגלײַכט פֿון די אָרעמס, און גרויסע ווײַסלעך פֿון אַ טונקל־הויטיק פּנים האָט געשניטן דעם האַלב־פֿינצטערן קאָרידאָר. מילי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נענטער צום מיידל: דעם מיידלס דיקלעכע ליפּן האָבן געציטערט. אירע ווײַסע שורות ציין האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פֿון נאַסן שנײ וואָס האָט געפּאַטשט אינעם שמאָלן פֿענצטערל. זי האָט זיך צוגעזעצט צום האַלב־פֿאַרפֿרוירענעם מיידל און אַ ווײַלע געשוויגן.

— שוין לאַנג ווי דו שלאָפֿסט דאָ? האָט מילי האַלב פֿאַרלוירן געפֿרעגט.

— ניין, נאָרוואָס געכאַפּט אַ דרימל, — מיד געוואָרן פֿון גיין.

— וואָס מיינסטו, ביזט נישט געפֿאָרן?

— ניין.

— פאַרוואָס ?

— ס׳קאָסט אַ ניקל...

די קוים זעכצן יאָריקע מילי איז געבליבן זיצן און געשוויגן מיט אַ מאָדנער צופרידנקייט וואָס זי איז נישט די איינציקע וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ניקל...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פון קייטן — אַן אָנזאָג, אַז נאָך מיידלעך קומען אָן.ביידע האָבן זיך אויפגעשטעלט און אָן דער באַגלייטונג פון ווערטער זיך געשטעלט הינטער דער פאַרמאַכטער טיר.

די שורה פון די צוגעקומענע דזשאָב־זוכערינס האָט זיך פון מינוט צו מינוט פאַרגרעסערט. דער שמאָלער קאָרידאָר איז איצט געווען אָנגעפּאַקט מיט מידע, האַלב־פאַרשלאָפענע קינדער. מילי האָט געפילט ווי זי ווערט שטאַרק צוגעדריקט צו דער אײַזערנער טיר. זי האָט שוין געוואָלט אָנהייבן שרײַען, נאָר אַ שאָרך פון אינעווייניק, האָט גערייצט איר האָפענונג: אפשר איז דער „באָס" שוין אַרײַן דורך דער פאָדער־טיר ? אָט דער שאָרך האָט פאַרקלעמט איר אָטעם.

אָט, אָט, און מ׳וועט עפענען... און זי וועט זײַן פון די ערשטע. אָבער, די טיר האָט זיך אַזוי שנעל נישט געעפנט. נישט נאָר מילי, נאָר די אַנדערע מיידלעך האָבן אויך געשריִען אַז זיי ווערן צעדריקט... דורכן קליינעם פענצטערל, ווו דער שנײי האָט פריִער געקלאַפּט אין שויב האָבן איצט קאַלעמוטנע פאַסן ליכט באַלויכטן דעם צוזאַמענגעדריקטן קנויל מיידלעך. מילי האָט געפילט ווי אירע קליידער ווערן צוגעקלעפּט צו איר לײַב פון דער פײַכטער, שווייסיקער לופט וואָס האָט אָנגעקראָפּט דעם שמאָלן קאָרידאָר.

אַ קלאַפּ פון יענער זײַט טיר, אַזוי ווי אַ שווערע שטאַבע וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון די האָקעס, האָט זיך אין שטיקנדיקן קאָרידאָר צעשפּרייט מיט אַ־ש־ש־אַ, מ׳עפנט !

מילי האָט דערפילט אַ שווערן שטופּ פון הינטן, אַזוי ווי אַ שווערע וואַנט וואָלט אויף אירע פּלייצעס אַרויפגעפאַלן...

ווען זי איז שוין געלעגן אויף דעם צעקרימטן, אויסגעשמירטן דיל, און צוויי שטאַרקע מענער־הענט האָבן איר געהאָלפן זיך אויפ־

שטעלן, האָט אין אירע אויערן נאָך אַלץ געקלונגען דער געוואַלד פון די מיידלעך וואָס זענען געשטאַנען הינטער איר...

זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי זי איז אומגעפאַלן. זי האָט נאָר דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין קנעכל פון רעכטן פוס.

ווען זי איז געזעסן אין אָפיס און ברויגס באַוואַקסענע הענט מיט די לענגלעכע פינגער — וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט האַלב קײַלעכדיקע, פאַרשלייפטע נעגל — האָבן שנעל געוויקלט אַ ווײַסן באַנדאַזש, אײַנשטײַפנדיק איר קנעכל, האָט מילי ווי זיך געוואָלט פאַרענטפערן:

— כ׳ווייס נישט ווי אַזוי איך בין געפאַלן... זיך געמוזט אויס־גליטשן... אָבער, איך... וועל קענען אַרבעטן...

בוירג האָט אויסגעגלײַכט זײַנע ברייטע פלייצעס אין וויג־שטול, אַ פּיר געטאָן זײַן האַריקע האַנט איבער זײַן גלאַט־ראַזירטן פּנים, דערנאָך אַ גלעט געטאָן זײַן צוגעקעמטן קאָפּ שוואַרצע האָר, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ פּאָלירטער שוך, און זיך געווענדעט צו מילין:

— ביזט זיכער, אַז דו וועסט קאָנען אַרבעטן?

יאָ, כ׳... כ׳וועל אַרבעטן, כ׳וועל קאָנען... פּליז, כ׳וויל אַרבעטן, כ׳האָב זיך גאָרנישט געטאָן.

אין בוירגס פולע, רויטלעכע באַקן האָבן זיך באַוויזן פלאַכע גריבעלעך פון אַ שמייכל: ס׳איז אים געפעלן מיליס ענטפער. ער האָט געוואָרפן אַ זײַטיקן בליק אויף איר פאַרבאַנדאַזשירטן פוס און צופרידן געענטפערט:

— אָלרײַט. דער דזשאָב קאָן באַלד זײַן דײַנער.

ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן, בלויען פּאַפּיר און גענומען שרײַבן:

— נאָמען?

— מילי קאָץ.

— געבוירן?

— ניו יאָרק.

— ווי אַלט?

— הם, הם... 18 יאָר. אַדרעס: 315 איסט 128 סטריט.

— עלטערן ?

— פּאַטער געשטאָרבן לעצטן ווינטער, איין ברודער געהאַט, געהרגעט געוואָרן אין דער לעצטער מלחמה.

בוירג האָט נאָך עפּעס געשריבן נישט פרעגנדיק איר מער קיין פראַגעס. צום סוף האָט ער איר דערלאַנגט די פען און מיט אַ שמייכל געזאָגט :

— פּליז, סיין...

מילי האָט שנעל גענומען אונטערשרייַבן, נישט וויסנדיק אַז מיט איר חתימה באַפרייַט זי בוירגן פון אַלע פליכטן אויב עפּעס וועט פּאַסירן מיט איר צעקלאַפּטן פוס...

ווען מילי איז אַרויס פון אָפיס האָט זי געזען ווי אַ הויכער דאַרער מאַן, מיט שפּיציקע שטשאָקעס וואָס זענען באַשאָטן מיט רויטע פרישטשעס און געלע שפּרינקעלעך, טרייַבט אַרויס די מחנה מיידלעך וואָס קוקן מיט קנאה אויף איר. ער האָט פאַרמאַכט די שווערע טיר און איז צוגעקומען צו בוירגן. ביידע האָבן גענומען רעדן אויף אַ שפּראַך וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אָבער געוווּסט אַז זיי רעדן פון איר. ווייַל דער הויכער, דאַרער מאַן האָט מיט אַ שטרענגן בליק זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס...

— קאָם אָן, גיי נאָך מיר !

זייַן קול איז געווען אַ ביסל קרענקענדיק. ווי זשאַווערדיק. זיי זענען געבליבן שטיין לעבן די מאַשינען, וואָס האָבן ווי וועלף געריסן פאַסן פון וואָלן גראָבן פּאַפּיר. דער ברוינלעכער פּאַפּיר האָט זיך אַראָפּגעוויקלט פון אייַזערנע שטאַנגען.

אַ גרויל איז דורך איר לייַב ווען זי האָט געזען ווי די מיידלעך זיצן אַרום די מאַשינען און נעמען צו די אָנגעטשאַפּעטע טאָוולען : אָט, אָט, און די ווייַסע גלאַנציקע מעסערס שנייַדן זיך אייַן אין פינגער־פלייש...

— זעסט ? — האָט דער הויכער, דאַרער מאַן זיך געווענדט צו מילין, — זעסט די פּאַרטיקע באַקסעס וואָס די מיידלעך „וואַרפן אַרויס" ? — דאָרטן זאָלסטו זיי אייַנשטעלן, און אַז דער קאַסטן וועט

זייַן פול, זאָלסטן אַ קוועטש טאָן דעם „באָטן", וועט מען שוין אַרויפקומען און זיי אַרונטערנעמען.

מילי האָט גענומען אַרומקלייַבן די קעסטלעך וואָס זענען געוואַקסן ווי אויף הייוון — אַרום די לאַנגע טישן וווּ די מיידלעך זענען געזעסן און געשמירט מיט שיטערן קלעי. דער קאַסטן איז שנעל פול געוואָרן. זי האָט אַ קוועטש געטאָן דעם „באָטן", וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט ווי אַ מיטלפערל־קנעפל פון אַ בלאַטע... נאָך אַ הייזעריקן קלונג איז אַרויף אַ נעגער, אונטערגעשטופט הינטערן קאַסטן אַ וועגעלע מיט דרייַ רעדלעך און פאַרשוווּנדן.

מילי האָט זיך געפילט גליקלעך וואָס זי אַרבעט! כאָטש איצט האָט זי דערשפּירט אַ שטאַרקערן ווייטאָק אין פוס, שטאַרקער ווי פריִער... זי האָט אויפגעשפּילעט דאָס שמאָלע פּאַסיקל פון שוך, וווּ ס'געשווילעכטס האָט שוין געהאַט איבערגעצווירן, און ווייַטער גענומען צוזאַמענקלייַבן די קעסטלעך וואָס די מיידלעך האָבן „אַרויסגעוואָרפן".

ווען די מיידלעך האָבן שנעל גענומען זיך אָנטאָן, איז מילי געווען צופרידן וואָס מ'האָלט נאָר אַ האַלבע שעה מיטאָג.

✶

דער שניי וואָס איז אינדערפרי געווען קלעפּיק און וואַסערדיק, איז איצט געווען שטייַפער, שאַרפער, ווי דער קאַלטער ווינט וואָס האָט ווי מיט מעסערס געשניטן אין פּנים, וואָלט דעם ווייַסן שניי איצט אָנגעשאַרפט. מילי האָט אַרומגעשפּאַצירט אַרום דעם קליינעם רעסטאָראַן, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ ריח פון געפּרעגלטע ציבעלעס מיט שמאַלץ. דער געקלאַנג פון טעלער און לעפל האָט איר הונגער ווי פון שלאָף אויפגעוועקט... זי האָט זיך דערמאָנט אינעם בייגל מיטן שטיקל קעז וואָס זי האָט פאַרגעסן מיט צו נעמען...

זי איז געשטאַנען און געקוקט אויף די גאַסן־קערער, וואָס אַרבעטן אַרום די צוזאַמענגעשאַרטע בערג שניי. געקוקט ווי אַ מאַשין מיט אַ לאַנגן גאָרגל שלינגט קופּע נאָך קופּע און שפּייַט עס גלייַך אויס אין אַ ברייטן וואָגן.

מילי האָט אַ לײַכטן ציטער געטאָן, ווען זי האָט דערפילט אַ האַנט אויף איר אַקסל:

— האָסט שוין געגעסן? — האָט געפרעגט די מיידל וואָס איז געזעסן ביים גלאַנציקן מעסער, און מילין האָט זיך געדאַכט: אַט, אַט, און אירע פינגער...

— יאָ, — האָט מילי אַרויסגעשטאַמלט דעם ענטפער — כ'האָב גע־גע־סן...

— קום, שוין צײַט אַרויפצוגיין.

✶

די ערשטע דרײַ שעה וואָס זענען פאַרבײַ נאָך מיטאָג, זענען ביי מילין געווען, ווי די דרײַ פײַנלעכע יאָרן וואָס זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר מאַמעס בעט, און ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז מילי זאָל בלײַבן אַליין...

אין שאַפּ האָבן איצט געברענט קליינע לעמפּעלעך. אויף די האַלב־פאַרשמירטע שויבן האָט דער פראָסט געמאָלן איין בלום אויף דער צווייטער. די קאַלטע לופט מיטן מאַטן שײַן פון די קליינע לעמפּעלעך, האָבן מיט אַ טויט־שרעק אָנגעפילט דעם שאַפּ. אויף די שטאַנגען די ריזיקע וואַלן פּאַפּיר, רוישן, טאַנצן, די קויטיקע ווענט מיט דער נידעריקער סטעליע ציטערן... מילי טראַכט פון די נאָך דריי שעה ביז זי וועט שוין קאָנען אַהיים גיין...

פאַר אירע אויגן איז איצט געשטאַנען איר אויסגעדאַרטע מאַמע וואָס וויינט אין די נעכט. די מאַמע וועט איר צוליגן קאָמפּרעסן צום געשוואָלענעם פוס, וואָס דער ווייטיק שטעכט איר איצט ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזלען. יעדע מינוט דאַכט זיך איר, אַז דער באַנדאַזש וואָס בוירג האָט אינדערפרי אַזוי שטײַף איר קנעכל אײַנגעבונדן, — וועט באַלד פּלאַצן... אַ נאָגעניש האָט מילי דערפילט אין האַרצן. איין געדאַנק האָט געיאָגט דעם צווייטן: מיסטער סיגל מיטן צעוויירענעם בויך וואָס רעוועט: — „רענט, רענט!", די געז־קאָמפּאַניע; דאָס קליינע ליכטל וואָס ברענט איצט אין הויז; איר אײַנגעדאַרטע מאַמע, וואָס וואַרט אויף איר, — און זי אָן אַ ניקל בײַ דער נשמה...

אַלץ אַרום האָט זיך גענומען דרייען פאַר אירע צעשראָקענע אויגן: די קליינע לעמפּעלעך זענען פאַר איר גאַנצע פלאַמען געוואָרן. ס׳זשומען פון די מאָטאָרן, וואָס האָבן געשלעפט די שוואַרצע פאַסן אַרום די וואַלן, ווי די שאַרפע, גלאַנציקע מעסערס יאָגן זיך נאָך די מיידלשע פינגער, האָבן איצט שטאַרקער גערוישט אין מיליס אויערן. אירע פיס האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן, ווי זי וואָלט געטראָטן אויף אָנגעוואָרפענע צווייַגן. די פאַרטיקע קעסטלעך זענען געבליבן ליגן: מיליס הענט האָבן זיך גענומען וויגן — אונטערגעשאָסענע פליגל...

אַלע מיידלעך זענען געבליבן בלאַס און דערשראָקן פון מיליס קוויטש און שווערן פאַל אויפן אויסגעשמירטן דיל...

ווען מילי האָט צוריק געעפנט די אויגן, איז אין שאָפּ געווען טונקל, כמעט פינצטער. דאָס איינציקע לעמפּל וואָס האָט געברענט, האָט באַלויכטן דאָס אויפגעשטעלטע בעטל, ווו מילי איז געלעגן. זי האָט גע־געטרונקען דאָס וואַסער וואָס אַ מיידל האָט איר דערלאַנגט. די זעלבע מיידל, וואָס האָט איר מיטאָג־צייַט געפרעגט צי זי האָט שוין געגעסן. די מיידל האָט אַרויפגעלייגט איר שמאָל הענטל אויף מיליס פאַרשוויצטן שטערן:

— ווי פילסטו?

— ?!

— דו ווייסט כאָטש, אַז דו האָסט געחלשט?

— ווער, איך?

— נו, ווער דען, איך?

אין מיליס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. זי האָט גענומען וואַרפן מיט איר קאָפּ קאַשטאַנענע לאָקן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פון אַ שלאָף געוואָלט אויפוועקן. — קום אַהיים, איך... איך... בין אָל־רייט...

וועןביידע האָבן שוין געהאַט אָנגעטאָן די מאַנטלען, און די מיידל האָט געהאַלטן מילין אונטערן אָרעם, איז צוגעקומען דער הויכער מאַן מיט די רויטע פרישטעשעס און געלע שפּרינקעלעך אויף די שאַרפע שטשאָקעס, און איר דערלאַנגט אַ שמאָל פאַרקלעפּט קאָנווערטל.

מילי האָט אויפגעריסן דאָס שמאָלע קאָנווערטל און איבערגעציילט: — אַ דאָלאַר מיט פיר און דרייַסיק סענט...

(1933)

אין פאַרצווייפלונג

מ׳האָט איר איבערגעגעבן אַ צעטעלע:

„מיר ווילן אייַך זען 2,15 נאָכמיטאָג, דוש. פילטמאַן, טשיף־דעטעקטיוו פון דער אונטערזוכונג״.

עטלעכע מאָל האָט זי געלייענט די פּאָר ווערטער און זיך געפרעגט:

— וואָס וויל מען פון איר? וואָס האָבן זיי צו איר?!

מיד פונעם טומלדיקן באַגינען; נערוועז פון די אויגן וואָס מעסטן זי און בייַסן מיט „זייַטיקע פראַגעס״. — אַ פראַגע, וואָס האָט אויפגעשטורעמט דאָס לאַנד:

— ווו איז דאָס קינד?!

דאָס שטיקל פּאַפּיר אין אירע פינגער, מיט די ווערטער: — „מיר ווילן אייַך זען״ איז ווי אַ שווערע משא, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף איר אויסגעמאַטערטן מוח. וואָס קאָן זי ענטפערן? זיי ווייסן דאָך, אַז זי האָט געטאָן אירע פליכטן: אַרומגעפּאַדעט אַרום קינד פון אין דער פרי ביז נאַכט; געווען אַ געטרייַער שקלאַף. פאַרוואָס זשע קוקן אויף איר די אַרומיקע מיט אַזאַ חשד? אַלץ אַרום איז ווי אַן אויפגעריסענער ווולקאַן. מ׳זוכט און מ׳מעסט יעדער שפּעלטעלע.

איינציקווייַז רופט מען אַריין די דינערשאַפט אין זייַטיקן צימער. אַ דיקלעכער מאַן, מיט אַ גלאַנציקן „בעדוש״ אין לאַץ, פאַרשרייַבט איר נאָמען און ווייַזט אַרויס „העפלעכקייט״ מיט זייַנע שפּיציקע פראַגעס... זי דערציילט פון דער לעצטער נאַכט:

— דאָס קינד געלייגט שלאָפן צו דער מינוט, ווי יעדער נאַכט. די שעה וואָס איז איר דערלויבט דערנאָך אויפצוזייַן, האָט זי גערוט אויפן גאַנעק. אַלע האָבן געזען, ווי זי איז אַוועק אין איר שלאָף־צימער ביז דער קוכער האָט זי אויפגעוועקט מיט אַ געוואַלד:

— דאָס קינד האָט מען אַרויסגעגנבעט!

די אייגענע פון הויז — ווי דער „העפלעכער" פראַגע־שטעלער— נעמען איר ענטפער קאַלט מיט יענער קאַלטקייט, וואָס בריט ווי זודיק וואַסער.

אַ „באַגלייטער" האָט זי געבראַכט אין דער דעטעקטיוו־ביוראָ.

ווי צערוישטע בינען פון אַ צעעפנטן בינשטאָק, האָט אַ נייגעריקער עולם זיך געריסן זי אָנצוקוקן. די פאָטאָגראַפישע בליצן האָבן אירע אויגן געבלענדט. פּיפּיקע רעפּאָרטערן האָבן זי מיט פראַגעס באַהאָגלט, נאָר דער „באַגלייטער" האָט איר געהייסן שווײַגן... דאַכט זיך: פון די אַלע ווילדע פראַגעס הערן די אַרומיקע איר צעשראָקן האַרץ קלאַפּן.

דער צימער, וווּ ס'איז געזעסן אַ צענדליק ציוויל־געקליידטע מענער, איז געווען איבערגעפילט מיטן רויך פון זייערע גראָבע סיגאַרן. אויף דער וואַנט איבערן לאַנגן טיש — אַ פאָן, און די שטערן פון דער פאָן — ווי די שפּיזלדיקע אויגן פון די מענער, וואָס האָבן זי געמאַטערט מיט פראַגעס...

די שעהען מיט די מאָנאָטאָנע פראַגעס, וואָס קאָנען טרײַבן צו משוגעת, האָבן זיך געצויגן ווי צעקאַכטער פעך... יעדער פראַגע — אַ שטיין אויף איר האַרץ. די ווײַסע וואַנט מיט דער פאָן האָבן זיך גענומען דרייען פאַר אירע אויגן. דער ברוינער פּאָלירטער טיש, מיטן טעלעפאָן, פאַלט באַלד גלײַך אויף איר. קעפּ. קעפּ פון מענער מיט גיריקע אויגן; געשלײַפטע צינגער לויפן פון אַלע זײַטן... די עלעקטרישע לעמפּלעך שלענגלען זיך אין שוואַרצע סטענגעס — לעשן זיך... אַלץ אַרום נעמט רוישן, רוישן און טאַנצן אין אַ ווילדן קאַראַהאָד.

ווען זי איז צו זיך געקומען, איז דער צימער געווען ליידיק. דער „באַגלייטער" איז געזעסן לעבן טיש, וווּ ס'איז געשטאַנען דער טעלעפאָן מיט אַ גלאָז וואַסער.

זי האָט לײַכט אָפּגעאָטעמט מיטן ווינטל, וואָס האָט געשטיפּט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט.

דער שניי, וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער גאַס, איז געווען שוואַרץ — צערונען אין די לעצטע טעג פון זײַן ווינטער־לעבן.

אין אַ ציטערדיקער קעלט איז זי געבליבן שטיין בלאָס ווי די שײַן פון די לאָמטערן אין ווינקל גאַס. איז דאָס אמת ? — האָט זי זיך אַליין

געפּרעגט. — יאָ, אמת! זי הערט ווי דער צײַטונג־פאַרקויפער שרײַט־אויס איר נאָמען: מענטשן כאַפּן צײַטונגען און שטעלן זיך לייענען. וואָס זאָל זי טאָן? לויפן? אַנטלויפן פון דער גאַס,פונעם עולם, וואָס וועלן זי נאָך דערקענען און פרעגן:

— ביזטו טאַקע שולדיק?

זי האָט געקויפט אַן „עקסטראַ" און איבערגעלייענט איר אייגענעם נאָמען:

„נוירס פון געקידנעפּטן קינד בײַ דער ערשטער אויספאָרשונג".

אירע אויגן זענען געוואָרן גרעסער, קוקנדיק אויף איר אייגן בילד אויף דער „פּראָנט זייט". זי האָט געפילט, ווי ס׳ווערט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם.

די גאַס האָט געטומלט: דער עולם האָט זיך געקאָכט וועגן דער „גרויסער פּאַסירונג".

און אין דעם גאַנצן טומל האָט טילטאַ געפילט אויף זיך אַן „אויג", וואָס האָט איר באַגלייט פון דער צעראַיעטער גאַס.

אין דער היים איז זי געגאַנגען פרי שלאָפן. די אַרבעט אין הויז איז הײַנט שנעל פאַרטיק געוואָרן, ווי יעדער דינער וואָלט זיך מיט זײַנע אייגענע הענט פאַרמאָסטן.

בײַ זיך אין צימער איז זי געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט: ווער האָט עס אויסגעשפּרייט די פאַרשיידענע צײַטונגען אויף איר בעט? אָט איז דאָס בילד פונעם קינד, וואָס זי האָט געניאַנטשעט, געליבט! געליבט, ווײַל זי האָט געחלומט פון אַ מאַן, פון אַן אייגן קינד, פון אַ היים...

— ווער איז דאָ געווען?

אין עטלעכע צײַטונגען האָט זי איר נאָמען געפונען מיט שטיקלעך באַשרײַבונגען פון איר לעבן. די „קעפּ" פון די פאַרשיידענע באַריכטן האָבן זי צעמישט. זי איז שוין געווען באַלד אויסגעטאָן, ווען מ׳האָט געקלאַפּט אין טיר, אַז מ׳וויל איר עפּעס פרעגן.

די פּראַגע־שטעלער זענען נישט געווען די זעלבע, ווי אין דער פרי. די זענען געווען „פלינקערע", נאָר מיט דער זעלבער מאָס „העפלעכקייט".

זי האָט געפילט, ווי זי ווערט פאַרצויגן אין אַ נעץ, פון וועלכער זי קאָן זיך נישט באַפרײַען.

איין מאָל האָט מען זי צוזאַמענגעפירט מיט קלאַרטאָנען — א געוועזענעם דינער, וואָס מ׳האָט שוין לאַנג געהאַט אָפּגעזאָגט. דאָס „הויז״ האָט אים דעמלט באַטיטלט מיטן נאָמען: „רעד״ — דער רויטער. קלאַרטאָנען האָט מען געבראַכט פון א ווײַטן שטאָט און אים געפרעגט וואָס ער ווייסט וועגן קינד. זײַן ענטפער צו די דעטעקטיווס איז געווען שטאָלץ און בייסיק:

— איך ווייס בלויז, — האָט קלאַרטאָן געזאָגט, אַז טויזנטער קינדער זענען אין געפאַר צו פאַרלירן זייער לעבן, ווײַל ס׳פעלט זיי ברויט, און קיינער פרעגט זיך נישט נאָך וועגן זיי...

די „דיקס״ האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון צימער און אַראָפּגענומען אין קעלער... יענעם טאָג איז איר אויספרעגן שוין אויך נישט פאָרגעקומען אין צימער.

פון איבערן וועגטל האָט זי געהערט קרעכצן. זי איז גרייט געווען שווערן, אַז דאָס איז קלאַרטאָנס שטימע. און לאַנג האָט נישט גענומען, ווי דער קעלער איז אָנגעפילט געוואָרן פון איר אייגענעם פּיין... די דעטעקטיווס זענען געווען אַנטשלאָסן צו דערשלאָגן זיך פון איר אַן ענטפער, וואָס זאָל ווײַזן, אַז זיי זענען אויף אַ וועג.

✶

אַ וואָלקן פינצטערע מחשבות האָבן די „געזעץ״־פּײַניקער אַרויפגעיאָגט אויף דעם מיידל. זי האָט געפילט, אַז זי איז אינגאַנצן צעטראָטן און באַשפּיגן און וועט שוין קיינמאָל נישט קאָנען אויפהייבן קיין פרײַען בליק אויף מענטשן. מ׳דאַרף ענדיקן דערמיט, — האָט זי געטראַכט. — מ׳מוז געפינען עפּעס אַן אויסוועג פון דעם.

און זי האָט געפונען.

עטלעכע טעג האָט זי געהאַלטן אין מאַטראַץ אַ לאַנג קיך־מעסער. בײַנאַכט פלעגט זי גלעטן דעם קאַלטן שטאָל און זיך שרעקן פאַר זײַן שאַרף. איר האַנט־זייגערל פלעגט פאַרצייכענען די שעהען פון איר אייגענעם קאַמף. זי פלעגט זיך שטעלן בײַם אָפענעם פענצטער און זיך אײַנהערן צום סודען זיך פון די ביימער. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט לעבן, נאָר זי איז ווי אויסגעשלאָסן פון דעם אַלעמען. זי איז די, וואָס קאָן

נישט אויפהייבן די אויגן. איר גאַנץ לעבן איז אײַנגעפּאַסט אין יענעם צימער, ווו מ׳האָט זי כּמעט יעדן טאָג שעהענווײַז געמאַטערט מיט פראַגעס און פאַרדאַכטן. איר מוח איז געוואָרן אַ פּלאָנטער־געוועב, מיטן מעסער ווי אַן אויסגאַנג... זי האָט זיך געפילט ווי אַ דין צווײַגעלע אין אַ שטורעם, וואָס מוז זיך אָפּרײַסן, פאַלן...

✶

יענע נאַכט האָט דאָס מיידל אויסגעפירט איר באַשלוס: האַלב־טויט איז זי געקומען פון דער „גרינטלעכער" אויספאָרשונג. זי האָט שוין מער נישט געפילט קיין מאַטערנישן. זי איז שוין צו אַלץ געווען גלײַכגילטיק.

אַ קליין פלעשעלע האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם מעסער... פאַרן פלעשעל האָט זי זיך נישט אַזוי געשראָקן, ווי פאַרן בלאַנק פונעם קאַלטן שטאָל... זי האָט זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל און געזען אַ פרעמד פּנים: גרויסע צעשראָקענע אויגן, אײַנגעפּאַסטע אין שוואַרצע רינגען... די באַקן בלאַס און אײַנגעפאַלן, ווי זי וואָלט פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן פון אַלט־קייט. דאָס פלעשעלע איז שוין געשטאַנען אָפּגעדעקט.

און אָט אין די לעצטע מינוטן איז איר געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק צום שרײַבן. בעטן בײַ דער מאַמען און שוועסטער פאַרגעבונג. שרײַבן צום „הויז", ווו זי האָט געאַרבעט, צו דער פּאָליציי. שרײַבן און שרײַבן צו אַלע, אַז זי איז אומשולדיק. איר קערפּער האָט זיך געוויגט אין פאַרלוירנקייט. צום סוף אָנגעשריבן נאָך אַ צעטעלע צו דער פּאָליציי:

— „איר מערדער! איר זענט שולדיק אין מײַן טויט!..."

אַ ווײַלע איז זי געבליבן זיצן. נאָכאַמאָל זיך געשטעלט בײַם שפּיגל און געזען בלויע אָדערן אויפן האַלדז, ווי שטריק וואָס ווערגן...

(1932)

בײַם פענצטער

די קינדער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אײַנשלאָפן. פון זינט זיי וווינען אין דעם הויז האָט תּמיד זייער שטיף־שוועסטער דאָס בעט פּריִער גוט אויסגעוואָרעמט און זיי, ווי יונגע ציגעלעך, פּלעגן זיך טוליען צו איר הייסן קערפּער.

איצט, שוין צום דריטן מאָל פון ברייטן, קאַלטן בעט אַרויסגעשפּרונג־ענע, שטייען זיי האַלב־נאַקעטע אַרום צעגליטן אייוועלע.

אין קיך איז וואַרעם, הייס, נאָר די מאַמע שטופּט נאָך אינעם אויוון דינע, טרוקענע ברעטלעך פון צעבראָכענע מאַראַנצן־קעסטלעך — אפשר וועט די וואַרעמקייט זיך דורכרײַסן דורך דעם שמאָלן, טונקעלן קאָרידאָר צום פראָנט־צימער; דאָרטן אָנוואַרעמען איר עלטסטע טאָכטער, וואָס זיצט בײַם פענצטער אײַנגענורעט אין דער רויטלעכער קימאָנאָ.

די קאַרטאָפל־פּענעצן, וואָס זענען געלעגן אויפן אייוועלע, האָבן זיך שנעל אָפּגעבראָטן אויף דער אָנגעגליטער בלעך, און די קינדער האָבן זיי געכאַפּט ווי צוקערקעס.

אַ פאָרע האָט זיך געצויגן פון פענדל וואַסער צו דער סטעליע: דאָס ליכט פון קליינעם עלעקטרישן לעמפּעלע מיטן אויסגעשטשערבעטן פאָרצעלײַענעם היטעלע איז שוואַכער געוואָרן, טונקעלער.

אין אַ ווינקל פון קיך איז געשטאַנען אוירבי. ער האָט איצט אויסגעמיטן זײַן ווײַבס אומרויִקע בליקן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן צום פראָנט־צימער. ער האָט באַטראַכט די האַלב־נאַקעטע קינדער וואָס זענען געשטאַנען אַרום אייוועלע. זייערע קערפּערלעך האָבן איצט געגלאַנצט, ווי די בראָנדזענע סטאַטוע אין קאָרידאָר, וואָס ער פּוצט יעדן פאַרטאָג. ער שטויבט דאָרטן און רייניקט יעדעס ווינקעלע פון די זיגזאַג־טרעפּ, אינעם דרײַ־שטאָקיקן הויז, וווּ עס וווינט די מיסעס גיש.

דזשאַני, דאָס יִינגסטע יִינגעלע, וואָס קוקט אויס ווי אַ דריי־יאָריק קינד, כאָטש ס׳איז שוין אין זעקסטן, קריכט אַרײַן מיט די דאַרע פינגערלעך אין די קוטשעראַווע האָר בשעת ס׳גענעצט:

— „מאָדהער, קאָם טו בעד!״

וויינענדיק — פול מיט פחד, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז צוליב אים און די אַנדערע קינדער זיצט דאָרט זײַן שטיף־שוועסטער אײַנגע־נורעט אין דער רויטלעכער קימאַנאָ און פיקט אין שויב — קלינגט זײַן קול, בעת ער רופט די מאַמע צו גיין אין בעט. קוים וואָס דאָס קינד האַלט זיך אויף די בייגל־פיסלעך... זײַנע הענטלעך, ס׳העלדזול — הויט און ביין. דאָס גרויסע, אויפגעלאָפּענע בײַכל גיט אים אַ קאָמישן אויסזען; נאָר ווען ער גענעצט, ווילט זיך קוקן אויף די חן־גריבלעך אין די פלאַכע באַקן און אויפן קליינעם פּלאַטשיקן נעזל.

דאָס קינד האָט אויפגעהויבן די אויסגעדאַרטע הענטלעך צו דער מאַמען, וואָס איז געשטאַנען בײַם ברויט־קעסטל:

— „מאָדהער!״...

מאַרדזשי האָט איר יִינגסטן זון גענומען אין די אָרעמס, צוגעטוליעט זײַן קעפּל צו דער ברוסט, ווי אַמאָל, בעת זי פלעגט אים זייגן. איצט זענען אירע אומרויִקע אויגן געווענדט צו אוירני. זי קוקט ווי ער שטאָפּט — אפשר שוין צום צענטן מאָל — די אָפּגעסמאַליעטע ליולקע; זופּט דעם רויך, ווי ער וואָלט זיך היינט בײַנאַכט מיטן רויך געוואָלט פאַרשיכורן.

אויפן איבערגעדרייטן קעסטל דאָרטן, אַנטקעגן שמאָלן, טונקעלן קאָרידאָר, זיצט ער איצט ווי אויף הייסע קוילן. זײַנע אויערן זענען אָנגעשפּיצט, גרייט אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך — יעדן קליאַמקע־סקריפּ פון דער פראָנט־טיר. דאַכט זיך, ער הערט, און ציילט יעדן פּיק אין שויב פון עליזאַבעטס פינגער בעת זי רופט אַ פאַרבײַגייענדיקן מאַן... שוין עטלעכע מאָל, ווי ער פּרוּווט עפּעס אַרויסצולייענען פון אַן אויסגעשפּרייטער צײַטונג אויפן ריינעם דיל, נאָר די קליינע אותיות דרייען זיך, מישן זיך פאַר זײַנע פאַרכט־פאַרלאָפענע אויגן. בשום אופן קאָן ער איצט נישט פאַריאָגן די בייזע מחשבות, וואָס פלאָנטערן זיך אין זײַן מוח.

ער „זעט" ווי די מיסעס גיש, וואָס איז אַ ביסל טויבלעך, פּירט אַרויס — יעדן טאָג צו דער מינוט — די קודלעוואַטע הינטלעך אויפן שפּאַציר און שטעקט אים די 75 סענט. זי גיט אַ שמאָרע מיט דער האַרבאַטער נאָז, באַטראַכט די אָפּגעפּוצטע בראַדזענע סטאַטוע, די צוויי גרויסע, קאָלירטע וואַזאַנעס בײַ דער טיר, צי זיי זענען גוט אָפּגעשטויבט. אוירני ווייסט: די מיסעס גיש שפּאַצירט אַזוי יעדן טאָג מיט די קודלעוואַטע הינטלעך צו די פינף הײַזער אירע, און צאָלט דאָרטן אָפּ 75 סענטיקע צו אירע „דזשעניטאָרס". אַזוי איז שוין איר טבע.

אָט וועגן דער מיסעס גיש מיט דער האַרבאַטער נאָז טראַכט איצט אוירני:

— אפשר אַרײַנרײַסן זיך אין הויז, ווען זי גייט שפּאַצירן מיט די הינטלעך?

פון געדאַנק זיך אַרײַנצורײַסן אין הויז פון דער מיסעס גיש און אויפרײַסן די קאַסטנס מיט די פאַרשלאָסענע שופלאָדן, ווערט אים צוערשט הייס און גלײַך דערנאָך — קאַלט.

ווער וועט מיר גלייבן — טראַכט ער — אַז געטון האָב איך דאָס נישט צוליב זיך, נאָר צוליב מאַרדזשיס טאָכטער; אָט צוליב דער מולאַטקע, וואָס זיצט דאָרטן איצט בײַם פענצטער און פּיקט אין שויב?...

בײַם געדאַנק וועגן דער מולאַטקע צינדן זיך אָן אוירניס אויגן: אָט דאָס קאָן ער מאַרדזשין קיינמאָל נישט פאַרגעבן... נאָר דער געדאַנק וו צו קריגן עטלעכע דאָלאַר, אַז זי, זײַן ווײַב, זאָל אים נישט קאָנען אויפוואַרפן די „גרויסע" פאַרדינסטן, ווי זי האָט עס נעכטן געטון — פּייניקט אים.

— אָ, ווען דער „אינוועסטיגייטאָר" זאָל אים איצט זאָגן: „סאָרי, מיר האָבן אויסגעפונען, אַז דו האָלסט אָן אַ פּאָזישאָן". אַז די אַרבעטסט ערגעץ. — ער וואָלט אים ווי אַ הונט צוגעשלעפּט צום „פּאָזישאָן"; אים אַרויפגעשלעפּט 48 טרעפּ וואָס ער רייניקט פאַר די פופציק סענט, און ווי אַ פּילקע אים אַראָפּגעשלײַדערט! פאַרוואָס האָט ער געשוויגן — פרעגט ער זיך — ווען יענער האָט אים אָפּגעזאָגט די רעליף צוליב דער „פּאָזישאָן"?

אוירני ווישט דעם גרויסן, געקאַרבטן שטערן, ווי ער וואָלט נאַרוואָס

געהאַט אַ פּיזישן קאַמף מיטן „אינוועסטיגייטאָר". מאַרדזשי בלײַבט זיצן אַ דערשראָקענע, ווען זי הערט אים זאָגן:

— „דאָג!" הונט!

מאַרדזשי דריקט דעם דרימלענדיקן זון צום ברוסט, גלעט זײַנע קוטשעראַווע האָר און טראַכט פונעם „הונט", וואָס איר מאַן האָט נאָרוואָס אויסגערעדט. זי פאַרשטייט אויף ווען ער נאָר דער אויסרוף זײַנער באַציט זיך: פון אַלע ווײַסע, וואָס זי האָט שוין באַגעגנט אין לעבן, זעט זי איצט נאָר „אים", דעם באַלעבאָס אירן, וואָס האָט זיך דעמאָלט ווי אַ חיה אַרײַנגעריסן אין איר שלאָף־צימער, דעם ערשטן אָוונט, ווען זײַן ווײַב איז אַוועקגעפאָרן. זי קוקט און שווײַגט, ווען אוירני שאַרט צוזאַמען די צײַטונגען פון ריינעם דיל און פאַרטיפט זיך אין אַ שטיקל נײַעס אונטער אַ בילד פון אַ צעשלאָגענעם מאַן אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי.

— ווען די „קאָפּס" גלייבן — טראַכט אוירני — אַז די נויט האָט אים, אָט־דעם צעשלאָגענעם מאַן, געפירט צום „האָלד אַפּ?"...

ער פאַרגראָבט דעם קאָפּ אין די שווערע הענט און בלײַבט זיצן אַ שווײַגנדיקער.

✶

אין קיך איז שטיל. דאָס פרישע וואַסער אין פענדל זידט נאָך נישט. מ'קען ציילן יעדן טיק פון זייגער בײַם אָפענעם ברויט־קעסטל. מ'הערט ווי אַ מײַזל גריזשעט בײַ די טעפּ אין שענקל. קלאָר הערט מען ווי עליזאַבעט פּיקט אין שויב...

פריילעך, יום־טובדיק איז איצט דאָס מיידעלע מיטן פאַרפּלאָנטענעם שטײַפן צעפּל. זי ווייסט, אַז תּמיד, ווען עס דאַרף עפּעס פּאַסירן אין הויז, דאַרף זי נישט גיין פרי שלאָפן. נאָר אויף וועמען זיי וואַרטן איצט, ווייסט זי נישט באַשטימט: אַ טאַנטע? אַן אָנקל? אָדער אפשר גאָר אַ קוזין?

פאַרנאַכט האָט שוין דאָס מיידעלע געוווּסט, אַז הײַנט וועלן זיי אויפזײַן אַ ביסל שפּעטער. מיט אַן אַ שיעור פראַגעס איז זי באַפאַלן איר שטיף־שוועסטער, ווען יענע האָט נאָכן וואַשן זיך גענומען אויספּוצן.

— פאָרסט צו דער טאַנטע ען?

— ניין.

— צום אָנקל טאָם?

— ניין.

— צום קוזין דזשים?

— ניין!...

— טאָ צו וואָס פודערסטו זיך אונטער די אָרעמס?...

עליזאַבעט איז געבליבן שטיין אַ צעמישטע פון איר שוועסטערס לעצטער פראַגע: — אמת, פאַר וועמען פודער איך זיך? — האָט זי אַ טראַכט געטון. נאָר באַלד איז פון מיידעלע מיטן שטײַפן צעפּל געקומען נאָך אַ פראַגע, וואָס עליזאַבעט האָט מיט אײַנגעהאַלטענע טרערן איר שטיף־שוועסטערל קוים געענטפערט.

— גייסט חתונה האָבן? — האָט דאָס מיידעלע מיט באַגײַסטערונג געפרעגט.

— ?!...

— ווען?

— אפשר נאָך הײַנט — האָט עליזאַבעט געענטפערט, בעת זי האָט זיך אָפּגעקערט פון צעשפּאַלטענעם שפּיגל, ווען די טרערן האָבן זיך שוין גענומען אַראָפּגליטשן פון אירע אָנגעפודערטע באַקן צו די שטײַפע אַנטבלויזטע בריסטן.

— אָ, דזשי! — איז דאָס מיידעלע אַזש אונטערגעשפרונגען — אַז כ׳וועל קומען אין דײַן הויז, וועסטו מיר געבן אַ שטיקל „בייקאָן״?

איצט, ווען דאָס מיידעלע האָט זיך דערוווּסט, אַז עליזאַבעט זיצט דאָרטן און קלאַפּט אין שויב, האָט זי דאָס שטײַפע צעפּל אויסגעפלאָכטן, מיט דער שטאָלענער קאָם אין געדיכטן קאָפּ האָר אַרײַנגעקראָכן און איז צוגעשפרונגען צו דער מאַמען:

— אָ, מאַ, אַז כ׳וועל זײַן אַ גרויס מיידל, וועל איך זיך, ווי עליזאַבעט, אויספּוצן און אויך קלאַפּן אין שויב!...

אוירני איז אויפגעשפרונגען, ווי עמעצער וואָלט דאָס אויפגעזאָטענע פּענדל וואַסער אויף אים אַרויפגעפּליוכעט, און ווילד גענומען רײַסן דעם מיידעלעס צעשויבערטע געדיכטע האָר:

— „שאַט־אַפּ! שאַט־אַפּ!״ (שווײַג).

דאָס מיידל האָט יאָמערדיק געדריגעט מיט די פּיסלעך, ווען דער פאָטער האָט זי געשלעפּט בײַ די האָר צום בעט. מאַרדזשי און די איבעריקע קינדער האָבן מיטן מיידעלע מיטגעוויינט. אוירני האָט אירע האָר אָפּגעלאָזט, ווען עליזאַבעט, אַ טויט־דערשראָקענע, איז אין קיך אַרײַנגעלאָפן:

— מאַ! פּאַ!

עליזאַבעט האָט זיך גלײַך אַראָפּגעבויגן צום אויסגעצויגענעם שוועס־טערל בײַ דער טיר:

— וויין נישט. גיי שלאָפן. מאָרגן, מאָרגן וועט מען שוין קויפן בייקאָן, אַ סך בייקאָן...

אוירני האָט מיט די ברייטע ציין שטײַף אײַנגעפּרעסט די ליולקע; נערוועז גענומען אַרומשפּאַנען און זײַטיק געקוקט צו עליזאַבעטס אַנטבלויזטן בוזעם. געטראַכט האָט ער:

דו „ביטש" מיטן ווײַסן בלוט פון דײַן הינטישן טאַטן! ווי דײַן מאַמע, וואָס איז מיט אַ ווײַסן מאַן אין בעט אַרײַנגעקראָכן — אַזוי ווילסטו זיך פאַרקויפן! רוף מיך נישט „פּאַ!"

*

עליזאַבעט האָט אָנגעפּודערט די פאַרטרערטע באַקן און אָפּרוקנדיק דאָס דינע, געשטריקטע פאַרהענגל געשטעלט זיך בײַם פענצטער.

די גאַס איז שוין שטילער, טונקעלער. זעלטענער הערט זיך איצט דאָס קלאַפּן פון די טראַמען אויף די נאַסע רעלסן. די צוויי בלאָנדע מיידלעך, וואָס שפּאַנען געוויינטלעך הין־און־צוריק בײַם ראָג, זעט מען שוין איצט נישט. אָפּנים, דער רעגן מיטן בײַסיקן ווינט האָט זיי איצט פון גאַס פאַריאָגט. אָט צו די צוויי בלאָנדע מיידלעך האָט עליזאַבעט דורכן פענצטער די לעצטע טעג געקוקט... שעהען פלעגט זי דערנאָך אין בעט אָפּליגן און טראַכטן פונעם שמועס מיט דער מאַמען...

אין אָט דער טונקעלער, שטילער גאַס איז נאָך איין פענצטער באַלויכטן. עס זיצט בײַ אָט דעם פענצטער געוויינטלעך איר חברטע דזשין, וואָס זי פלעגט מיט איר גיין צוזאַמען זוכן דזשאַבס. אָט פריִער, איידער זי איז אַרײַנגעלאָפן צום קוויטשענדיקן שוועסטערל אין קיך, האָט זי

געזען ווי אַ דיקער, פעסלדיקער מאַן קאַטשעט זיך דאָרטן קוים אויף די עטלעכע טרעפּ. איצט היט זי דאָס פענצטער מיט אָנגעשטרענגטע אויגן.

פון קיך הערן זיך די קולות פון מאַרדזשין און אוירבין:

— נישט דײַנע גאָט־פאַרדאַמטע געשעפטן! זי איז נישט דײַנע!...

— ניינצן יאָר איז זי יאָ געווען מײַנע, האַ?!

— זי איז קיינמאָל נישט געווען דײַנע — הערט זי איר מאַמען ענטפערן מיט געוויין.

— „קראַיססט"! ווען זי איז מײַן טאָכטער, וואָלט איך זי בעסער דערוואָרגן!...

— טאָ דערווערג דײַנע דרײַ ממזרים — האָט זי אָנגעוויזן אויפן שלאָף־צימער — זיי זענען שטענדיק הונגעריק!

מאַרדזשיס העשען האָט עליזאַבעטס אויערן ווי געזעגט... פון איר הונגעריק שוועסטערל און די ברידערלעך האָט זי גענומען טראַכטן, ווי זי וואָלט געווען זייער מאַמע. מעכאַניש האָט זי „אָנגעשריבן" אויף דער פאַרהויכטער שויב: „בייקאָן" — דעם מאכל, וואָס זי האָט איר שוועסטערל צוגעזאָגט צו קויפן.

צוויי מענער זענען פאַרבײַגעגאַנגען: איינער האָט אַפילו דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן אויף איר רופן: דער צווייטער — אַ מאַך געטון מיטן האַנט, וואָס האָט געקענט מיינען: „העלאָו און גוד־באַי!"... צום דריטן פאַרבײַגייענדיקן האָט זי קוים אַ קלאַפּ געטון און איר פינגער איז ווי פאַראַליזירט געבליבן בײַ דער שויב. אירע דיקלעכע, אָנגעפאַרבטע ליפּן האָבן זיך פּאַמעלעך באַוועגט:

— אַ נעגער. פאַרוואָס רוף איך אים נישט?...

עטלעכע מאָל האָט זי זיך געשטעלט די פראַגע. מיט אָן אַ שיעור זאַכן האָט זי דעם ענטפער געפּרווט פאַרבינדן. זי האָט פּלוצלונג דערפילט אַ האַס צו איר מאַמען.

עליזאַבעט האָט אויפגעהערט פּיקן אין שויב. די עטלעכע מינוט, וואָס קיין מאַן איז נישט פאַרבײַגעגאַנגען, האָבן זיך פאַר איר ווי פעד געצויגן. אַז אַ מאַן איז שוין יאָ אָנגעקומען, האָבן זיך עליזאַבעטס גרויסע טונקל־ברוינע אויגן מיט אַ טיפן האַס אָנגעשטרענגט צום פאַר־בײַגייענדיקן, ווי זי וואָלט געזוכט איר ווײַסן טאַטן...

לאָס אַנדזשעלעס, 1936

ר'האָט נישט ליב יִדישע „הענט"

כ'האָב אים פֿײַנט געקראָגן נישט נאָר פֿאַר זײַן בייזן בליק און שטרענגן טאָן, נאָר אויך פֿאַר אַן אַנדערער „קליינִיקייט".

„ס'איז קעגן מײַן פּרינציפּ צו באַשעפֿטיקן יִדישע הענט"...

אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטיין פֿאַרלוירן, ווי מ'וואָלט מיך פּלוצעם אָפּגעגאָסן מיט אַן אײַז־קאַלטן עמער וואַסער.

מיר איז נישט נײַ דער „פּרינציפּ" פֿון באַלעבאַטים נישט צו באַשעפֿטיקן יִדישע הענט. נאָר איצט שטיי איך פּנים־אל־פּנים מיט אַן עלטערן, אַביסל שוין אײַנגעבויגענעם מאַן; אין זײַן צעשפּיליעטער וועסט זענען אַנגעפּיקעוועט שפּילקעס און אין געשטרײַפֿטן קראַוואַט — אײַנגעפֿעדעמטע נאָדלען; זײַנע ווערטער אַליין זענען אויך ווי נאָדלען און שפּילקעס, וואָס צעקראַצן מײַן נשמה. מײַן בלוט שפּאַרט זיך צום קאָפּ. מיר דאַכט, אָט־אָט וועל איך מײַן אָנגעשטײַפֿטע פֿויסט אַרײַניאָגן אין זײַן שאַרפֿן קין־ביין:

— „נאָ, פֿיל אַ יִדישע האַנט"!... ער האָט אַראָפּגענומען אַ קאָלירטן פֿאָדעם פֿון זײַנע אויסגעפּרעסטע הויזן, אַ גלעט־געטאָן די עטלעכע האָר, ווי ווײַסע פֿאַסטריגעס, אַרום פּליך, און עטלעכע מאָל אַרײַנגעהוסט אין זײַן ביינערדיקער פֿויסט, ווי ער וואָלט נאָכאַמאָל געזאָגט:

„יאָ, ס'איז מײַן פּרינציפּ"...

בעת איך בין שוין געשטאַנען בײַ דער שוועל האָט ער מיך צוריקגערופֿן:

— איז ווו האָסטו געאַרבעט? „רעפֿערענסן" האָסטו?

דאָ האָב איך באַשלאָסן אים בלאָפֿן, זאָגן איין ליגן גרעסער פֿאַרן אַנדערן. ווײַל ווי קאָן איך דען אַנדערש קריגן אַ דזשאָב בײַ אַ פֿאָך, וווּ כ'האָב קיינמאָל פֿריִער נישט געאַרבעט? אמת, שנײַדערײַ איז מיר

נישט פרעמד, נאָר דאָ איז דאָך די „מאַרעל מאָדעל האַוז" און אין דער „וואומענס וועיר" — די פּרויען־צײַטונג — האָט זיך דאָך בפּירוש געדרוקט, אַז מ'דאַרף אַ מידל, וואָס זאָל קאָנען נייען מאָדעלקליידער, טאָ ווי קום איך אַהער?

זײַן טאָן האָט זיך אַביסל געביטן ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז נאָר־וואָס בין איך געקומען פון קאַליפאָרניע. אין האָליווּד, (נישט אַנדערש...) האָב איך געאַרבעט אין אַ סטודיע־שאָפּ. כ'רוף אַפּילו אָן אַ נאָמען פון דער הגדה, נאָר דאָ, אין ניו יאָרק, בין איך — אַ „גרינער", ממש גרין ווי גראָז...

כ'זע, אַז ער צווייפלט אין מײַנע ווערטער, ווײַל עטלעכע מאָל חזרט ער איבער, אַז צו אַרבעטן פאַר אים מוז מען זײַן אַ גוטער שנײַדער, אזוינס און אַזעלכס. דאָס וואָרט: „שנײַדער", זאָגט ער אַרויס אין אַ קלאָרן יידיש, ווי ס'איז קלאָר זײַן ענגלישע, געשליפענע שפּראַך; ווייס איך שוין נישט ווער דער מר. מאַרעל איז? ווײַל פון זײַן פּנים איז נישט לײַכט צו באַשטימען זײַן נאַציאָנאַליטעט. איך בעט אים קוקן אויף מײַן אָנצוג, וואָס כ'טראָג, (טאָקע אַליין אויפגענייט) זאָל ער זען צי איך בין באַקאַנט מיט שנײַדערײַ.

ער מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, ווי כ'וואָלט דאָס געקומען אײַנגאַנצן זיך פאַרקויפן, און לאָזט מיר וויסן, אַז זײַן נאָמען איז: — מיסטער פאָלבין. מאַרעל, הייסט עס, איז דער כּבוד פון דער פירמע, און ער אַליין איז אויך געווען אין קאַליפאָרניע און עד היום טאָקע נאָך פאַרבליבן אַ קאַליפאָרניער פּאַטריאָט. נאָך דער באַרימטער ערד־ציטערניש איז ער צוריקגעקומען.

כ'זיץ שוין אין דער גרויסער, ליכטיקער „שאָאו־רום" מיט די בלומען־וואַזאָנעס לעבן די גרויסע שפּיגלען און גיב אים איבער די „לעצטע נײַעס" פון קאַליפאָרניע. ער רופט מיך שוין „סאָן" און איך טראַכט: — אַזאַ טאַטן, וואָס האָט אַ „פּרינציפּ" קעגן „יידישע הענט", וואָלט איך ———

פון איבערן ווענטל, מיט אַ טונקל־ברוין געפּאַרבעטער טיר צום אַרײַנגאַנג, גיט אַ זשום אַ נײי־מאַשין; אַ קלאַפּ פון פּרעס־אײַזן; אַ רעדלסקריפּ פון דער פיגור. כ'בעט אים ער זאָל מיר ווײַזן די „לאַין"

וואָס ער שאַפט, ווערט מיר אַביסל לײַכטער אויף דער נשמה ווען כ׳זע — די וואַזשנע „סטאַילס״. (פאַסאָנען).

שוין בײַם אַוועקגיין לאָזט ער מיר וויסן, אַזוי גלאַט־צונגיק, אַזוי זיס, אַז ער צאָלט נישט מער ווי זעקס דאָלאַר אַ טאָג. ווײַל, ———— יאָ, כ׳זאָל וויסן אין פאָרויס, ער איז „קערפול״. (פאָרזיכטיק).

✶

„ווײַל איז צו דער מאַמען, וואָס האָט אַ זון אַ שנײַדער״. כאָטש ווי ווײַל ס׳אין מײַן מאַמען, מיט איר זון דעם שנײַדער, האָב איך אין נאָך קיינמאָל נישט געפרעגט. אָפט איז דעם זון נישט שלעכט, וואָס זײַנע פינגער קאָנען אַלץ אויפנייען, וואָס די אויגן זעען נאָר.

שוין עטלעכע טעג ווי כ׳אַרבעט און אָפּנים דער מר. פּאַלבין האָט געביטן דעם „פּרינציפּ״ קעגן ייִדישע הענט. ער האָט שוין אַפילו מיר צוגעזאָגט צו צאָלן 35 דאָלאַר אַ וואָך און זיך געשוווירן, אַז מער קאָן ער נישט געבן. ס׳איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער סעזאָן. ווען כ׳וואָלט נאָר געקומען מיט אַ זעקס וואָכן פריִער, וואָלט ער מיר געגעבן 50 דאָלאַר, ווי ס׳איז מײַן פאַרלאַנג. ער זשאַלעוועט אַפילו נישט קיין קאָמפּלימענטן מײַן „גרויסן טאַלאַנט״, נאָר ווי קאָן ער איצט מער צאָלן ?... כ׳בין כמעט ווי זיכער, אַז ווען כ׳קום טאַקע מיט אַ 6 וואָכן פריִער וואָלט ער אויך געזונגען דאָס זעלבע לידל...

די אַרבעט איז פאַר מיר אַ שפּילעכל: אַז כ׳מאַך פאַרטיק איין קלייד אַ טאָג, בין איך אַ „העלד״. (אין אַ געוויינלעכן שאַפּ מוז מען עס „אַרויסשיסן״ אין 30—35 מינוט...) כאָטש אים צופרידנשטעלן איז נישט פון די לײַכטסטע זאַכן. כמעט יעדן טאָג זענען דאָ נײַע פּנימער: מ׳קומט און מ׳גייט... מר. פּאַלבין פּאַדעט אַרום בײַ די האַלבבאַקליידטע פיגורן און מיט זײַן געשליפענעם, פּאַטעטישן ענגליש, ברענגט ער אָפט אַרויס טרערן בײַ די נײַע מיידלעך. די ערשטע טעג, בעת ער פלעגט צוקומען צו מײַן פיגור, האָב איך גלײַך געוואָרפן אַ בליק צו מײַן מאַנטל און הוט; געמיינט, אפשר, דאַרף איך שוין גיין...

✶

די איטאַליענערקע, אַ הויכע, דיקלעכע פרוי מיט היפּשע שוואַרצע וואָנצעס, וועמען ער האָט אָפּגעזאָגט, האָט נישט געוויינט ביַים פאַרלאָזן דעם מאָדעל־שאָפּ. בעת ר׳האָט זי אַריַינגערופן אין אָפיס האָט די סטעליע אַזש געציטערט פון איר קול. דאַכט זיך, אַז דעמלט האָט ער געוויינט. און געמוזט איר באַצאָלן צו זעקס דאָלאַר אַ טאָג, נישט 5 — ווי ער האָט געוואָלט...

מיר איז באמת געווען אַ שאַד, וואָס די הויכע, דיקלעכע פרוי איז אַוועק. יעדער וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, האָט פאַרמאָגט אַ מאָד־נעם חן. אַלץ איז ביַי איר אַרויסגעקומען אין מערצאָל: — „סליוועס״ (אַרבל), „קאָלערס״ (קאָלנער), „פינעס״ (שפּילקעס), „באַטענס״ (קנעפּ) — היינט איר צוזינגען!

פון אָפיס איז דער מר. פּאָלבין אַריַינגעקומען, ווי אַן אַלטער קאָטער, וואָס מ׳האָט אים נאָר־וואָס אָנגעבראָכן די ביינער פאַרן ווען אָפּלעקן אַ ביסל סמעטענע... ביַי דער פיגור ווו כ׳האָב געהאַלטן אין אויסשפּילען פאַלדן־טרעפּ ביַי אַ הויכן האַלדז, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויף דער פרויס חשבון אַ בורטשע געטאָן:

— „גויאישע קעפּ״!

ווען אין דרויסן וואָלט נישט גערעגנט און אויף דער קליידער־בירזשע וואָלטן זיך נישט אַרומגעדרייט טויזנטער אַרבעטלאָזע, וואָלט איך אים געוויס געענטפערט:

„מיסטער לויזער, כ׳האָב געמיינט אַז דיַין „פּרינציפּ״ איז נאָר קעגן „יידישע הענט״ ?..

יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז געוואָרן „ביזי״ מיט עטלעכע באַשטע־לונגען, איז מיר איַינגעפאַלן אַ פּלאַן, ווי אַזוי אַרויסצוריַיסן פון דעם מר. פּאָלבין נאָך אַ פּאָר סענט. איך האָב געוווּסט, אַז ער וויל נישט כ׳זאָל אַוועקגיין, און אין דער מיטאָג־שעה האָב איך דעם פּלאַן דורכגעפירט.

כ׳האָב גערופן מיַין ברודער און אים געהייסן מיך רופן צום טעלעפאָן, ווען איך וועל דאָ נישט זיַין, און בעטן מיר איבערגעבן ס׳פאָלגנדיקע:

„גיי אַרויף וועגן אַ דזשאָב אויפן 34טן שטאָק, 1400 בראָדוועי, זע מר. דזשעק שטיינהאָלץ״.

ס׳האָט געאַרבעט! כ׳האָב שיר נישט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכ־

טער בעת מר. פּאַלבין איז צוגעקומען צו דער מאַשין; זיך באַקלאָגט אויף דער שטעכעניש, וואָס אים איז אַרײַן אין רוקן, און זיך קוים אײַנ־געבויגן, ווי ער וואָלט מיר געזאָגט אַ סוד, אַז ער האָט באַשלאָסן מיר צאָלן... 40 דאָלאַר אַ וואָך:

✶

אין אַ שײנעם פרימאָרגן האָבן די עלעוועיטאָר־בחורים מיר געזאָגט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל:

— ס'איז נאָך פאַרשלאָסן; דער „מעידזשאָר" איז נאָך נישטאָ.

— ווער איז נאָך נישטאָ? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— דער „מעידזשאָר", דײַן באָס, מיסטער פּאַלבין.

אַ לעבן אויף די צוויי בראָנזענע יאַטן מיט די בלישטשענדיקע ווײַסע ציין, ווי דער נאָמען: „מעידזשאָר" איז עס צוגעפּאַסט פאַר דעם מר. פּאַל־בין מיטן „פּרינציפּ". דורך דער גאַנצער צײַט וואָס ער האָט געקאָמאַנדע־וועט מיט אונדז, ווי מיט זעלנער אויסגעשטעלטע מיט שפּילקעס בײַ די פיגורן: — יעס, נאָ! יעס סער, נאָ סער! — האָט עפּעס אַ ראַנג פון אַ מיליטער־מאַן מיך געבריט אויף די ליפּן. איך געפין אויס, אַז פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט דער „מעידזשאָר" קײנמאָל נישט פאַרפעלט צו עפענען דעם שאַפּ, אַפילו זיבן טעג אַ וואָך. כאָטש לעצטנס האָט ער זיך שוין באַקלאָגט אויפן געזונט, פּונקט ווי די שפּילקעס, וואָס שטעקן אין זײַן צעשפּיליעטער וועסט און די נאָדלען אין געשטרײפטן קראַוואַט וואָלטן אים אַרײַן אין רוקן...

לאַנג האָבן מיר נישט געדאַרפט וואַרטן אויף אים. די עלעוועיטאָר־טיר האָט זיך געעפנט און דער „מעידזשאָר" האָט קוים געשאַרט די טריט. ווי אַן אמתער מיליטער־מאַן האָט ער אונדז געגעבן באַפעלן, בעת ער האָט געמוזט בלײַבן ליגן, אין דער „שאָורום", אויף עטלעכע אויסגעבעטע שטולן.

✶

מאַרטאַ איז געווען די אײנציקע, וואָס איז מיט מיר געבליבן אַרבעטן. זי איז אויך געווען די אײנציקע, וואָס כ'האָב געוווּסט איר נאָמען. כאָטש

ווען ס'ווענדט זיך אין מיר, וואָלט איך בעסער געוואָלט בלײַבן אַרבעטן מיט דער הויכער איטאַליענערקע, וואָס יעדעס וואָרט פון איר מויל קומט אַרויס מיט געזאַנג.

מאַרטאַ איז נישט געווען קיין סימפּאַטישע פּערזאָן. מיר דאַכט, אַז די לעצטע מיידל האָט ער אָפּגעזאָגט, ווײַל מאַרטאַ האָט אים דערציילט אייניקע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען, וואָס דאָס מיידל האָט געמאַכט וועגן דעם „מעידזשאָרס" משוגענע קאַפּריזן.

מאַרטאַ, אַ מיטליעריקע דײַטשישע פרוי, מיט אָפּגעפּרעסטע, בלאָנדע האָר, וואָס האָבן אינגאַנצן פאַרשטעלט אירע אויערן, איז מיר דערגאַנגען די יאָרן! ווי איך וואָלט עס געווען שולדיק, וואָס היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און זי מוז עס איצט „סופּאָרטן" איר יידישן מאַן... זי רעדט צו מיר דײַטשיש, ווײַל ווען יך יד קאָן עס נישט קיין דײַטש?... נאָר, אַז איך נעם צו איר רעדן דײַטשיש און זי צו מיר ענגליש, דאַרף מען, דאַכט זיך, האָבן אַ דריטע פּערזאָן, וואָס זאָל אונדז געבן צו פאַר־שטיין וואָס איינער וויל פון צווייטן...

לויט דעם „מעידזשאָרס" אָרדערס דאַרף איך אַרויסענדיקן די צוויי „סוטס" און זי, מאַרטאַ, — די קינדער־קליידעלעך. זי, אַ מאַמע פון צוויי מיידעלעך, האָט מער „געפיל" צו נייען קינדער־קליידעלעך. כאָטש זי ציטערט, צאַפּלט זיך בײַ יעדן שטאָך, ווי זי וואָלט דערפילט, אַז אויך איר דזשאַב קאָן זיך ענדיקן, אויב אים וועלן נישט געפעלן די קליידעלעך, וואָס זי דאַרף אַליין אויפנייען. איך שלעפּ אָפּט אַרײַן די פיגור צו אים אין דער „שאָו־רום" און מיר בײַטן זיך מיט איינצלנע ווערטער:

— יעס?

— נאָ סער!

— יעס?

— אָלראַיט!...

ער איז אײַנגעשלאָפן מיט אַן אָפן ציינלאָז מויל בעת כ'האָב פאַר־טיק געמאַכט די „ספּעשלס".

*

די בוכהאַלטערין האָט נאָר־וואָס געהאַט אויפגעשלאָסן דעם שאַפּ ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

מאַרטאַ און איך זענען נאָך געשטאַנען אין די מאַנטלען, ווען דער מר. פּאַלבין האָט פון הויז גערופן און געהייסן צושיקן דעם מאַן, מיך, הייסט עס, צום טעלעפאָן.

ער זאָגט מיר וואָס מ׳דאַרף פריִער אַרויסענדיקן, ווײַל ער מוז הײַנט אַביסל לענגער בלײַבן אין בעט, און צום סוף: איך זאָל „אָפּלייגן" מאַרטאַן. ער האָט געזען די קינדער־קליידעלעך און מוז האָבן נאָר „פּוירסט קלאַס"־באַלמעלאָכעס!

„אַלע בייזע חלומות זאָלן אויסגיין צו דײַן אַלטן קאָפּ!"

מאַרטאַ האָט אַפּנים געהערט איר נאָמען. בלוטלאָז איז איר פּנים געוואָרן; ווי היטלער אַליין וואָלט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַק איבער איר בלאָנדן קאָפּ. כ׳קוק אויף אירע שטײַף־פאַרפרעסטע ליפּן און ענטפער, אַז אָן מאַרטאַן, זעץ איך זיך נישט אַרבעטן. זײַן שטים, דורכן טעלעפאָן, רעוועט מאָדנע בעת ער מעלדעט באַפעלעריש:

— איך קום!

דער טעקסי־שאָפער האָט אים געהאָלפן אַרויסגיין, דער קראַנקער „מעידזשאָר" האָט קוים געקענט אויסדרייען דעם קאָפּ צו זען, ווי מיר — זײַנע פאַרבליבענע זעלנער — שפּאַנען הין־און־צוריק, צוזאַמען מיט נאָך צוויי מיידלעך, וואָס די יוניאָן האָט אונדז מיטגעשיקט...

(1932)

משהלע

קיין איינער פון די צען אָפּערעיטאָרס רעדט נישט צו אים. אין אַ ווינקל זיצט ער אַרומגערינגלט מיט „באַנדלעך".*

אַ נײַער באַלמעלאָכע זיצט לעבן אים נישט מער ווי 3—4 טעג. וויסנדיק וויפיל מאַנטלען יעדער אָפּערעיטאָר נייט אויף אַ טאָג, גיט ער שוין אַכטונג, אַז דער נײַ־אַרויפגענומענער זאָל נישט ווערן קיין „שטענדיקע האַנט".

דאָס האָב איך געוווּסט נאָך איידער מײַן פוס האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון שאַפּ.

דער באָס רופט אים פאַרצויגן: „מוישעלע". די באַלמעלאָכעס: — „די פּאַסקודסטווע", „דער לענדלאָרד".

דעם ערשטן עקזאַמען האָב איך לײַכט דורכגעמאַכט. דער באָס — אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, האָט מיך באַגעגנט מיט פרעגנדיקע און דורכדרינגענדיקע בליקן.

— די יוניאָן האָט מיך אַרויפגעשיקט. כ׳בין אַ ניו־יאָרקער — האָב איך אים דערקלערט.

— אַ ניו־יאָרקער ? — פרעגט ער מיך איבער מיט אַ מאָדנעם שמייכל, און זײַנע אויגן ווערן קליין.

— ווו האָט איר געאַרבעט אין ניו־יאָרק ?

— בײַ פײַנבערג און שולץ־קלאָוק ענד סוט קאָ., אויף 37סטער סטריט — פאַלט מיר אײַן די נעמען פון צוויי באַקאַנטע, און איך מאַך זיי פאַר מאַנטלמאַכערס.

— כ׳קען זיי. איך בין אויך אַ ניו־יאָרקער — טוט אים הנאה, וואָס איך בין אַזש פון ניו־יאָרק געקומען צו אים נאָך אַ דזשאָב. — אָלראַיט. דאָרטן קאָנט איר אויפהענגען אײַער מאַנטל.

✶

---

* „באַנדלעך" — פּעקלעך.

מוישעלע באַגעגנט מיך מיט אַ בייזן פאַרווונדערטן בליק.

— ס'אי שוין סלאָו ביַי דרעסעס ?...

איך טו אָן אומשולדיקן צי מיט די אַקסלען, ווי אין מיַין לעבן וואָלט איך קיין איין קלייד נישט אויפגעגנייט...

— מיסטער, איר מאַכט אַ טעות. איר מוזט מיינען עמעצן אַנדערש.

מיר דאַכט, ער הערט מיך אפילו נישט; ער וועט נישט פאַרלירן קיין מינוט, קיין רגע צוליב מיַין ענטפער. איך הער זיַין זאָגעלע, ביט צו מיר, נאָר צו דער מאַשין, ווי זי וואָלט אויערן פאַרמאָגט:

— עפּ, אַלע נייען היַינט קלאָוקס אין אַמעריטשקע גנב!

צוויי וואָכן—ווייס איך—מוז איך שוויַיגן. צוויי פּראָבע־וואָכן, ביז ס'וועט ווערן „מיַין" שאַפּ. וויפיל באַלמעלאָכעס האָבן נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע־וואָכן צוליב מוישעלעס צו־שנעלן נייען? און איך? וועט ער מיך נישט פאַרמסרן פאַרן באָס? וועט ער זיך נישט שווערן ביַים וויַיב און קינדער, אַז איך בין גאָר אַ קליידער־שניַידער...

אין שאַפּ איז וואַרעם. אַ ביסעלע צו־וואַרעם... דער קעסל־גאַז—אין כאָר מיט די זשומענדיקע ניי־מאַשינען. די פּרעסערס — ביַי די האָפמאַן־מאַשינען — ווערן יעדע וויַילע פאַרשלונגען אין הייסע פּאַרע־וואָלקנס. ווען עס שליסן זיך די ברייטע אָנגעגליטע ליפּן פון אַ האָפמאַן־מאַשין, איז אָפּגעפּרעסט אַ האַלבער מאַנטל... צוויי פּרעסערס בראָזגען מיט האָנט־איַיזנס.

שוין עטלעכע טעג, אַז ס'רעגנט, מבולט!

אויך איצט פליוכעט אין די פאַרשטויבטע שאַפּ־פענצטער; ווילט זיך איצט נישט שיידן מיט אַ שאַפּ־דאַך... איך נעם זיך אַרומווישן די פאַרשטויבטע מאַשין, און נישט־ווילנדיק בלאָנדזשעט מיַין בליק צו מוישעלעס.

ער איז הויך און דאַר. פון דער שורה אָפּערעיטאָרס ביַי די מאַשינען, סטאַרטשעט אַרויס זיַין שפּיציקער, פליכעוואַטער קאָפּ. פון אייבערשטן וועסטל־קעשענע קוקט אַרויס דאָס קאָלירטע יוניאָן־ביכל.

איך צי אָן די רימענס.

אָט טראָגט דער באָס פאַר מיר אַרבעט.

— מוישעלע, ווערסט אים עקספּלעינען ווי אַרײַנצונייען דעם קאַלנער. איך האָב נישט דעם מוסטער.

— מיט פאַרגעניגן. סוירטענלי. מיט כּבוד גדול!

נאָר אַז איך נעם אַ קוואַדראַטנע שטיק פון מאַנטל — אַזאַ געקעסטלטע סחורה, כאַטש נעם שאַך־פיגורן און שטעל זיי אויס אויף די שוואַרץ־ווײַס קעסטעלעך — און פרעג מוישעלען, וועלכע זײַט איז די רעכטע, ענטפערט ער שוין גאָר מיט אַ נײַ שמייכעלע:

— די צווייטע פון דער לינקער — איז די רעכטע...

פון זײַן שפּיציקן ענטפער פאַרשטיי איך שוין, אַז די געקעסטלטע סחורה איז פון ביידע זײַטן גלײַך. כ'האָב שוין אַמאָל געהערט דעם ענטפער פון אַזאַ „טיפּ" אָפּערעיטאָר. איצט, ווען מוישעלע זיצט בײַ מיין רעכטער זײַט, דערמאָנט זיך מיר דער קבלת־פּנים וואָס כ'האָב געקראָגן, מיט צען יאָר צוריק, — אינעם ערשטן קלאָוק־שאַפּ.

די אַרבעטאָרערס האָבן זיך דאַן געלאָזט ווילגיין אויף מײַן חשבון: „גרינער"! „גרינער"!

מיט דער אַרבעט, וואָס דער באָס האָט מיר צוגעטראָגן, בין איך שוין באַלד פאַרטיק. מיר דאַכט, אַז מוישעלע האָט שוין איבערגעציילט יעדן שטאָך, וואָס איך יאָג אַרײַן אינעם שפּיציקן קאַלנער און די ברייטע קלאַפּעס. ס'פּאַלט אים, אַפּנים, גאָר נישט אײַן, אַז איך קאָן פאַרטיק מאַכן דעם מאַנטל און אים גאָר נישט פרעגן, ווען כ'זע, אַז ער גייט דעם זעלבן מוסטער.

זײַנע כיטרע בליקן באַמערק איך ווען כ'ניי שוין דעם צווייטן מאַנטל. דער באָס פאַרעט זיך אַרום די מאַשינען מיט אַ שמייכעלע אפילו; די פאַרטיקע מאַנטלען פליען איבער די קעפּ, צו דעם פּרעס־טיש.

אין דרויסן רעגנט שוין נישט. שטראַלן פון דער זון קריכן שוין הינטער דער נאָדל; קריכן צו מײַן צעשפּילעטן קאַלנער, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסטריקענען מײַן דורכגעשוויצט העמד... איך פרעג מוישעלען, צי דאָ עפּנט מען נישט קיין פענצטער, גיט ער אויף מיר אַ מאָדנעם ציניש'ן בליק. זײַן צינישקייט ווערט מיר קלאָר, ווען כ'פרעג אים (כ'מוז

זײַן מיט אים גוט...) צי איך מעג אויסבײַטן מײַן צעדראָמדזשעטע שטול אויף אָט־דעם, וואָס איז אַ „פּאַדפּאָרע" פאַר זײַנע „באָנדלעך".

— וואָס מיר פענצטער? וואָס מיר שטול? ביסט אַ גרינער?! בייט קלאָוקס און קען נישט קיין ענגליש...

אַהאַ! איך פאַרשטיי שוין מײַן פאַרברעכן: געדאַרפט זאָגן אויף פענצטער „ווינדע" און אויף שטול — „טשעיר". דער באָס שטייט שוין צווישן אונדז:

— וואָטס די טראָבל?

איך זאָג אים, טאַקע אין ענגליש, אַז די פיס פון מײַן שטול שאָקלען זיך ווי פּסיכנעוואָטע ציין בײַ אַן אויסגעדאַרטן פערד. אפשר וועט מוישעלע פאַרשטיין וועמען איך מיין... קוקט ער טאַקע מיט צעקראַטשעטע אויגן, וואָס זאָגן:

„זע נאָר, ווער ס'רעדט ענגליש?..."

✶

נאָך מיטאָג האָט פּאַסירט דאָס, וואָס די באַלמעלאָכעס האָבן מיר פאַראויסגעזאָגט בײַם טישל אין רעסטאָראַן. דער באָס האָט צוגעטראָגן צוויי מאַנטלען פון פאַרשיידענע קאָלירן: מוישעלען געגעבן דעם זשאַוואַר־קאָלירטן, מיר — דעם העל־בלאָען, ווי מ'וואָלט נאָר־וואָס אים אויס־געשניטן פון אויסגעצוואָגענעם הימל.

— מאַכט עס גלײַך. סע ספּעשלס.

כ'האָב שוין געוווּסט: מוישעלע קריגט 50 דאָלאַר אַ וואָך, און איצט וועט ער זיך נאָך שנעלער יאָגן, — באַשטימען מײַן פּרײַז...

ווי אויף צו־להכעיס נעמט מײַן מאַשין גאָר מאַכן קונצן. רײַסט, פלאָנטערט דעם פאָדעם דורך די שטאָלענע ציין, ווי זי וואָלט זיך וואַרגן.

איך טרינק אָן יעדעס שרײַפעלע מיט אויל.

עס ווילט זיך מיר נעמען רעדן צו דער מאַשין:

„נו, זײַ נישט קיין עקשן, לאָז זיך שפּאַנען!"

דער באָס, מוישעלע, דער זייגער — אַלע היטן מײַנע צאַפּלדיקע פינגער! די סחורה פון מאַנטל איז ווייך, פוכיק, זאַפט־אײַן טראָפּנס שווייס...

מוישעלע שטעפּט מיט כּעס, מיט שנאה. מיר דאַכט, אַז אים פּאַרדריסט שוין דער גאַנצער עסק פון זיין דער אויספּרובירער פון אַ „נייַער האַנט”. ער אַרבעט מיט אַלע חושים: פּאַרציט די ליפּן, ווי ער וואָלט געבלאָזן אויף דער נאָדל, זייַנע שטייַפע וואָנצעס זענען שוין אָנגעשפּיצט.

צופרידענע בליקן פון די באַלמעלאָכעס זענען געווענדט צו מייַן מאַשין, ווען איך גיב דער ערשטער אָוועק דעם „ספּעשל”.

מוישעלע אַרבעט האַסטיק, ווי ער וואָלט זיך געטרונקען בייַם שטעפּן דעם שפּיציקן קאָלנער מיט די ברייטע קלאַפּעס. נאָך מער דערשלאָגן איז ער שפּעטער געבליבן, ווען דער באָס האָט זייַן מאַנטל אַראָפּגענומען פון פיגור און צוגעלאָפן צו די מאַשינען:

— וואָס גייט מען דאָ, תּכריכים? זע נאָר אַ שטעפּן! ברייט, שמאָל, קרום, ווי אַ שיכּור ———!

אַ ווייַלע זענען די מאַשינען שטיל פון זייַן שרייַען, ווי יעדער באַלמעלאָכע וואָלט זיך אייַנגעהערט ווי מוישעלע רעדט, וואָרטשעט צום באָס, ווי אַ געשלאָגענער הונט:

— נו, לייג אָוועק. כ׳על פּיקסן... אין דר׳ערד אַרייַן. כ׳על ענדיקן...

סאַן פראַנציסקאָ, 1936

אַ פלעק

נאָך איידער ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג איז נייטן שוין געלעגן וואַך. דאָס טיקן פונעם זייגער האָט זיך אויסגעמישט מיטן סיקן פונעם דאַמף־ראַדיאַטאָר, וואָס האָט גענומען זופּן די וואַרעמקייט. ער האָט געהיט דעם זייגער — דער וויַיזער זאָל נישט צוקריכן צום ראַדיאָום־ציפער און אָנהייבן קלינגען: זאָל די וויַיב מיט די קינדער נאָך שלאָפן. אָט הערט ער זייער געשמאַק כראָפּען הינטערן שפּאַנישן ווענטל.

טריט פון פערדישע פּאַדקאָוועס האָבן צעשניטן די שטילקייט פון גאַס. די הילצערנע טרעפּ האָבן גענומען סקריפּען. אַ פולע פלאַש מילך האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ ליידיקער פלאַש ביַי דער טיר, ווי זיי וואָלטן זיך געזאָגט: — „גוט־מאָרגן".

נייטן איז נאָך געלעגן אין שמאָלן בעטל, וואָס אינדערפרי ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ קאַנאַפּע. ס'צינגל פונעם זייגער האָט ער שוין פאַרשאַרט — זאָל עס נישט קלינגען. דער מילכמאַן האָט ווי אַ וויכער דורכגעשוועבט דעם שמאָלן, טונקעלן קאָרידאָר און אויפגעוועקט זיַין יינגסטן זון; אָט דעם וואָס נייטן האָט קוים דערקענט.

דורך די עטלעכע יאָר וואָס נייטן איז געווען אין סאַניטאַריום האָט זיך באַבי, זיַין זון, אינגאַנצן געביטן: זיַינע בלאָנדע לאָקן זענען טונקעלער געוואָרן, שוואַרץ, ווי דער מאַמעס. אונטן, ביים פאַרריסן נעזל — אַן אַ סימן פון רויטקייט...

ווען באַבי איז היימישער געוואָרן מיטן טאַטן, וואָס איז „געווען אין יוראָפּ" האָט ער זיך פאַר אים באַרימט — און טאַקע געוויזן דאָס קליינע נאָזטיכל וואָס ער טראָגט אין קעשענע:

— פּאַ, די מאַ זאָגט, אַז איכ'ל זיַין אַ דאָקטער!

איצט האָט זיך באַבי געוועקט ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען די מילך־

שפּראַך אין די פּלעשער וואָס וואַרטן אין דרויסן. נייטן האָט אָנגעשטרענגט דעם געהער און מער ווי דאָס וואָרט „פּאַ״ האָט ער נישט געקאָנט צוזאַמענשטעלן פון די ברעקלעך ווערטער וואָס זײַן זון האָט אַרויס־געפּרעפּלט.

— פּאַ — האָט נייטן דאָס וואָרט איבערגעחזרט — רופט ער מיך, דעם טאַטן, וואָס איז „געקומען פון יוראָפּ״. אפשר חלומט ער איצט, אַז זײַן טאַטע האָט אים אַ סך שפּילצײַג געבראַכט און די קינדער אין גאַס ווילן בײַ אים אַ שפּילצײַג צונעמען? אָדער אפשר וויל גאָר זײַן שוועסטערל פאָרן אויפן רײַט־וועגעלע, ווי ס׳האָבן דעם שכנס קינדער?

ער האָט זיך שנעל גענומען אָנטאָן ווי אַמאָל — אין טעג פון סעזאָן, בשעת ער איז פאַרשלאָפן. כאָטש „זײַן״ אַמאַליקער שאָפּ האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגעצויגן „אויט־אָוו־טאַון״. פון מעקסן דעם פּרעסער, זײַן לאַנדסמאַן, האָט ער אָפּגענומען דעם גרוס:

— זיי ווילן נישט מער קיין מענער — האָט מעקס מיט רציחה געזאָגט — אפילו ייִדישע מיידלעך טויג זיי אויך נישט — די ייִדישע באָסעס!... אַ בראַנד זיי אין די קישקעס! שיקסעס גיב זיי, נאָר שיקסעס...

אָט דאָס לידל הערט מען אָפט אין אַוטאָמאַט־רעסטאָראַן, אויף דער שנײַדער־בירזשע און אַרום די גרויסע מויערן אין גאַרמענט־צענטער. די מחנות אַרבעטסלאָזע שטייען ווי פאַרמשפּטע לעבן די ברייט־צעפּראַלטע פראַכט־טירן וווּ מ׳פירט אַרויס די פּעק צוגעשניטענע מאַנטלען און קליידער. קוקן ווי מ׳פּאַקט אין די מגושמדיקע טראָקס וואָס פירן אַוועק דעם שנײַדערס ברויט!...

נייטן האָט אויך געזען די לאַסט־אויטאָמאָבילן שוין מיט פאַרטיקע קליידער. ער איז דעמלט געשטאַנען בײַם מויער און געוואַרט אויף מעקסן, דעם פּרעסער. הײַנט מוז ער אים טרעפן, מעקסן; יענער ווייסט זײַן לאַגע. אפשר וועט מעקס פאַר אים קריגן די ליידיקע מאַשין אין שאָפּ.

ער איז שוין באַלד גרייט געווען צו פאַרלאָזן ס׳הויז, נאָר די ווי־זיטערס האָבן זיך קוים דערשלעפּט צום זעקס. אַ קאַלעמוטנע גרויקייט האָט זיך דורכגעריסן אַרום די שפּאַרעס פון אַראָפּגעצויגענעם פאָרהאַנג. ס׳פענצטער האָט געציטערט, דער ווינט האָט געפּאַטשט אין די שויבן,

ווי ער וואָלט זיך געבייזערט וואָס מ׳פאַרשטעלט די מתּנה וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט.

— שניי! — האָט נייטן זײַנע אויגן נישט געגלייבט, בעת ער האָט אַרויפגעצויגן דעם פאָרהאַנג — שניי! ווי עפּעס וואָלט זיך אָפּגעריסן אין זײַן אינגעווייד, איז ער געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום פענצטער. אַ קאַלטער שווייס האָט דורכגעשפּיזלט זײַן שמאָלן, לענגלעכן גוף. ער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל ווי ס׳וואָלט אים אויסגעפּעלט לופט...

ממ־אָ־רי־ס — האָט ער זײַן טויטן פרײַנטס נאָמען קוים אַרויסגערעדט.

מאָריס האָט נישט דערלעבט צו זען דעם שניי. אין סאַניטאָריום האָבן אַ סך פּאַציענטן מקנא געווען מאָריסן וואָס בעסערט זיך פון טאָג צו טאָג. מאָריס פלעגט אין די ווינטער־סעזאָנען, ווען ס׳רעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס, נישט אויפהערן רעדן מיט בענקשאַפט וועגן שניי, ווי גוט ס׳איז בשעת מען נעמט אַ זשמעניע פריש־געפאַלענעם שניי און מ׳רײַבט זיך אײַן ס׳פּנים. און וויפיל שיינקייט ליגט עס אין אַ זאַווערוכע! ער פלעגט „נאָכלאָזן די הענט״, בײַם מאַשין אין שאַפּ, און קוקן ווי די שניי־שפּליטערלעך גלעטן די פאַרשטויבטע שאַפּ־פענצטער. הײַנט די יאַטן מיט די שליטעלעך אין גאַס! אַט דאָס, פלעגט מאָריס זאָגן, דערמאָנט אים שטענדיק אין זײַנע קינדער־יאָרן... דעם גרעסטן מענטש פון שניי פלעגט ער דאָך מאַכן.

נאָר ווער זאָל זיך ריכטן, אַז אַ בלוט־שטורץ וועט מאָריסן פאַר־ענדיקן?... ער אַליין וואָלט זיך דאָך אויסגעלאַכט פון אַזאַ געדאַנק. נייטן קוקט איצט אויפן פריש־געפאַלענעם שניי און טראַכט פון יענעם פרימאָרגן אין סאַניטאָריום:

פון בעטל צו בעטל האָט זיך דערטראָגן די פּינצטערע בשורה:

— מאָריס איז אָפּגעפאָרן...

— אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט...

— דאָס איז דער סוף!...

— אַ ברייטע טיר אַרײַן — אַ שמאָלע ———

— נעכטן האָט ער נאָך גערעדט פון שניי.

ס׳האָט דעמלט גערעגנט, געמבולט אָן אַן אויפהער. די גרינע לענגלעכע בלעטער פון די פּאַלמע־צווײַגן האָבן זיך פון רעגן געבויגן

טיף צו דר'ערד. שטיקער טונקעלע כמאַרעס, ווי צעפּליקטע זעק, האָבן לאַנג נאָך געשוועבט אויפן הימל.

איצט שטייט נייטן ביי זיין פענצטער און זעטיקט זיין בליק מיטן פריש־געפּאַלענעם שניי. אויף די ווייסע דעכער שפּרייט זיך אַ רויטלעכער בליאַסק פון דער אויפגייענדיקער זון. ביים האָריזאָנט שניידט זיך אַרויס אַ רעפטל זון אין פּיאַלעט קאַרבן. שטיקער וואָלקנס, ווי געטונקענע אין פייער, צעציינדן דעם הימל אין אַ ניו־יאָרקער פרימאָרגן.

✶

דער שופלאָד האָט געסקריפּעט בשעת נייטן האָט אים ברייט געעפנט. ער האָט אַרויסגענומען די שער מיטן טאָרבקעלע שניידער־געצייג: אַ „קאָרט־פּיסל", א „שאַרינג־פּיסל", עטלעכע „באַבינס", אָנגעוויקלטע מיט גרינעם, רויטן, ווייסן, ברוינעם און שוואַרצן פאָדעם. אַ שרייפּל מיט אַ פאַרזשאַווערט קעפּל. צוויי „העמערלעך" פאַר ברייטע און דינע זוימס.

ער האָט אַ פּיר־געטאָן מיטן נאָגל איבער איין זייט פון דער אָפענער שער, ווי אַ שוחט בשעת ער „שטעלט" דעם חלף: יאָ, דער זשאַווער האָט דעם שאַרף נאָך נישט אויפגעגעסן. פּאַמעלעך האָט ער פאַרמאַכט דעם שופלאָד. זיין ווייבס באַרוועסע טריט האָבן זיך דערנענטערט:

— וואָס זוכסטו?

— אַ, גאָרנישט...

ביים שוועל איז זי געבליבן שטיין מיט פאַרפלאָכטענע הענט אויף די האַלב־אָפּגעדעקטע ברוסטן. אין לאַנגן, ברייטן שלאָף־העמד האָט בעלאַ איצט אויסגעקוקט ווי אַ יונג מיידעלע וואָס האָט אָנגעטאָן דער מאַמעס אַ מלבוש. אַ ווייַלע האָבןביידע געשוויגן און מיט וואַרעמע בליקן זיך געגלעט. ער איז צוגעגאַנגען, פאַרשאַרט אירע שוואַרצע, צעשויבערטע האָר הינטער די אויערן, און גענומען קושן איר ווייסן, וואַרעמען האַלדז.

— גיי אין בעט, קלייניקע, ס'איז נאָך אַזוי פרי.

— איז וואָס ביזטו שוין אָנגעטאָן? וואָס ווילסטו פאַרשפּעטיקן?...

ביידע זענען געשטאַנען צוגעטוליעט און זיך געביטן מיט דער וואַרעמקייט פון זייערע קערפּערס. יעדער האָט געהערט דעם צווייטנס

האַרץ קלאַפּן, רופן, מאָנען. בעלאַס גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן, פון טיף־צעוועקטן פּײַער אין גוף, אַזש געגלאַנצט... ער האָט געקושט זײַן ווײַבס שטערן און זי לײַכט אָפּגעשטופּט פון זיך:

— בעלאַ, דער דאָקטער... אונדזער לעבן וועט נאָך זײַן נאָרמאַל. לאָמיר נאָר אָנהייבן אַרבעטן וועלן מיר צוריק דינגען אַ לײַטישע דירה.

— זאָרג נישט צופיל.

— גיי נאָך אַרײַן צו די קינדער. איך דאַרף גיין עמעצן טרעפן.

— וועמען?

— אָ, אַ באַקאַנטן.

— דײַן לאַנדסמאַן?

— יאָ, מעקס דעם פּרעסער. ער אַרבעט אויף אַ צײַטווײַליקן דזשאָב, אפשר?...

— שוין צוויי וואָכן ווי דו לויפסט אַרום. ס'איז שוין סײַ ווי סוף וואָך, טאָ בלײַב אין שטוב. מיר וועלן שוין ווערן מיליאָנערן מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

ער האָט איר נישט געענטפערט. אַ דאַנקבאַרן שמייכל האָט ער געשאָנקען זײַן ליבער פרוי. ער האָט גענומען פאַרבינדן ס'טאַרבקעלע מיטן ביסל שנײַדער־געצײַג און פאַררוקט די שער אין בוזעם־קעשענע.

— נייטן, האָסט כאָטש געזען וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן?

— אויב כ'וועל נישט קריגן דעם דזשאָב קום איך גלײַך צוריק.

— נעם עפּעס אין מויל. טרינק אַ גלאָז מילך.

— כ'מוז שוין גיין. נעכטן האָב איך אויף אים געוואַרט בײַם בילדינג און אומזיסט זיך דורכגעפּרווירן. ס'האָט גענומען שטראָמען כוואַליעס מענטשן און פאַר די אויגן האָט מיך אַזש גענומען שווינדלען. ווײַזט אויס, זיך שוין אָפּגעוווינט פונעם קעסל. כ'ווייס אָבער ווו מעקס עסט אינדערפרי.

דער שניי ליגט נישט לאַנג אויף די סאָבוועי־טרעפּ; טויזנטער פּאָר פיס צעטאָפּטשען אים, צערײַבן דעם סימן פון ווײַסקייט. ס'אײַלן אויך די וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון די שפּעער. אינדערפרי יאָגט עס, מ'לויפט: אפשר?

אין אַוטאָמאַט, מיט די טירן ווי ווינטמילן, טרעפט מען זיך מיט באַקאַנטע: דאָ שטעלט זיך די שנײַדער־בירזשע גאָר פרי. מען קוויקט זיך מיטן הייסן טעפל קאַווע און מ׳רעדט זיך דורך מיטן שכן:

— נו, וואָס הערט זיך?

— מײַן שפּול פּאָדעם האָב איך שוין אויסגענייט!

— ?!

— הײַנט, אַז דו פּאַרליִרסט דעם דזשאָב, איז אָפּגעדאַוונט...

— אויפגעגעבן?

— ניין. אַוט־אָוו־טאַון. בלויז שיקסעס דאָרטן.

נייטן גיט אַ זופּ די וואַרעמע מילך און קוקט צום צווייטן טישל: זייערע אמתדיקע רייד פאַלן ווי שטיינער אויפן קאָפּ. דאַכט זיך, קיינמאָל איז נאָך אַזוי שווער נישט געווען צו קריגן אַרבעט אין נאָדל־פאַך ווי ס׳איז הײַנט. די שעפּער צעפאַלן זיך, אָדער פּעקלען זיך גאָר אַרויס אויסערן שטאָט.

שוין עטלעכע מאָל ווי ער הייבט אָן לייענען דאָס זעלבע שטיקל נײַעס אין צײַטונג, און יעדע ווײַלע קוקט ער צו דער טיר: ווען מעקס קומען? איז אפשר שוין פאַרנומען די ליידיקע מאַשין דאָרט ווו מעקס אַרבעט? און אפשר טאַקע וועט ער זײַן פון די גליקלעכע?...

נייטן איז אויפגעשפּרונגען ווען ער האָט דערזען זײַן לאַנדסמאַן:

— מעקס!

— ווו ביזטו געווען געכטן?

— כ׳בין שיִער נישט דערפראָרן געוואָרן וואַרטנדיק.

— איך האָב אויך געוואָרט.

— האָסט געפרעגט?

מעקס האָט אויסגעטאָן דעם אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און צעקנייטשטן קאַפּעליוש.

— מירן נאָך רעדן. כ׳וועל נאָר נעמען אַ טעפל קאַווע.

נייטן האָט געפרעגט די זעלבע פראַגע, ווען מעקס איז צוריקגעקומען:

— האָסט געפרעגט?

— דו מיינסט אַז מען קען רעדן צו אים? ער לאָזט דען צו זיך רעדן?

— מיינסט דעם באָס אָדער דעם פאָרמאַן?

— די הויט זאָל אויף זייביידע ברענען! אַרויפנעמען אַ יידישן אַרבעטער, איז כאָטש גיב זיי אַ קרענק!

— אָבער דאָך, וואָס האָט ער דיר געענטפערט?

— הײַנט וועט ער מיר לאָזן וויסן. סוף וואָך גיט אים אַ ברען אונטער די פליגל.

— הייסט עס: מיטאָג־צײַט וועל איך שוין וויסן.

מעקס האָט פאַרלאָרן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ נייטן, „דינערטאַים". געוואָרן פינצטערע צײַטן. כ'האָב זיך אויף דעם גאָרנישט געריכט.

נייטן האָט געקוקט ווי מעקס שיילט אָפּ אַ שטיקל הויט פון דער דלאָניע און הייבט אָן נערוועז פויקן אין טיש.

— מעקס, וואָס ביזטו אַזוי צעשרויפט?

— כ'בין נישט צעשרויפט! איך בין אַנטוישט.

— אין וועמען?

— אין אַלץ! אין יעדן! האָסטו אַ דזשאָב און פאַרדינסט, ביזטו אַ גוטער מאַן; אַ גוטער טאַטע, אַ גוטער מעמבער אין דער סאָסייעטי; אַ גוטער יוניאָן־מאַן, און וואָס נישט? נאָר טאָמער פאַרדינסטו אַ קרענק, ליגסטו נײַן איילן טיף אין דר'ערד...

מעקסעס אונטערשטע דיקלעכע ליפּ האָט שטאַרק געצוקט. זײַנע באַוואַקסענע הענט מיט די קורצע, שטאַרק־געבויטע פינגער, האָבן זיך געטרייסלט. פון דער ערשטער רגע וואָס ער איז צוגעקומען, האָט נייטן באַמערקט זײַן פרײַנדס אומרויִקייט. גאָר נישט דער זעלבער מעקס פון אַמאָל, וואָס פלעגט זאָגן, אַז יעדער האָט דעם זעלבן שאַנס צו ווערן רײַך...

מעקס האָט געקוקט צום זייגער און זיך אויפגעשטעלט:

מיר'ן נאָך רעדן. דערווײַל מוז איך גיין. וואַרט אויף מיר בײַם בילדינג. אפשר וועל איך דיך קענען אַרויפנעמען. צו קריגן פאַר אַ מאַן הײַנט אַ ליידיקע מאַשין — איז ווי געווינען ס'גרויסע געווינס...

✶

נאָך מיטאָג איז נייטן שוין געשטאַנען אין וואַרט־צימער מיט די שטאָלענע ווענטלעך וואָס טיילן אָפּ דעם אָפיס פון שאָפּ. זײַנע אויערן

זענען פול געוואָרן מיטן רויש פון די ניי־מאַשינען; מיטן קלאַפּן פון די אײַזנס און מיטן דינעם זשום פון צושנײַדערס מעסער־שער. ער האָט געקוקט אויפן שוואַרצן „קנעפּל", וואָס בײַם פּאַרגראַטעטן פענצטערל און עס נישט אַ קוועטש געטאָן. אַ געפיל פון נישט־זיכערקייט, געמישט מיט מורא, איז אים איצט באַפאַלן: זײַן פּוס האָט נאָך דעם שאַפּ־דיל נישט באַטראַכטן, נאָר דעם פאָרמאַן, דאַכט זיך, קען ער שוין פון יאָרן. מעקס האָט אים שוין איבערגעגעבן וואָס פאַר אַ צאַצקע עליקס איז.

פון גאַנצן שאַפּ־געטומל האָט ער צום העכסטן איצט געהערט דאָס טראַמאַטשען פון פּרעסערס אײַזן. ווי מעקס, זײַן לאַנדסמאַן, וואָלט אים אַרויסגעשיקט סיגנאַלן:

„קום אַרײַן".

עליקס האָט אַ בורטשע געטאָן צו נייטענען און אַרויסגעשפּיגן אַ שטיקל צאָן־שטעכער.

— אָלרײַט. באַקוקט דעם גאַרמענט. — ס'מוז זײַן „קלין" געמאַכט. נאָר פאַרגעסט נישט, אַז די פּאַדלע וועט צוריקקומען, מוזט איר נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס. אַז אַ צווייטע וועט נעמען קרענקען — וועט זײַן אײַער „לאַק"...

צוויי צענדליק קעפּ האָבן זיך געהויבן פון די „סינגער"־קעפּ — געקוקט צו נייטנס מאַשין. מײַלער האָבן גענומען רעדן, מאָלן אויף אַ שפּראַך וואָס נייטענען איז פרעמד געווען. עליקס איז אויסגעוואַקסן לעבן די מאַשינען: זײַן פּנים — אַן אָפּגעשאָבענער בוריק:

— העי! גאַליניע! (הינער), סיללענזאַ! — שטיל זאָל זײַן!

ס'איז געוואָרן שטיל. די צוויי רייען אָפּערײַטאָרינס האָבן די ווערטער גוט פאַרשטאַנען. ער האָט צוגעטראָגן צו נייטענען אַ צוגעשניטן קלייד:

— נייט אויס דעם פּאַקעט פון דזשעקעטל און גיט אים צום פּרעסער. דערנאָך וועט איר מאַכן דאָס דזשעקעטל און די סקוירט. פאַר דער בלאָוז האָט איר דאָ קאַטן. (פּאָדעם). זײַט „קערפול" און פאַרפלעקט נישט די בלאָוז.

ער האָט גענומען באַטראַכטן דעם מוסטער; אויפן קעשענע פון שוואַרצן דזשעקעטל איז אויסגעהאַפטן צוויי פייגעלעך מיט אָפענע שנאָבעלעך. די פייגעלעך זענען צוגעטוליעט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט,

אַז אַט וועט מען זיי אַרויסטרײַבן אין פאַרשנייטן דרויסן. און אַט דאַכט זיך, אַז זיי האַלטן אָפּן די שנאָבעלעך, ווײַל ס׳פּעלט זיי דאָ... לופט.

עליקס איז צוגעשפּרונגען בשעת נייטן האָט שוין געניט די ליכטיקע בלוזקע וואָס מ׳האָט געדאַרפט צונייען צום שוואַרצן סטאַן.

— מיסטער, די „קאַטן מעטשט" נישט! ווו זענען אײַערע אויגן?!

— איר האָט דאָך מיר געגעבן דעם פאָדעם.

— גיט מיר נישט קיין אַרגומענט, פּליז!

ער האָט אים מער נישט געענטפערט און איבערגעפעדעמט די מאַשין מיטן נײַעם פאָדים. פּאַמעלעך האָט ער גענומען אָפּלייגן די פאַלדן, ווי טרעפּ אַרום בוזעם, אין ווייכן זײַד. יעדע ווײַלע איז דער פאַרמאַן אויסגעוואַקסן לעבן זײַן מאַשין מיט אַ בייזן, אַנגעצויגענעם בליק. נייטנס לאַנגע, ווײַסע פינגער האָבן גענומען ציטערן... די גרוילעכע געקרויזטע האָר האָבן זיך גענומען צוקלעפּן צום שטערן. אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן בשעת ער האָט באַמערקט דעם זיפּער־שלאָס וואָס זיצט אין דער טאַליע בײַ דער לינקער זײַט פון קלייד.

אַ נײַע מעשה גאָר! נעם שטאָלענע אײַנגעפּאַסטע ציין און שטעפּ אַרײַן אין ווייכן זײַד! דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קומט דאָס אים אויס צו טאָן. ווען ער האָט כאַטש דאָס ריכטיקע „פיסל". ווען דער עלעקס היט כאַטש נישט אַזוי זײַנע צאַפּלדיקע פינגער.

די נאָדל האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דעם שטאָלענעם זיפּער־שלאָס מיט אַ קראַך! נאָר אַ ברעקל הויט האָט די נאָדל מיטגעשלעפּט פון נייטנס פינגער...

אויף דער ליידיקער מאַשין איז געבליבן ליגן דאָס נישט־פאַר־ענדיקטע קלייד מיט אַ סימן פון נייטנס בלוט...

(1932)

אַ מתּנה

שוין אַ צענדליק יאָר ווי יאַן קאַזשענסקי באַלעבאַטעוועט אין זעלבן הויז.

לענדלאָרדס, רענט־קאַלעקטאָרס האָבן זיך געביטן, שכנים האָבן יאָרן אָפּגעוווינט און זיך אַרויסגעפּעקלט, נאָר יאַן איז געבליבן.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט רוען נישט זיינע הענט, אַפילו זיין רעכטע, פאַרקריפּלטע האַנט — פיר פינגער, ווי אַ קנופּ איינגעפלאָכטן — איז זשוואָווע. דאַרף מען פאַרריכטן אַ שלאָס, — אַרבעט יאַן ווי אַ קונצנ־מאַכער מיטן שרויפנציִער. ווערט אין אַ הויז פינצטער, קומט ער מיטן לייטערל, באַלייכט די ווענט און סטעליע מיטן האַנט־פּאַנאַר ביז ער גע־פינט דעם „שאָרט".

— פּשאַ־קרעוו!

פרילינג איז ער פאַרנומען מיט די פענצטער. אַז די קייטעלעך אין די ראַמען, וואָס זענען דורכן ווינטער געוואָרן זשאַווערדיק, סקריפּען, ווילן זיך נישט „גליטשן" אויף די רעדלעך, רופט מען יאַנען.

ווינטער, ווען אַ ראַדיאַטאָר הייבט אָן זיך צו וואַרגן און צו בלאָזן און אָנשטאָט צו געבן וואַרעמקייט הייבט ער גאָר אָן צו שפּריצן מיט ברודיקע וואַסער, — קומט יאַן און עס ווערט ווידער וואַרעם אין הויז.

אַז אַ מאַמע שיקט ס'קינד רופן יאַנען, ווייל די טיר פון וואַש־צימער האָט זיך שוין ווידער פאַרהאַקט, קלינגט דאָס קינדיש קולכל איבער די לאַנגע, טונקעלע קאָרידאָרן:

— מיסטער דזשאָן! מיסטער דזשאָן!

אַ בייזער וואַקסט ער אויס:

— יאַן, איז מיין נאָמען! זאָג, יאַן, יאַן, נישט „דזשאָן", נאָר יאַן קאַזשענסקי, פּשאַ־קרעוו!

דאָס קינד בלייבט שטיין צעשראָקן, מיט אַן אָפן מיילעכל און איז גרייט זיך פונאַנדערוויינען.

פאַר אַ דערוואַקסענעם, וואָס רופט אים „דזשאָן", שעמט ער זיך אויך נישט:

— יאַן, איז מײַן נאָמען. אַזוי האָט מען מיר אין קאַשטשאָל אַ נאָמען געגעבן.

דאָס חזרט זיך כּמעט איבער מיט יעדן נײַעם שכן. כאָטש מיט די צוויי נײַסטע, וואָס האָבן דעם זעלבן טאָג זיך אַרײַנגעצויגן — אַ טיר לעבן אַ טיר — האָט ער נישט געהאַט דעם „טראָבל".

מר. אָ'קאָנער, איינער פון די צוויי נײַסטע שכנים, אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ רויטן קאַרק און אַ געזונטער מאָרדע, האָט נישט אַמעריקאַניזירט יאַנס נאָמען. מר. אָ'קאָנער איז אַ באַרמאַן אין זײַן ברודערס סאַלאָן און פּילט אָפּט אָן די אַרבע כּוסות פון יאַנס פּוילישע לאַנדסלײַט. איצט האָט דער דאָזיקער שר־המשקים גלײַך בײַם אַרײַנקלײַבן זיך דערלאַנגט יאַנען אַ כּוס.

יאַן האָט פלינק איבערגעדרייט דאָס גלעזל און זיך אַזש פאַרקרימט.

— פּשאַ־קרעוו!

בײַם צווייטן נײַעם שכן, מר. לעווין, האָט יאַן אויך אויפגעשרויפט די קראַנען פון דעם הייסן וואַסער, געפּאַרקעט זיך בײַם גאַז־אויוון, געעפנט דעם ראַדיאַטאָר און געקראַגן בלויז — אַ דאַנק.

יאַן איז אַרויס אַ בייזער. אויף די טרעפּ האָט ער זיך אָנגעהויבן בייזערן:

— אַ ייִד... אַ לאַנדסמאַן דערצו, אַ פּוילישער, און פאַרגעסט גאָר אין אַ „טיפּ". אַ זשיד, פּשאַ — — — —

אין צוויי טעג שפּעטער האָט מר. אָ'קאָנער ווידער גערופן יאַנען: דאָרטן ווו דאָס טישעלע מיט דער ראַדיאָ האָט זיך אײַנגעשטעלט פעלט אַ „פּלאַג". יאַן האָט פאַר דער טירחה געקראָגן אַ ציגאַר. אין עטלעכע טעג איז ער רײַכער געוואָרן מיט פיר ציגאַרן.

יאַן, וואָס האָט קיינמאָל קיין ציגאַרן נישט גערייכערט, ממש זיי פײַנט געהאַט, האָט אַפילו איינמאָל פאַררייכערט פון דער מתּנה און גלײַך אָנגעהויבן שפּײַען:

— פּשאַ־קרעוו!

סטיוו, דער אויוון־הייצער, וואָס טיילט מיט אים דעם קעלער־צימער, האָט געקוקט ווי יאַן שפּײַט און זיך צעלאַכט.

— געוווין זיך צו, יאַן, וועסטו ווערן אַ „ביג־שאָט״; רײַכער ציגאַרן ווי די בעסטערדס. פון אָ׳קאַנערן וועסטו נאָך קריגן פּלענטי ציגאַרן...

סטיווס לאַכן האָט יאַנען נאָך מער צערייצט.

— און פון לעווינען, דעם ייִד, וואָס קאָן מען קריגן? געפּיקסט דאָרט דעם סינק, אָפּגעשוויצט אין טאָאַלעט בײַ די פּאַיפּס און געקראָגן — אַ דאַנק! פּשאַ — — — איך זאָג דיר, סטיוו, אַז די זשידעס זענען „נאָ־גוד״! קענסט פון זיי גאָרנישט אַרויסקריגן...

— וואָס ווילסטו? עס פעלט דיר אויס אַ ציגאַר?..

זונטיק פּוצט זיך יאַן אויס, מאַכט אַביסל אָרדענונג אין צימער, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ גאַסט.

אַמאָל פלעגט טאָקע צו אים קומען מאַריאַ, זײַנע אַ ווײַטע קרובה, פלעגט שוין בלײַבן דאָס פענצטערל פאַרהאַנגען. האָט זיך אַרײַנגעמישט מייק, דער אײַרישער, און איר אָנגעטאָן אַ רינגל אויפן פינגער. איז הײַנט דער פרײַער זונטיק יאַנס שווערסטער טאָג.

נאָכן איבערקוקן די אַלטע פאַמיליע־בילדער צעפּנט ער דאָס פּעקל בריוו. טייל בריוו קאָן ער קוים דורכלייענען: די אותיות זענען שוין אָפּ־געריבן, ס׳פּאַפּיר — פאַרגעלט, קרישלט זיך...

דאָס חזרט זיך איבער כּמעט יעדן זונטיק.

זונטיק בײַנאַכט איז יאַן שוין געווען שיכּור. ער איז געבליבן ליגן אויפן אײַזערנעם בעטל, אין די יום־טובדיקע קליידער און געזידלט, גע־שאָלטן די וועלט. אַ פּאַרציע ביטערע קללות האָט ער הײַנט צוגעגרייט — די ייִדן... דער עיקר, מר. לעווין, דעם נײַעם שכן.

די אַלטע שכנים ווייסן שוין, אַז יאַנען איז „באַפאַלן דאָס משוגעת״, און וואָס אין הויז זאָל נישט פּאַסירן וועט קיינער נישט וואַגן אים רופן. אַפילו ווען ער איז שוין אַ ביסל אויסגעניכטערט און הייבט אָן צו זינגען.

יאַן זינגט אַן אַלט פּויליש פאָלקס־ליד. אַ ליד פון אַ פּאַסטעך וואָס אין אַ שטורעם זענען וועלף זײַנע שאָף באַפאַלן... איין שעפעלע, וואָס דער פּאַסטעך האָט פון די וועלף אַרויסגעראַטעוועט, האָט מען בײַ אים צוגע־רויבט... בלאָנדזשעט דער פּאַסטעך און באַקלאָגט די שעפעלעך...

בשעת די אַלטע שכנים דערהערן יאַנס טרויעריקן ניגון הייבט מען אָן דערציילן פאַרשיידענע מעשיות פון זײַן לעבן.

— אַ רײַכע ירושה האָט ער צעטראַסקעט... פאַרזויפט!

— וואָס מיר ירושה. נישט דאָס גריזשעט אים. מ׳שמועסט, יאַקבי, ער האָט געהאַט אַ גאָר שיין ווײַבל, אַ יפת־תואר, ווי די נײַע אַקטריצע, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן איר נאָמען. איז זי אַנטלאָפן מיטן ערשטן לענד־לאָרד דעם נואף. די מרס. ראַפּאַפּאָרט ווייסט די גאַנצע היסטאָריע...

אַ סך געשיכטעס ווערן דערציילט וועגן יאַנען. כאָטש ער, יאַן, רעדט ווייניק ווען ער איז ניכטער.

אין די שפּעטע שעהען, ווען דאָס הויז שלאָפט שוין, „פאַרזוכט" יאַן אַביסל פונעם פלעשל, פאַררייכערט די הויקערדיקע לולקע און רעדט צו סטיוון:

— סטיוו, מאָרגן קומט דער לענדלאָרד. אפשר וועסטו אים אַרײַנקוקן אין אויוון?..

—סטיוו, האָסט שוין געזען דעם נײַעם סופּערס טעכטערל? אַ פײַנע מויד, האַ?..

סטיוו, וואָס האַלט אין אַרומוואַשן פון זיך די סאַזשע, ענטפערט אים נישט.

— סטיוו, נעם אַ זופּ...

סטיוו נעמט צו דאָס פלעשל פון טישל, נאָר יאַנס צונג איז שוין לויז...

— כ׳ל אײַנפּאַקן, סטיוו. מאָרגן פּאַק איך אים אײַן!

—וואַרט כאָטש ביז קריסטמעס. דער לויזער האָט דאָך דיר צוגעזאָגט אַ „רעיון".

— וויפיל וואָכן דאַרף מען נאָך וואַרטן?

— נישט לאַנג.

— צום טײַוול מיטן דזשאָב. מאָרגן גיי איך צום „שיפּ־יאַרד", מ׳צאָלט דאָרט גוט! שיפן וויל איך בויען! אַז מירן האָבן אַ סך שיפן וועט מען שנעלער פאַריאָגן די דײַטשוקן. בין איך גערעכט, סטיוו?

— אַוודאי!

— איז לאָמיר אים בײדע אײַנפּאַקן.

— איך בין צו אַלט.

— אָבער נאָך דער מלחמה וועסטו פאָרן מיט מיר קיין פוילן?

— ניין.

— איך וועל פאָרן!

— וועסטו שוין פאָרן צום דריטן מאָל?

— דאָס מאָל קום איך נישט צוריק.

אין יאַנס טיר האָט איינמאָל אָנגעקלאַפּט מר. לעווין.

— יאַן, קענסט מיר אפשר באָרגן אַ האַנט-זעגל? כ׳וויל מאַכן אַ פּאָ־ליצע פאַר ביכער.

— יעס, שור, באָס!

לעווין האָט זיך נישט גערירט פון שוועל:

— וואָס עפּעס „באָס״? — בען איז מײַן נאָמען, ביינוש, אויף פּויליש.

יאַן איז געבליבן שטיין פאַרלוירן: אַ מאָדנער ייִד, האָט ער געטראַכט, לאַכט ער נישט פון מיר?..

בען האָט געמאַכט אַ שפּאַן פאַראויס:

— ווינען דאָ נאָך באָסעס?

יאַן האָט געשמייכלט. ס׳איז וואַרעם געוואָרן פון בענס ווערטער. ער האָט דערפילט, אַז בען מיינט טאַקע וואָס ער זאָגט. בען האָט געוואָרפן אַ בליק צו דער צײַטונג אויפן טיש און פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען.

— אַ פּוילישע צײַטונג? שוין לאַנג נישט געזען.

אַ שמועס האָט זיך גענומען בינדן אויף פּויליש געמישט מיט ענגלישע ווערטער. פונעם „מיסטער״ איז געוואָרן „פּאַן״ און „פּשעפּראַשאַם פּאַניע״. די טעמע — מלחמה.

— יאַן, ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז די רוסן האָבן גענומען צוויי הונדערט פּוילישע זעלנער אין פּלען און זיי אויסגעהרגעט?!..

— וואָס הייסט ווער? אין גאַזעט איז עס געשטאַנען געשריבן.

— און הײַנט זענען זיי אויפגעשטאַנען תחית המתים?

— וואָס מיינסטו?

— כ׳מיין די פּוילישע אַרמיי אין רוסלאַנד. מיט אירע אייגענע אָפי־צערן און גענעראַלן.

— „באַנק״... ענגלישע פּראָפּאַגאַנדע...

— יאָ! דאָס האָבן דאָך געמאָלדן כמעט אַלע צײַטונגען.

— זיי בלאָפן... כ׳גלייב זיי נישט קיין וואָרט...

בען האָט געכאַפּט דאָס פּוילישע בלעטל פון טיש און שנעל עס גע־נומען מישן:

— און דאָס, דאָס צײַטונגל, בלאָפט נישט?..

— ניין! דאָס איז דאָך אַ פּוילישע צײַטונג!..

— און אַז פּויליש?

— אָט, זע, פּוילישע אותיות, מײַן שפּראַך... זיי שרײַבן דעם אמת. איך ווייס וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעטאָן אין פּוילן. איך ווייס נאָך פון 1920. כאָטש דאַן בין איך געווען דאָ.

יאַן האָט גענומען שילדערן דעם גרויל פון די באָלשעוויקעס.

בען האָט אים געלאָזט זיך „אַראָפּרעדן פון האַרצן״... ער האָט גע־קוקט אויפן פּוילישן בלעטל, ווו מ׳שפּײַזט דעם לייענער מיט סם און גיפט, ווי אַמאָל.

בען פּרובירט דערקלערן יאַנען, אַז ער איז פאַרפירט, אָבער יאַן לאָזט עס דורך פאַרבײַ די אויערן. וואָס אים אינטערעסירט אייגנטלעך איז:

— און ווי איז דאָרטן הײַנט, אין אונדזער פּוילן?

— הײַנט איז שלעכט, שלעכט פאַר אַלעמען. פאַר אונדז, ייִדן — נאָך ערגער.

שאָקלט יאַן צו מיטן קאָפּ פאַרלוירן:

— און וואָס דענקסטו וועט זײַן? איך מיין מיט פּוילן?

— פּוילן? ס׳וועט זײַן אַ פּוילן. נאָר אַ פּוילן אָן————

יאַן האָט דערהערט ווי מ׳רופט אים.

— קום, וועל איך דיר געבן דאָס האַנט־זעגל.

— מירן נאָך רעדן אַ צווייט מאָל.

בען האָט עטלעכע מאָל געזוכט די געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן מיט יאַנען, אָבער יאַן איז תמיד פאַרנומען. אויף יאַנען וואַרט שוין אַ נײַער דזשאָב אין ניו דזשוירזי. זײַן פאַרקריפּלטע, רעכטע האַנט וועט אים זײַן אַ קליינער שטער. ער איז דאָך שוין געווען אַמאָל אַ „סטים־פּיטער״ בײַ שיפן. איצט וועט ער אַרבעטן נאָך מער פלײַסיק. איידער ער לייגט זיך

הײַנט שלאָפֿן פֿאַרפֿעלט ער נישט צו קוקן אויף פּילסודסקיס בילד, וואָס איז פֿול מיט שטויב און שפּינוועבס.

— די דײַטשן, פּשאַ־קרעוו !..

*

סטיוו און יאַן — אויסגעפּוצטע, יום־טובדיקע: קריסטמעס!

דאָס פֿלעשל אויפֿן טישל און יאַנס טונקל־ברוינע וואַליזע — אָנגעשטאָפּט.

יאַן, האָסט זיך באַנאַרישט, געדאַרפֿט האַלטן אַ סוד: זאָלן זיי נאָך קריסטמעס זיך דערוויסן, אַז דו האָסט אײַנגעפּאַקט. איצט וועט דער בײַער מאַן אָפּלעקן אַ פֿעט ביינדל און אין דיר וועט אַפֿילו אַ קאָטער זיך נישט דערמאָנען...

יאַן האָט אָנגעפֿילט דאָס גלעזל.

— סטיוו! איך וויל פֿאַרגעסן. אויף אייביק פֿאַרגעסן די שכנים, די הײַזער, די לענדלאָרדס! „טו העל״ — — —

מר. אָ׳קאָנער איז אויסגעוואַקסן אין דער אָפֿענער טיר. זײַן לינק אייגל — פֿאַרקוועטשט צום פֿלעשל אויפֿן טיש:

— וועל, באָיס, מערי קריסטמעס! אַ טרונק מאַכט דעם מענטש יונג!.. יאַן, מאָרגן, אויב וועסט נישט פֿאַרגעסן, קום אַרויף. די מיסעס האָט „טראָבל״ מיטן באַק־אויוון.

מר. אָ׳קאָנער האָט זיי נאָכאַמאָל געווונטשן אַ „מערי קריסטמעס״ און איצט האָט אויך סטיוו פֿון אים געקראָגן אַ ציגאַר...

—מאָרגן... מאָרגן — האָט יאַן אין עטלעכע מינוט אַרום הויך זיך צעלאַכט און נישט באַמערקט ווי בען איז אַרײַנגעקומען.

— פּאַקסט אונדז טאַקע אײַן, יאַן?

— יאָפּ.

— „גוד לאַק טו יו״! גוט וואָס דו גייסט אַרבעטן צו אָנקל סעם. איך אַרבעט אויך בײַ אים. מיר ביידע דאַרפֿן מאַכן אַ גוטן דזשאָב!

— אָ־קעי, באָס!

— שוין ווידער „באָס״?

נאָכן געזעגענען זיך האָט יאַן דערפֿילט, אַז עפּעס איז אים געבליבן

אין דער האַנט פון בענס האַנט־דרוק. אויטאָמאַטיש האָט ער זי פאַרמאַכט און צוריק געעפנט:

— סטיוו! סטיוו! קום נאָר צוריק. לאָז פלאַצן דער אויוון! זע: פינף דאָלאַר! „יאַק באָגאַ קאָכאַם" אַ פינפערל!! פון מיסטער לעווינען!

סטיוו איז אַרײַנגעלאָפן מיט אַ׳קאָנערס ציגאַר אין מויל. ער האָט געקוקט אויפן צעטומלטן יאַן און זיך געצווונגען נישט צו לאַכן. יאַן איז געשטאַנען אין מיטן צימער און באַקוקט און באַטאַפּט בענס מתּנה.

סטיוו האָט גענומען דעם ציגאַר פון טישל און אים אַרײַנגעשטעקט אין יאַנס מויל:

— פאַררײַכער, הײַנט איז קריסטמעס...

יאַן האָט געפאָלגט ווי אַ קינד. נאָר בײַם ערשטן צי האָט ער זיך גלײַך גענומען קרימען און שפּײַען, ווי פון אַ ביטערן מעדיצין:

— פשאַ־קרעוו! — — —

(1943)

זי און ער

גאָר פרי אַרום העסטער סטריט. די לופט איז אַ זאַלציקע, אַ דורכ־געזאַפּטע מיט געזויערטע אוגערקעס, פיש און הערינג...

די ייִדישע פּרנסות הייבן אָן אויסוואַקסן לעבן די שמאָלע, צעקרימטע טראָטואַרן.

פּעדלערס מיט אַלטוואַרג הייבן אָן אַרומקרײַזן ס׳קליינע פּאַרקל מיט זייערע פּרנסות. דער האַנדל־וואַנדל פון אַ ניו־יאָרקער גאַס ציט זיך, דאַכט זיך, אַזש צו די וואַרשעווער נאַלעווקעס...

פּענצטער נעמען סקריפּען; טירן צעפּראַלן זיך.

אַ מחנה פֿאַרשלאָפֿענע ציגײַנער־קינדער גיבן זיך אַ שאָט אַרויס פון אַ קעלער. דער שלאָסער, איבערן ווילגאַטנעם ווענטל, מיטן האַמער אין קאַלטן שטאָל, אָדער מיטן פּײַל אין די טעמפּע ציין פון אַ פאַרזשאַווערטער זעג — האָט זיי אויפגעוועקט. אָדער אפשר האָט זיי גאָר אויפגעוועקט ס׳קאַנאַריקל אויפן פּעדלערס פּושקאַרט, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט כּל המיני שמאָכטעס...

אַ קוימען אויף אַ וועגעלע מיט דריי רעדלעך נעמט קאָפּטשען. אַ ניי־דעריק אויסגעטריקנט ייִדל מיט אַ קורץ רויט־געל בערדל, שטאָפּט ס׳אײַ־וועלע מיט פּיצלעך ברעטלעך פון מאַראַנצן־קעסטעלעך און אויסגעניצטע פּאַפּירן. אַ ריח פון געבראָטענע קאַרטאָפל פּילט אָן די לופט:

— פרישע געבאַקענע פּאָטעיטעס! סוויט פּאָ־טעי־טע־ס־ס! האָניג זיס!..

✶

אויף נאָרפאָלק סטריט אײַלט זיך כּאַנע־גיטקע, די בייגל־פאַרקויפערן. זי לויפט און אָטעמט שווער, ווי מיט עטלעכע טעג צוריק, בעת זי האָט זיך אומגעקערט מיטן ליידיקן קויש, און די שמאָלע גאַס איז געווען פאַר־שטעלט מיט די לאַנגע פײַער־אויטאָס און צעשראָקענע מענטשן. מיט אַלע

כּוחות האָט זי, כאַנע־גיטקע, זיך קוים דעמאָלט דורכגעריסן צום טענע־מענט־הויז, ווו זי וווינט. זי האָט זיך דאַן קוים דערשלעפּט אויף די היל־צערנע זיג־זאַג־טרעפּ צו איר בוידעם־חדרל. זי איז געווען באַדעקט מיט שווייס־טראָפּנס פון פּחד, צי עפּעס האָט, חס־ושלום, נישט פּאַסירט מיטן בלעכענעם קעסטעלע, וואָס ליגט אײַנגעטוליעט אין פאַרשטויבטע שמאַ־טעס אונטערן אײַזערנעם בעטל. אַן אָפּגעגאָסענע איז זי געווען, ווי די וואַסער־קישקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן צו די אויסגעזעצטע פענצטער פון פלאַמיקן הויז וואָלטן זי אָפּגעצוואָגן. זי האָט שנעל אַרויסגעוויקלט ס'בלעכענע קעסטעלע פון די פאַרשטויבטע שמאַטעס אונטערן בעטל, און פרײַ אָפּגעאָטעמט.

דעם „דאַנקען גאָט" האָט כאַנע־גיטקע שטיל אַרויסגעשעפּטשעט מיט איין שווערן אָטעם־צי — ווי אַ גרויסער שטיין וואָלט זיך אַראָפּגעקײַקלט פון איר פלאַכן ברוסט־קאַסטן. זי האָט איצט געהאַלטן דאָס בלע־כענע קעסטעלע און דורך איר אײנציקן פענצטערל אַראָפּגעקוקט צום לאַסט־אויטאָ, ווו איציק איז געשטאַנען מיט נאָך עטלעכע טרעגער.

לאַנג איז זי אין יענעם בין־השמשות אַזוי געשטאַנען בײַם פענצטערל און אַפילו נישט באַמערקט די גרויע פּאַסן וואָס קריכן אויף די נאָך גרויערע, אויסגעקרימטע ווענט פון איר בוידעם־שטיבל. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער, איציק, וואָס שטייט דאָרטן בײַם לאַסט־אויטאָ האָט זי באַמערקט, און אָט באַלד וועט ער צו איר אַרויפקומען... ער וועט בלײַבן שטיין בײַם שוועל. דאָס געקעסטלטע היטל צום לינקן אויער אַראָפּגעצויגן, דאָס רעכטע אויער צוגעדעקט מיט זײַנע געקרויזלטע שוואַרץ־בלאַסקענדיקע האָר און מיטן פּאַפּיראָס אין ווינקל מויל וועט ער איר פרעגן:

„וואָס ווילן מיר הײַנט עסן: געבראָטענע לעבערלעך אָדער גע־קאָכטע פּופּיקלעך"?

זי וועט נישט ענטפערן וועגן עסן, זי וועט אים נאָר פרעגן:

„געדענקט ער נאָך יענעם אָוונט, אויף דער ברוקלין־בריק, בעת ער האָט איר געגעבן ס'שנירל פּערל?... און ס.דימענט־רינגל, מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אויף סאַפּאָלק סטריט אין קעלער־רעסטאָראַנדל?..."

איצט שפּרײַזט זי, כאַנע־גיטקע, פון גאָס צו גאָס: אפשר וועט זי אים, איציקן, קאָנען זען כאָטש אויף עטלעכע רגעס. דעם קויש בייגל

טראָגט זי נאָך נישט מיט זיך: בײַם בעקער אויף עלדרידזש סטריט האָט זי דעם קויש בייגל געלאָזט, מיטנעמענדיק נאָר עטלעכע מיט זיך — כאָטש זי ווייסט, אַז איר נאָכטשאַטעווען אים וועט איר שוין נישט העלפן, נאָר שוין יאָרן אַזוי, ווי זי קאָן אים נישט פאַרגעסן.

זי, כאַנע־גיטקע, ווייסט: איציק מיט דער טרעגער־חברה חוזקן אַפילו פון איר, נאָר זי מאַכט זיך אָפט תמעוואַטע, ווי נישט איר וואָלטן זיי געמיינט. דערנאָך שעלט זי די איסט־סאַיד און — גאַנץ אַמעריקע. זי קאַרגט אויך נישט קיין קללות דער בלאָנדער מויד, ווײַל זי, כאַנע־גיטקע, מיינט נאָך אַלץ, אַז די בלאָנדע איז זײַנע. זי ווייסט נישט, אַז איציק איז שוין איצט בכלל אַן אַנדערער מענטש, אַז ער קאָן הײַנט אָפּשטיין שעהען און זיך אײַנהערן צו די רעדנער בײַ די ראָגן אויף דער איסט־סאַיד.

די בלאָנדע האָט כאַנע־גיטקען טאַקע איינמאָל אָפּגעשטעלט און אויסגעמישנע איר פאַרגעשלאָגן זי זאָל אים פאַרקויפן עטלעכע בייגל. די בלאָנדע האָט אַפילו נישט אוספּעיעט אויסצורעדן זיך, ווי חנה־גיטקע האָט איר אָפּגעשאָטן מיט זידלערײַען:

— בלאָנדע נבלה! אָפּגעשמירטע קאַץ! האָסט שוין מער מענער צוגענומען ווי דײַנע באַשריגענע ציין!

די בלאָנדע, וואָס פאַרמאָגט אויך אַ נישקשהדיק מענה־לשון, האָט זיך דערשראָקן פאַר כאַנע־גיטקען. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, דער בלאָנדער, אַז אָט, אָט, וועט זיך יענע וואַרפן אויף איר און אויסדראַפּען אירע אונטערגעשמירטע אויגן. האָט זי זיך שנעל אָפּגעטראָגן, ווי אַ זינדיקע.

בײַם טענעמענט־הויז, אויף עלען סטריט, וווּ ס'בראַזגעט יעדע ווײַלע דורך דער עלעוועיטאָר און טרײַסלט אָפּ פון די פאַרחושכטע שטאָלענע שטאַנגען דעם זשאַווער־שטויב — שטייט אַן אַנגעלאָדענער לאָסט־אויטאָ. איציק און זײַן חבר וועמען מ'רופט „שאָרטי", וואַרפן שוין אַראָפּ פון זיך די קורצינקע, אָפּגעריבענע לעדערנע רעקלעך, און פאַרקאַטשן זיך די אַרבל פון די טונקעלע העמדער. אַ דריטער טרעגער, דער וואָס מ'רופט אים „רויטער קאַשטן", שטייט שוין פון אויבן, ווי אויף אַ הויכן באַרג און צעבינדט די שטריק.

אין אַ ווינקל שטייט כאַנע־גיטקע. זי קוקט נאָך איציקן מיטן צעשפּיליעטן כאַקי־העמד און פאַרשוויצטן פּנים. זי טראַכט אַפילו נישט פון

צוגיין נענטער און אים געבן די פרישע בייגל. ניין, נישט איצט! נאָר פון אַוועקגיין טראַכט זי נאָך אויך נישט. אפשר וועט ער דאָך בלייַבן, בייַם לאַסט־אויטאָ, אַליין...

די טרעגער האָבן שוין אַרויפגעשלעפּט די שווערע, אָנגעפּראָפּטע פּעסלעך, קאַסטנס און פּעק. אַן אויסגעבלייכטע פרוי, מיט אַ צעשרויפטן מאַן, פּאָרען אַרום לאַסט־אויטאָ און טרייַבן די כאַפּטע קליינוואַרג, וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן. מאַן און ווייַב בעט זיך אַלע ווײַלע בייַ די טרעגער זיי זאָלן זייַן פּאָרזיכטיק מיט די אייַנגעפּאַקטע זאַכן. אין זייערע שטאַרקע הענט ליגט איצט אַלץ וואָס זיי איז פאַרבליבן נאָך אַזויפיל יאָרן שווערער פּראַצע — זאָל מען עס כאַטש נישט צעברעכן!

מאַן און ווייַב ווערן אַזש גרוי בעת די טרעגער שטעלן צוריק אַוועק דעם גרויסן, געשניצטן מאַהאָגענעם קרעדענץ, וואָס קאָן נישט דורך דעם שמאָלן טונקעלן קאָרידאָר.

— העי! שאַרטי, נעם די „הוקס" מיט די שטריק! מ'עט מוזן ציִען דורך די פענצטער!

שכנהשע פענצטער צעפּראַלן זיך. פאַרראָסטעטע פייַער־טרעפּ קרעכצן. אויסגעפּראַצעוועטע הענט נעמען אַרייַן די אויסגעהאָנגענע וועש. קישנס און מאַטראַצן בלייַבן נאָך ליגן דורכגעווייקטע מיט ווילגאַטש. דאַכט זיך: אַט־אַט קאָן דער אָנקומענדיקער „על" — די באַן — אויף די גלאַנציקע רעלסן נאָך מיטשלעפּן די קישנס און די מאַטראַצן, וואָס לופטערן זיך.

כאַנע־גיטקע שטעלט זיך אַלע מאָל אין אַן אַנדער ווינקל און פּאָלגט נאָך איציקס יעדן קער און ווענד... —

ניין. זי וועט נישט אַוועקגיין ביז זי וועט אים טרעפן אויגן אויף אויג.

(1939)

אַ נאַקעט לעבן

מײַן לעבנס־באַגלײַטערין, ווי מענער באַטיטלען אָפט זייערע פרויען, ווייסט נישט, אַז אינעם נײַעם שאַפּ האָט מען מיך באַקרוינט מיטן טיטל: —

— דער לובאַווניק!

אמת, פאַר מײַן פרוי האַלט איך נישט קיין סודות, נאָר וועגן מײַן נײַעם טיטל האָב איך איר נישט דערציילט. פשוט: נישט געוווּסט וועגן דעם. הגם אַ דרײַצענדליק אַרבעטער אינעם נײַעם שאַפּ האָבן דאָס אַזוי באַשלאָסן... הײַנט, נאָכמיטאָג, בעת די נאַכטיקייט האָט אין שאַפּ זיך אַרײַנגעריסן מיטאַמאָל און די ברודיקע שויבן האָבן געוויינט פונעם גאַז וואָס באַוועגט די פּרעס־אײַזנס — ערשט הײַנט זיך דערוווּסט ווער ס'איז דער „לובאַווניק". מאָרגן וועל איך שוין זוכן אַ נײַעם דזשאָב. כ'בײַט שוין הײַנט אָפּטער דאָס בענקל, ווי נישט לאַנג צוריק — דאָס זעלנערישע העמד...

מאָרגן וועל איך שוין זוכן אַ נײַעם דזשאָב. אפשר איז דאָס מײַן שולד. יאָ, געוויס. נאָר מיט דעם פעלער וועל איך שוין שטאַרבן: כ'וועל שוין בלײַבן אַ „גרינער", גרינער ווי מאַיאָווע גראָז... זיך געדאַרפט אַמעריקאַניזירן, זיך צוהערן צום שוואָגער, וואָס האָט אָפט עקשנותדיק געפּרווּט מיט מיר פּשטלען דעם פּסוק:

— „מאַינד יור ביזנעס!" (היט די אייגענע געשעפטן).

דעמלט, שוין באַלד אַ צוועלפצענדליק יאָר, האָב איך דעם „פּסוק" געפּרווּט איבערזעצן אויף פּראָסט מאַמע־לשון:

— קריך נישט צו יענעם אין טעלער.

איז גאָט מײַן עדות אַז איך מיש נישט יענעמס קאַשע. נאָר צו די שכנים אין שאַפּ, וואָס זענען נישט געבענטשט מיטן טאַלאַנט לײַכט אַרײַנצוקריכן אינעם פּעקל צעפּאַלמעסטע קליידער, צו זיי, מײַנע שאַפּ־שכנים, וועל איך יאָ מוזן זאָגן:

— כ'וועל שוין שטאַרבן אַ „גרינער" —

אפשר איז עס מײַן שולד, זיך געדאַרפט צוהערן צום שוואָגער, דעם פֿאָלנעם אַמעריקאַניעץ!... זיך געדאַרפט צאַמען, נישט לאָזן פֿרײַ מײַנע מוסקולן...

אין דער בלעכענער קאַרעטע לעבן איר מאַשין, איז מעקס אַרײַנ־געפֿאַלן. זיך צערעוועט ווי אַן אָקס און משונהדיק געדריגעט מיט די צעקראַטשעטע פֿיס וואָס האָבן צעוויגט דעם פּוכיקן שטויב. זײַן תּמיד גלאַנציקער פֿליך, וואָס איז איצט טונקעלער, האָט נאָך אַרויסגעלויכטן פֿון דער בלעכענער קאַרעטע ווו מיט איין „גלעט" האָב איך מעקסן אַהין אַרײַנגעשלײַדערט.

אויבּ דער שאָף איז אַ ווינטמיל, האָט דער שטורעם פֿאַרהאַלטן די פֿליגל: צענדליקער פֿינגער, אין פֿיבערדיקן צאַפּל, האָבן מער נישט געהיט דעם בליאַסק פֿון די צעיאָגטע נאָדלען. איזיס חזניש ניגונדל האָט געפּרוווט באַזיגן דעם כאָר:

— דער לובאַווניק שלאָגט אים שוין! מ'עט דיזעס געקענט עקספּעקטן. ע'רט זי אינגאַנצן נאָך צונעמען! מעקסל עט בײַ איר נאָך בלײַבן אַ שטרויענער אלמן!...

בעני דער צושנײַדער, מײַן טײַערער חבר, וואָס האָט פֿאַר מיר דעם דזשאָב געקראָגן, איז געווען נאָך מער אויפֿגערעגט ווי איך:

— האָסט גוט געטאָן, ברודערל, נאָר נישט גענוג. מען דאַרף אים גוט צעבורכטשען די ביינער, דעם סוואָלאַטש! נישט דאָס ערשטע מאָל ווי ער הייבט אויף איר אַ האַנט. איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט. איצט וועט ער אפשר שוין וויסן אַז אַ צווייטער אַרבעטער האָט באמת זיך אָנגענומען פֿאַר זײַן ווײַב.

קיינמאָל, דאַכט זיך, בין איך נישט געבליבן אַזוי פֿאַרלוירן ווי אין אָט דער רגע. נאָר איצט נישט געגלייבט מײַנע אויערן:

— זײַן ווײַב, זאָגסטו?

יאָ, זײַן ווײַב. האָסט נישט געוווּסט?

פֿונעם גאַנצן שאָפּ־טומל האָב איך נאָר איין וואָרט געהערט וואָס האָט ווי געבערענט מײַן שאַרבן: — „זײַן ווײַב!" אָט די מלכּה איז דאָס זײַן פֿרוי, און מעקס האָט אויף איר געהויבן דעם קולאַק. געלאָזט זײַן ווײַב פֿאַרריכטן דעם געפּלאַצטן רימען און גרייט אים פֿאַרוואַרפֿן אויפֿן צעיאָגטן

ראָד וואָס לויערט די פינגער און לאַנגע האָר. זעלטן אַז אַ פרוי אין שאָפּ נעמט זיך צו אָט־אָ דעם סאָרט דזשאָב.

מלכה האָט גענומען זוכן דעם שרויפּנציִער וואָס איך האָב געבעטן. מיטן שרויפנציער איז פאַר מיר זיכערער אַנצוטאָן דעם אָנגעצויגענעם רימען אויפן צעיאָגטן ראָד פונעם מאָטאָר־שטאַנג. מעקס האָט ממש גע־ ברענט פון רציחה וואָס זי „גייט שוין ווידער שפּאַצירן איבערן שאָפּ". דער שרויפנציִער איז גאָר געלעגן אין זײַן מאַשין־שופלאָדל, וואָס ער האָט מיט זאָמאַך אויפגעריסן און די שנײַדערשע „טולס" האָבן זיך צעשאָטן אויפן מיט־אייל־באַגאָסענעם צעמענטענעם דיל. אַפּנים, דאָס איז געווען איר שולד... ווי אַן אָפּגעבריטער איז ער אויפגעשפּרונגען פונעם אויס־ געבעטן בענקל, האָב איך שוין מײַנע מוסקולן נישט געקאָנט צאַמען...

זי, מלכה, איז די איינציקע וואָס איז מאַכטלאָז געבליבן זיצן בײַ דער מאַשין. אויב דער ים איז טיף, האָב איך אין אירע אויגן געזען נאָך אַ טיפערן טרויער וואָס זי מוז מיט מעקסן, איר מאַן, זיצן אין איין שאָפּ. האָב באַמערקט ווי זי פּרוּווט צאַמען די טרערן. געזען ווי זי וויל עפּעס זאָגן נאָר פאַרפרעסט נאָך שטײַפער די ליפּן. פאַרוואָס אַזויפיל געבעט אין אירע טיפע, צעשראָקענע אויגן? פאַרוואָס איז זי די איינציקע וואָס איז איצט פאַרשלאָסן אין שווײַגן?

בעת איך נעם מײַן שער און די „טולס" פון מאַשין־שופלאָדל באַגעגענען זיך אונדזערע בליקן: איך דערפיל אַז מלכה בעט בײַ מיר איך זאָל דאָ בלײַבן. מיך קלעמט און נאָגט אַ פאַרדראָס וואָס כ'קאָן נישט דער־ פילן איר פאַרלאַנג. דאַכט זיך, אין פײַער ביז איך גרייט פאַר איר צו גיין, נאָר ווי אַזוי מעקס רעדט צו איר קאָן איך מער נישט פאַרטראָגן. זי דערמאָנט מיך צופיל אָן אַ מענטש וואָס איז מיר ליב און טײַער. אַ מענטש וואָס כ'האָב שוין צוואַנציק יאָר נישט געזען און וועל זי שוין קיינמאָל מער נישט זען. יענע האָט אויך געהייסן מלכה: מײַן שוועסטער מלכה וואָס אַ נאַצישע חיה האָט אַרײַנגעשלײַדערט אין אַ קאַלכאויוון.

נישט אומזיסט האָט מען מיך באַקרוינט מיטן טיטל „לובאָווניק". דער שאָפּ האָט טויזנט אויגן וואָס וועגן און מעסטן יעדן ריר פון אַ נײַעם מענטש. נאָר ווער זאָל וויסן, אַז דער פעסלדיקער פאַרשוין מיטן גלאַנציקן פליך איז איר מאַן? ווען איך וויים, וואָלט איך אפשר געצאָמט

מײַן צאַרטקייט צו איר. לאָזן זיי „מישן" אינעם צעפּאַלמעסטן פּעקל קליידער... זאָל מעקס בושעווען בעת מ'רופט אים אָפּט צו דער פיגור...

— מוזט איר אַרבעטן מיט אים? איך זע דאָך אַז איר זײַט דער באַל־מעלאָכע. פאַרוואָס שיקט איר נישט אַזאַ פּאַרטנער צום טײַוול?

זעלטן פלעגט מלכּה ענטפערן דירעקט. געקוקט אויף מיר מיט פאַר־טרערטע אויגן און מײַנע הענט זענען אַזש ווי געליימט געוואָרן. איך באַמערק ווי זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר אַ פײַנלעכער שמייכל צערינט אויף אירע ליפּן.

— וואָס, מלכּה, — רעד איך צו איר, און אַנטקעגן מיר זיצט שוין בײַ דער מאַשין מײַן שוועסטער וואָס אַ נאַצישע חיה האָט אַרײַנגעשלײַ־דערט אין קאַלכאַויוון — — —

מלכּה! מלכּה!... אָ, ווי סענסיטיוו איך בין צו אָט־אָ דעם נאָמען. אַנטקעגן מיר זיצט מלכּה!... מײַן שוועסטער? יאָ, אַזוי איז איר אַנבליק. נישט מיט גרויע האָר און אָן אַ שיִער קנייטשן אויפן פּנים ווי מעקס' ווײַב, נאָר מיט ברוינע, קאַשטאַנע האָר מיט אַ לאָק אויפן שטערן, ווי אַ פראַגעצייכן. האָט אַ נאַצישער באַרבאַר אָפּגעשניטן מײַן שוועסטערס קאָפּ, מיטן לאָק ווי אַ פראַגע־צייכן? פונעם טאָג וואָס איך אַרבעט דאָ בין איך נעענטער צום קאַלך־אויוון... זעגט מײַן אויער מעקסעס רעדן. איך האָב נישט געוווּסט אַז דאָס רעדט ער צו זײַן ווײַב...

נעכטן ווען מ'האָט מעקסן גערופן צום פּרעס־טיש, עטלעכע מינוט איידער מ'האָט אָפּגעשטעלט די עלעקטרישע מאָטאָרן, האָט מלכּה, צום ערשטן מאָל געענטפערט אויף מײַנער אַ באַמערקונג. שטיל, בנעימותדיק, האָט זי די ווערטער ווי געציילט:

— יאָ, שוין יאָרן ווי מיר אַרבעטן. מיר מאַכן קליידער. שטעפּן. נייען. פאַרפּוצן אַנדערע און אַליין, אַליין, איז מען נאַקעט. אַ נאַקעט לעבן...

(1946)

אַ ש

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איז מילטן געבליבן שטיין בײַם טעלעפאָן, ווען אויף זײַן „העלאָ" האָט ער דערהערט די אומדערוואַרטע, אָבער גוט באַקאַנטע שטימע, די שטימע פון דער פרוי, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און זי האָט אים ביטער אַנטוישט.

— יאָ, העלען, איך לעב נאָך. וואָס פעלט דיר אײַן ? נאַר קלוגיטשקע גראָבן פאַר זיך אַליין אַ קבר...

העלען האָט פאַרשטאַנען מילטנס סאַרקאַזם, זײַנע תקיפות אין די שטעכווערטער. ער האָט דערהערט איר דינעם, צעצויגענעם פּיף און מוציס קוויטש. זי האָט מסתמא נישט געקאָנט צאַמען איר אויפגערעגטקייט — אויסגעלאָזט איר צאָרן צום הינטל: מסתמא מיטן פוס אים אַ גלעט געטאָן — האָט מילטן געטראַכט, שטייענדיק בײַם טעלעפאָן.

— ווי קלוג דאַרף מען דאָס זײַן זיך אַליין צו באַגראָבן ? — האָט העלענס קול געקלונגען ווי שעמעוודיק, מיט אַן אומנאַטירלעכער צערט־לעכקייט — דו הערסט, מילטן ?

— יאָ, העלען, כ׳הער, כ׳בין נישט טויב.

— ווו ליגט אין דעם די חכמה ? ווי טיף באַגראָבט מען זיך אַליין ?

— וואָס פרעגסטו מיך ? דו ווייסט דעם ענטפער...

— מילטן, וווהין צילסטו ?

— איך בין נישט אויף יאַגד...

— ווילסט אפשר נישט רעדן צו מיר ?

— חלילה, כ׳האָב דאָס נישט געזאָגט.

— דײַן שווײַגן איז שנײַדיק ווי אַ מעסער.

— פאַרוואָס ?

ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן און די שווײַגנדיקע רגע׳ס האָבן געדויערט ווי שעהען.

דורכן טעלעפאָן האָט מילטן געהערט „רעדן" דעם אָפענעם קראַן:

זי האָט מסתּמא אָנגעפּולט ס׳גלאַנציק קופּערנע טשײַניקל צו באַגיסן די די וואַזאָנעס, וואָס באַשײַנען די בלאַנקנדיקע קיך. צענדליקער מאָל האָט ער זי געזען זיך פּאָרען בײַם „גאָרטן״, גיאַנטשען יעדעס צווײַגעלע און ווישן די בלעטעלעך, זיך געגרייסט מיט זייער יחוס. דער „מעיד״ איז פאַר־באָטן זיך צוצורירן צום „גאָרטן״, ווײַל זי האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און גראָבע פינגער — פלעגט העלען טענהען.

— אַ, מ־י־ל־ט־אָ־ן׳. — האָט העלען אויסגעצויגן די זילבן פון זײַן נאָמען — פאַר וואָס קאָנען מיר נישט בלײַבן פרײַנט?

— איך בין דיר נישט קיין שונא. העלען האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

מילטן האָט אַרויפגעצויגן דעם רעכטן אַקסל, צוגעדריקט דאָס טעלע־פאָן־טרײַבל צו דער באַק און גענומען אָנשטאָפּן די הויקערדיקע ליולקע מיט טאַבאַק, זײַנע דינע, לאַנגע פינגער האָבן נערוועזש געציטערט בעת ער האָט אָנגעצונדן ס׳שוועבעלע.

— יאָ, העלען, איך הער.

— געדענקסט נאָך מײַן אַדרעס?

— מײַן זכּרון האָט מיך נאָך נישט פאַרלאָזן.

— גוט. פאַרצייכן זשע די דאַטע: דעם פופצנטן הײַנטיקן חודש, שבת נאָכט. קום צו מײַן פּאַרטי.

— גייסט זיך גטן אָדער נאָך אַ מאָל חתונה האָבן?

— האָסט אַ צונג ווי אַ ריבאײַזן!

מילטן האָט דערהערט מוציס וואָיענדיק האָוקען. דער יונגער כּלב וואָלט געדאַרפט פאַרשטיין נישט צו שטערן דער באַלעבאָסטע, ווען זי איז בייז און קאָכט זיך. באַלד האָט ער געהערט אַ קראַך אויפן דיל: דאָס האָט העלען, מסתּמא, אַראָפּגעלאָזט איר רעכטן אָרעם און דאָס טרײַבל האָט נישט אויסגעמיטן מוציס פּיסעלע מיט די מאַניקירטע נעגעלעך.

— גוד נאַיט, מילטן! כ׳וועל נאָך צו דיר רעדן! עמעצער רופט מיך. גוט נאַיט!

אין העלענס הויז זענען פאַראַן דרײַ טעלעפאָנען: אין קיך, אין שלאָפצימער און אין באָד־צימער, וווּ דער סופיט און די ווענט זענען באַדעקט מיט רויטן סאַמעט אײַנגעוועבט פאַרשיידענע פישעלעך, ווי זיי וואָלטן שווימען אינעם בלוילעכן ליכט פון דער לאַמטער.

בעת מילטן האָט זײַנע אוונטן פאַרברענגט אין העלענס וווינונג האָבן די טעלעפאָנען נישט געשוויגן.

— קליינינקע, אַנטלויף נישט, נעם זיך אַרײַן אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַטאָרין...

זי פלעגט שנעל צוריקקומען, אים קושן:

— זײַ נישט איבערזיכטיק, מילטן — האָט זי זיך ווי געפּיעשטשעט — דו מעגסט טאַקע זאָגן: „דײַנע געליבטע רופן", אָבער קיינער איז מיר נישט אַזוי נאָענט און טײַער ווי דו...

יענע נעכט וועט מילטן קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ביידע האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן צענדליקער יאָרן... דער ראַדיאָ־זייגער האָט זיי אויפגעוועקט מיט מוזיק — אַ נײַער טאָג איז געבוירן געוואָרן.

איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָט זיך אַלץ געענדיקט. צוויי יאָר זענען פאַראיבער און, ער זעט ס'בילד פאַר די אויגן:

די טיר פון באָד־צימער — אָנטקעגן בעט — איז אָפן. העלען, כּמעט אַ נאַקעטע, בײַם שפּיגל. זי פּרוווט אײַנפּרעסן די לאָקן, וואָס ציטערן, ווי לויזע ספּרוזשינעס. די חן־בראָדאָווקע בײַם רעכטן מויל־ווינקל, מוז מען אויך „אַ ביסל פּיקסן", ס'מוז האַרמאָנירן מיטן פאַרברוינטן פּנימל, ווו ס'האָבן זיך שוין פאַרגנבֿעט עטלעכע קאַרבן בײַם פאַרריסענעם נעזל. זי פאַרשמינקט זיי. מוצי רײַסט פון איר שטיקער. קושט איר אירע באָרוועסע פּיסלעך; פאַררײַסט ס'קעפּל צום געבלימלטן האַנטעך וואָס הענגט לויז אויף אירע לענדן. העלען בייגט זיך אַראָפּ צום הינטל. הייבט אָן רעדן צו אים, ווי צו אַן אייניקל, דווקא אין מאַמע־לשון:

— שעפּסעלע קרוין. טאַטעלע שיינס. נשמהלע טײַערס. פּאַסקודנע פּישערל, האַלט זיך אײַן אַ ביסעלע...

— מילטן, טײַערער, טו זיך אָן. אפשר וועסטו אים אַראָפּפירן? זײַן פּופּיקל קאָן אים נאָך פּלאַצן!...

מילטן איז אַרײַן אין צווייטן באָד־צימער און שנעל זיך גענומען אָנטאָן. אים האָט געפעלט אַ שקאַרפּעט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן און געבעטן העלענס הילף.

— דאָס ממזרל האָט עס זיכער פאַרשלעפּט אונטערן בעט. מײַנע „פּענטיס" האָב איך שוין אַ מאָל אויך דאָרט געפונען...

ווי פּאַראַליזירט איז מילטן געבליבן אויפן בלויען טעפּיך בײַם ברייטן בעט. העלען האָט דערפּילט זײַן שנײַדיקן בליק. מיט פּחד אין די אונטער־געשמירטע אויגן האָט זי אים אָנגעקוקט:

— וואָס איז געשען?!

מילטן האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט מיטן שטיק ציגאַר, וואָס ער האָט געפונען אונטערן בעט לעבן זײַן שקאַרפּעט.

— אַפּנים, ווען איך בין דאָ נישטאָ רייכערט ס'הינטל ציגאַרן?

העלען האָט אַ כאַפּ געטאָן די באָרדאָ קימאָנע זיך אײַנגעטוליט אין איר, ווי צו פאַרדעקן דעם פּלוצימדיקן ציטער. זי איז שטיין געבליבן בײַם שוועל פון באָד־צימער און מיט די ציטערדיקע הענט געדריקט אירע פאַרדעקטע ברוסטן:

— מײַן... מײַן... — האָט זי געשטאַמלט — מײַן טאַטע איז דאָ געוועזן, מײַן טאַטע...

— יאָ, יאָ, — האָט מילטאָן איר נישט געלאָזט פאַרענדיקן — כ'ווייס, כ'גלייב דיר. די וואָס לײַדן אויף אַסטמאַ דאַרפן טאַקע אומבאַדינגט רייכערן ציגאַרן... ס'איז די בעסטע רפואה... אַלע דאָקטוירים — — —

— גלייבסט נישט! האָסט מיר קיין מאָל נישט געגלייבט! דער הונט גיט מיר מער „טראָבל" אין הויז ווי די פאַרשטאָפּטע קעפּ אין אָפיס! דו ביסט דען בעסער? ס'איז דײַן טבע אַלץ צו וועגן און אַלץ צו מעסטן... פון אַ שטויבעלע מאַכסטו אַ באַרג! גלײַך ווי מײַן טאַטע האָסטו נישט פאַרגעסן די אַלטמאָדישע, יוראָפּישע שטיקלעך... אָ, גאָט! מיט וועמען האָסטו מיך פאַרפלאָנטערט?!

✶

יענעם פרימאָרגן האָט מילטן אַרײַנגערופן די מרס. ב. צו זיך אין אָפיס. די מרס. ב. איז מילטנס רעכטע האַנט. די עלטערע, דיקלעכע פרוי ווייסט דאָ כמעט אַלץ פון יעטוועדנס פּערזענלעכן לעבן. מיט דרײַ יאָר צוריק, בעת מילטן איז געווען צעבראָכן פון זײַן פרויס פּלוצלינגן טויט, איז די מרס. ב. געווען צו אים ווי אַ געטרײַע מאַמע:

— זונעלע, מוזט זיך שטאַרקן. וועסט מוזן זײַן סײַ אַ טאַטע, סײַ אַ מאַמע צו דײַנע טעכטער, פאַרלײַכטערן זייער גורל... נאָך מײַן אומגליק

בין איך געווען אי אַ מאַמע אי אַ טאַטע. גאָט פאַרלאָזט נישט. מ׳מוז זיך שטאַרקן, אַראָפּשלינגען די ביטערסטע מעדיצין... צײַט איז די בעסטע רפואה, זי היילט וווּנדן.

די מרס. ב. איז שוין צען יאָר מיט דער פירמע, ווען עמעצנס אַקציעס זענען אויף דער בירזשע. זי איז תמיד דאַנקבאַר וואָס מילטן האָט איר געגעבן די שטעלע. באַדינט זי אים: זי באַשטעלט פאַר אים בילעטן פאַר די אָפּטע עראָפּלאַן־רייזעס צו די פאַרשיידענע טעקסטיל־פאַבריקן. זי קען צענדליקער פון זײַנע פּערזענלעכע פרײַנט. העלען, אָדער ווי זי אַדרעסירט זי דורכן טעלעפאָן, מרס. ברענער, האָט זי קיין מאָל נישט באַגעגנט.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, מילטן האָט געוויגט מיטן קאָפּ אין דער ברייט אויף ניין און אַ ווונק געגעבן דער מרס. ב. זי האָט דעם ווונק אויפגעכאַפּט און געענטפערט:

— יעס, יעס, מרס. ברענער. סאָרי, סאָרי, מילטן איז נישטאָ. ער איז שוין אויפן עראָפּלאַן. „טראָבל" מיט די קאָלירן: זעקס מיליאָן איילן זײַד שטייען אין קאָן. יאָ, יאָ, ער׳ט רופן, נאָך אפשר הײַנט זײַן צוריק. גאָר שפּעט, גאָר שפּעט. געוויס, געוויס, געוויס כ׳וועל אים זאָגן. גוד־בײַ, גוד־בײַ.

מילטן האָט איר צוגעוואָרפן אַ דאַנקבאַרן שמייכל. ער האָט געשפּאַנט אין גרויסן אָפּיס גריזשענדיק דאָס שטיקל גומע פון עק בלײַער. מיטן ערשטן אויגנבליק האָט מרס. ב. פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. זי האָט פאַרשפּאָרט צו פרעגן, מילטנס פּנים האָט אים פאַרראַטן...

— אַרײַנברענגען קאַווע?

מילטן האָט אַרויסגענומען דעם צעביסענעם בלײַער און אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער פּאָליצע מיט די פאַרשידענע ליולקעס:

— אָ,־קעי, ברענג קאַווע. זאָג כּסדר דער מרס ברענער דעם איין און איינציקן ענטפער: ר׳איז נישטאָ...

— ווי לאַנג? אַ טאָג, צוויי?

— אַ וואָך... צוויי... דרײַ... כ׳ווייס נישט, דער טײַוול אפשר ווייסט.

— וואָס איז געשען, מילטן?

— נישט איצט, כ׳בעט דיך. לאָמיך איצט אַליין. אַליין איז מען טאַקע ווי אַ שטיין, נאָר אַ שטיין איז דאָך לײַכטער פון אַ באַרג...

פונקט צו די צוויי וואָכן האָט מילטן געטראָפן אַ צעטעלע פון מרס. ב.:

„טײַערער מילטן! כ׳האָב געמוזט לויפן אין שפּיטאָל. מײַן אייניקל ווערט מיט מזל אַ מאַמע. מרס. ברענער האָט באַפוילן, אַז זי וועט הײַנט אויף דיר וואַרטן. זי וועט וואַרטן בײַ דער ביבליאָטעק. ז׳האָט געזאָגט, אַז דו ווייסט ווו.

דײַן געטרײַע סעקרעטאַרין

★

אַ זיגעריש שמייכעלע האָט אַראָפּגעשײַנט פון העלענס פאַרשמינקט פּנימל. זי איז מילטאָנען אַנטקעגן געלאָפן, צו אים תאוודיק זיך געטוליעט און געכאַפּט אים קושן.

— אָ, דאַרלינג. פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

ער האָט קאַלטבלוטיק אַ ציי געטאָן מיט די אַקסלען, וואָס האָבן דערציילט פון זײַן מידקייט. זי האָט דערפילט זײַנע אײַז־קאַלטע ליפּן. ער האָט איר געזאָגט ווי פאַרנומען ער איז מיט פאַרשיידענע פּראָיעקטן, דאגות אאַז״וו. זײַנע רייד האָבן אָפּגעווישט דעם שמייכל אויף איר פאַרברוינט פּנימל. דאַכט זיך אַז פון כּעס איז זי פּלוצעם קלענער געוואָרן, אײַנגעשרומפּן געוואָרן. אירע דינע ליפּעלעך האָבן זיך געגרייט צום גוט באַקאַנטן פּײַף...

— אַרבעט! פּראַצע! וויפיל דאַרפסטו שלעפּן אויף דײַנע פּלייצעס? אמת, ביסט פיזיש שטאַרק. כ׳האָב נישט פאַרגעסן דײַן טײַוולישן כּוח, אָבער זע ווי דו זעסט שוין אויס! דאַכט זיך: האָסט פאַרלוירן וואָג. וועסט נאָך, חלילה, קראַנק ווערן!

— איז דאָס דײַן דיאַגנאָז? וואָס, ביסטו אַ דאָקטאָר, צי אפשר אַ נביא?

אַ ווײַלע האָט העלען געשוויגן. זי האָט צעפּאַכעט די הענט און פּאַמעלעך זיי אַראָפּגעלאָזט אין די קעשענעס פון איר ברוינעם, געשטריקטן מאַנטל.

— כ׳בין נישט קיין נביא. כ׳בין אַ נאַר. אַ פאַרדאַמטער נאַר! האָסט אפילו נישט געוואָלט הערן מײַן קול, רעדן צו מיר דורכן טעלעפאָן...

אין הויז האָסטו נישט געענטפערט און די תּירוצים פון אָפּיס האָב איך פאַרשטאַנען, דו האָסט עס באַפוילן: ביסט פאַרנומען! אין אָפּיס ביסטו אין שפּאַן ווי אַן אָקס און אין הויז — אַ שקלאַף צום פענדזל. דײַן מאָלערײַ — נאַקעטער טרויער! פרעמד איז מיר דײַן אַרט דענקען... דאָך... זאָג מיר, פאַר וואָס האָב איך דיך ליב? פאַר וואָס? כ'האָב דיך געוואָרנט: כ'בין נישט פאַר דיר, דו ביסט ווערט אַ בעסערע, אַ געטרײַערע באַגלייטערין... מער ווי איין מאָל האָב איך עס דיר געזאָגט, געדענקסט? ביסט קלאָמפּערשט נישט מסכּים געווען. דײַן עסטעטישקייט האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן ס'וואָרט: „מיסטרעס", אַזוי האָב איך געפילט. העלען ברענער וויל גיין דעם קאָפּ פאַרריסן... פרײַנט... קינדער... דאָך האָב איך זיך געשראָקן פאַרן טאָג, פאַר דער שרעקלעכער שעה ווען דו וועסט פאַרלאָזן מײַן הויז. דו האָסט אַ צוצינגס קראַפּט. איצט איז מײַן גוף ווי אײַנגעפרוירן. מיט דיר — אין דײַנע אָרעמס, מיט דײַן לײַדנשאַפטלעכן, הייסן טעמפּעראַמענט — איז אַפילו דאָס לײַלעך געווען צו פיל... צוזאַמען מיט דיר בין איך אויך געווען אַ פײַערדיקער פאַקל... הײַנט טוליע איך זיך צו דער וואָלענער קאָלדרע און ס'וואָרפט מיך פון קעלט, ווי אין קדחת!

העלען איז שטיל געבליבן, זיך אויפגעהערט באַקלאָגן, זי האָט שווער געאָטעמט, ווי נאָר־וואָס זיך באַפרײַט פון אַ שווערער משׂא אויף אירע שמאָלע פּלייצעס. נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט זי נאָך אַמאָל צו אים איר קאָפּ פאַרריסן. מיט ציטערדיקע פינגער — געגלעט מילטנס ליפּן, וואָס האָבן געהאַלטן אײַנגעקלעמט די ליולקע, און אַ שנירעלע רויך האָט זיך פאַרמירט אין אַ פראַגע־צייכן. זי האָט אַרויפגעלייגט ס'הענטל אויף זײַן אַקסל און אַ געצוווּנגען שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים:

— קום — האָט זי זיך ווי געבעטן — קום, לאָמיר גיין. ביסט נישט הונגעריק? מײַן מאָגן שיקט מיר שוין סיגנאַלן. כ'האָב הײַנט ווינציק געגעסן.

ביידע האָבן גענומען שפּאַנען אויפן ברייטן טראָטואַר פון דער רחבותדיקער עוועניו. די יונגע און אַלטע ביימער האָבן שוין געוויזן נאַקעטקייט. טרוקענע בלעטער האָבן זיך געוואַלגערט און געקרעכצט

אונטער זייערע פיס. צוויי שאָטנס — אַ לאַנגער און אַ קורצער — האָבן זיך צעבראָכן בײַ די ראָגן, וווּ ס׳רוויטע ליכט האָט זיך געביטן אויף גלאַנציקער גרינקייט.

— ווּ וועלן מיר עסן? — האָט העלען נישט דרײַסט געפרעגט.

— אָט דאָרטן — האָט מילטן אָנגעוויזן אויפן נישט־פּאַרענדיקטן וואָלקנקראַצער — אפשר וועט ער געבוירן אַ רעסטאָראַן וואָס וועט פּאַסן פאַר דײַן געשמאַק...

זי האָט אַ שלעפּ געטאָן מילטאָנען בײַם אָרבל. אַ דין, כיטרע שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף איר צעעפּנט מײַלעכל:

— האָסט נישט פאַרגעסן... דו פאַרגעסט נישט, הא?

— ניין, פון אַ געשמאַקן ביסן פאַרגעסט זיך נישט דער טעם!...

אויפן רוישיקן טײַמסקוועער האָט זי מילטאָנען געשלעפּט פון די גאַסן צו די עווענױס: נישט יעדער רעסטאָראַן איז איר געפעלן געוואָרן. זי, אַן אַלמנה, האָט באַוויזן זיך צו פאַרשאַפן אַ סך „בוי־פרענדס״, רײַכע, מיט ווילדע אַפּעטיטן. מילטאָנען האָט זי געוואָלט אַרײַנפירן אין די „הויכע פענצטער״, נאָר אומזיסט איז געווען איר טרחה: זײַן מאָגן איז ווײַט נישט איבערקלײַבעריש: ער געדענקט נאָך גוט די שטעטלשע הונגער־יאָרן. אויך אַפילו דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט ער אַ מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער. העלענס סביבה האָט ער מער געקענט פון דער ליטעראַטור, ווי פון פּערזענלעכע קאָנטאַקטן. זיי געהערן ביידע צו צוויי וועלטן. די וואַנט, וואָס צעטיילט זיי, האָט אַ צו טיפן פונדאַמענט, אַז אַ מענטשלעכע האַנט זאָל זײַן אימשטאַנד זי צו באַזײַטיקן.

— מילטן, וווּהין גייען מיר עסן? אין אויטאָמאַט?

— יאָ. — האָט ער שטיל געענטפערט.

— אַהאַ, דו ווילסט מיך שוין ווידער פאַרפירן ווי דעמאָלט? געדענקסט: ס׳ערשטע מאָל ווען דו האָסט מיך גענומען אין אַ רעסטאָראַן עסן? כ׳האָב זיך דעמאָלט טאַקע באמת דערשראָקן, ווען דו האָסט געזאָגט, אַז דו פירסט מיך אין אַן אויטאָמאַט, צום סוף... יענער איטאַליענישער רעסטאָראַן, געדענקסט די אַטמאָספערע דאָרט?... ער איז נאָך ווײַט פון דאַנען?

— ניין, נאָך צוויי בלאָק.

דער טונקל־באַלויכטענער רעסטאָראַן איז שוין געווען כמעט האַלב־לײדיק, קלאַסישע מוזיק האָט זיך געהערט אין יעדן ווינקל. אין מיטן סופיט האָט זיך געהוידעט אַ משונהדיקער לאָמפּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעדרייטער פּײַער־טאָפּ. העלען איז אַרויף אויף עטלעכע טרעפּ, צום טישל בײַם פענצטער, אויף דער שמאָלער פּלאַטפאָרמע.

— אַט־אָ־ד־אָ — זענען מיר דעמלט געזעסן!

— ווי דו געדענקסט עס? — האָט מילטן זיך געוווּנדערט — דו, העלען ברענער, געדענקסט דאָס גוט?...

— וואָס איך וויל געדענק איך גוט! כ׳וועל הײַנט באַשטעלן דעם זעלבן מאכל: „קלעמס", געבראָטענע „קלעמס" אין געזאָטענעם ווײַן. אויך ספּאַגעטי, זיי האָבן אַ בעסערן טעם פון ייִדישע לאָקשן...

העלען האָט אויסגעטרונקען די „וויסקי־סאַוער" און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ ווײלערישן שמייכל.

— נישט שלעכט! עסט דאָ אָפּט?

— יעדן אָוונט מיט אַן אַנדערער דאַמע... דערנאָך...

— גענוג! איך ווייס וווּהין דו צילסט!... אין די מוּוויס האָב איך געזען ווי קאָזאַקן, אין אַ שלאַכט, זענען געלאָפן מיט צעפּאַכעטע שווערדן. דערמאָן זיך, ביסט דאָך געווען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. מײַנע זין האָבן אויך געדינט. נעם זשע אַראָפּ די ביקס פון טיש... אַט־אָ די מעסערס זענען ניט קיין שווערדן...

דער פריערדיקער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון העלענס פּנים. זי האָט אַרויסגענומען דעם פענעצל מאַראַנץ פון גלעזל און עס גענומען נאַגן. מיט די פינגער פון איר לינקער האַנט האָט זי אָנגעהויבן פּויקן אויפן שנייוויַיסן טישטעך.

— מילטן! קוק אויף מיר! זאָג מיר: וואָס איז עס פאַר אַ חטא צו גיין עסן מיט גוטע באַקאַנטע? דו רופסט זיי „געליבטע", מילא, דאָס איז דײַן אויסטײַטשונג, אָבער איך, איך נעם זיי נישט ערנסט. אָט האָסטו אַ משל פון צוויי: איזי ראָטמאַן און איזי שטיינהאָלץ. איזי ראָטמאַן איז אַ דאַרער דראָנג. שוין יאָרן ווי ער שלעפּט זיך מיר נאָך. זײַן טאָכטער וווינט אין מײַן געגנט, ער וווינט אין אַ פּאַלאַץ אין לאָנג אײלאַנד. איזי שטיינהאָלץ איז אַן אָנגעפּרעסענער „בול". אויך ער לאָזט מיך נישט

צורו.ביידע איזיס האָבן געטאָן ביזנעס מיט מײַן מאַן — געקויפט און פאַרקויפט הײַזער. כ׳ווייס נישט וועלכער איזי איז רײַכער, ביידע פעלט נישט. יעדער פון זיי וואָלט מיט מיר וועלן שטיין אונטער דער חופה. מיטן דראַנג בין איך די לעצטע וואָך געגאַנגען עסן אין אַ פיש־רעסטאָראַן. ס׳האָט זיך אים פלוצלינג פאַרגלוסט עסן ראַקעס, ער עסט דאָס זעלטן. פאַרשטייט זיך, ער האָט מיך שפּעטער צוריקגעפירט אין מײַן הויז. ער האָט זיך דערפילט שלעכט, איך האָב געזען דער מענטש איז פאַרבײַ. ס׳איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט, אין גאַס האָט געפליוכעט, כ׳האָב נישט געוואָלט רופן זײַן דאָקטער, זי איבערשרעקן. ער האָט זיך אײַנגעבעטן כ׳זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. בעטן האָב איך גענוג. ער רייכערט ציגאַרן איינעם נאָכן צווייטן. מילטן, ס׳איז נישט אמת וואָס כ׳האָב דיר דעמאָלט דערציילט, אַז מײַן טאַטע רייכערט. אפשר דאַרף איך דיר נישט געבן די אויפקלערונג, נאָר גלייב מיר, מילטן, ס׳איז געווען אַ בלינדער צופאַל... מוצי האָט טאַקע פאַרשלעפּט זײַן נישט־דעררויכערטן ציגאַר, וואָס דו האָסט געפונען לעבן דײַן שקאַרפּעט אונטערן בעט.

העלען האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. גענומען זוכן אין איר ברוינעם, לעדערנעם האַנט־בײַטל. דער סיגאַרעט צווישן אירע פינגער האָט געציטערט. זי האָט געשלונגען דעם רויך, ווי אַ דאַרשטיקער — וואַסער. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זי האָט לײַכט אָנגערירט זײַן האַנט:

— גלייבסטו מיר נישט? כ׳ווייס... ס׳איז מיר קלאָר... אָבער כ׳פאַרשטיי, ווי זאָל איך עס זאָגן, כ׳בין נישט פון דײַן וועלט... אָוודאי ביסטו ווערט אַ בעסערן מענטש ווי אַ העלען ברענער. איי ס׳פּיזישע? דאָס גאַנצע פײַער וואָס דו האָסט אין מיר צעצונדן איז נישט... איז נישט — — —

— וואָס איז נישט?

— בעסער איצט נישט צו רעדן, לאָמיר נישט צעשטערן דאָס גוטע מאָלצײַט... כ׳האָב זיך אין עפּעס דערמאָנט: יאָ, ס׳לעצטע בילד, וואָס דו האָסט פון מיר געמאָלן, האָב איך שוין אין הויז, אויף דער וואַנט. די ראַם איז פּראַכטפול שיין!

— אַ גאָלדענע פון פערצן קאַראַט גאָלד?

— געוויס. נישט פון פערצן, פון גאַנצע פיר און צוואַנציק קאַראַט. האָסט פאַרגעסן צו פרעגן צי די ראַם האָט אויך דימענטן.

— גוט, אַז דו פאַרשטייסט וואָס כ׳גרייט זיך צו פרעגן. מער ליגט מיר טאַקע נישט אין זינען, נאָר דײַנע דימענטן...

— מעג איך זיך עפּעס פון דיר דערוויסן?

— אַ שטייגער?

— באַקאַנטע פרעגן מיך פאַר וואָס דו האָסט געמאָלן ס׳בילד מיט מײַן דורשטיקן בליק געווענדט צו די כוואַליעס? וואָס זאָל איך זיי דערקלערן?

— זאָג זיי וואָס דו ווילסט. זאָג זיי — דײַן אַפּעטיט איז אויס־צוטרינקען דעם ים!

העלען האָט זיך צעלאַכט: אַ געלעכטער, וואָס קומט פון שטוינען און פאַרצווייפלונג.

— דאָס איז דײַן פילאָזאָפישע מיינונג? אַזוי דענקסטו? און דו האָסט גאָרנישט געציטערט כ׳זאָל אויך דיך אײַנגעשלינגען? — איז אים העלען נישט שולדיק געבליבן פאַר זײַנע „קאָמפּלימענטן״.

— באַשליס אַליין.

— גוט, כ׳האָב שוין באַשלאָסן. נאָך אַ „וויסקי־סאַוער״ קאָן איך יאָ אויסטרינקען. פאַר וואָס טרינקסטו נישט די שערי?

מילטן האָט גערופן דעם קעלנער, אויסגעפּירט איר פאַרלאַנג. נאָכן מאָלצײַט זענען זיי געבליבן שטיין אין גאַס. דער הימל האָט זיך געכמורעט. צווישן די הויכע מויערן האָט ס׳שטיקל לבנה אויסגעקוקט ווי אַ קרוליק אין אַ שטײַג. אַ ווינטל האָט צעבלאָזן העלענס בלאָנדע האָר. זי האָט נאָך אַ מאָל פאַררייכערט און שנעל אָוועקגעוואָרפן דעם סיגאַרעט.

— איך וועל אָנהייבן רייכערן אַ ליולקע.

— דיר וועט אַלץ פּאַסן...

— יאָ, ציגאַרן פּאַסן מיר אויך... דײַן צינישקייט איז... לאָמיר בעסער שווײַגן. כ׳האָב אַזוי געגאַרט דיך צו טרעפן. נאָר... קום, ס׳איז מיר קאַלט...

— ווו האָסטו געלאָזט דײַן אויטאָמאָביל?

— כ'בין געקומען מיט אַ טעקסי. כ'האָב אויך נערוון... אַ ראָד האָט פּייַנט נערוון. אַ רגע און דו ביסט אויס. דיך וועט עס דען אַרן? כ'ווייס שוין נישט... כ'וועל נישט שווערן... מייַנע קינדער — אפשר? יאָ, שיר נישט פאַרגעסן: טרעפסט זיך מיט קלאַרען?

— אַ מאָל.

— פאַר וואָס נישט אָפט? לויט דעם ווי דו האָסט זי מיר געשילדערט, וואָלט קלאַרע געווען די פּאַסיקסטע פּערזאָן... איר ביידע...

— זאָג מיר, העלען, ביסט שוין געוואָרן אַ שדכנטע? זאָרג בעסער פאַר זיך...

העלענס פּייַף האָט אַ שנייַד געטאָן די קאַלטע לופט.

— יאָ, ביסט גערעכט: כ'וועל זאָרגן... כ'האָב שוין אָפּגעזאָרגט... דאַרפסט מיך קענען: זאָלן די גרויסע מענטשן זאָרגן. אויף צולהכעיס וועל איך זיך נישט אָפּבייַסן די נאָז... דייַנע איז לענגער...

ווי אויף הייסע קוילן איז העלען געזעסן אַליין אין דער טעקסי. זי האָט זיך געראַנגלט מיט צווייערליי געפילן: ער חוזקט פון איר — זי האָסט אים. און דאָך — אפשר, טיף אין הארצן האָט ער זי שטאַרק ליב, אַזוי ווי זי אים, ער קאָן איר בלויז נישט מוחל זייַן דעם חטא וואָס זי איז באַגאַנגען — זי האָט אים פאַרראַטן, און ער זוכט כּסדר נקמה צו נעמען אין איר. אויב זיך נוקם זייַן, וועט זי אים באַווייַזן, אַז זי קאָן דאָס בעסער. און באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט איזי ראַטמאַן.

✶

העלען ברענער הייסט שוין העלען ראַטמאַן. איר נאָמען איז געביטן, אָבער ווייַט נישט איר געמיט. ווען זי פאַרגלייַכט איר מאַן איזי מיט מילטאָנען ווערט זי אַנטמוטיקט, און אָט דער שידוך האָט באַלד אָנגע־הויבן גיין אויף קוליעס.

וועגן העלענס באַשלוס חתונה צו האָבן מיט איזי ראַטמאַן ווי אויך ווענן דעם שנעלן סוף, האָט די ערשטע זיך דערוווּסט סיליע, העלענס טאַטנס יינגסטע שוועסטער, וואָס איז מיט העלענען כּמעט אין זעלבן

עלטער. סיליע איז העלענס נאָענטסטער פרײַנט. אָפּנים, זי האָט סיליען מוחל געווען די „זינד" וואָס איר וויגל איז געשטאַנען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל אין יוראָפּ. פאַר סיליען האָט העלען נישט קיין סודות, פאַר איר אַנטפּלעקט זי איר פאַרביטערט האַרץ.

— סיליע טײַערע, כ'מוז אַרויסקריכן פון דער בלאָטע! דער מאַן מײַנער, איזי ראָטמאַן, איז מיר ווי אַ ביין אין האַלדז...

סיליע האָט געשטוינט, נישט געגלייבט אירע אויערן.

העלען איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, וואָס האָט כּמעט פאַרדעקט אַ גאַנצע וואַנט. זי האָט געקוקט אויף זיך גלײַכגילטיק, אַפילו מיט בטול און אַרײַנגערעדט אין שפּיגל אַרײַן:

— סיליע טײַערע, דו האָסט אפשר געטראָפן. כ'זע אים... ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט דער ליולקע אין מויל... זײַן בליק פאַרפאָלגט מיך... אפשר בין איך טאַקע פון זינען אַראָפּ?

סיליע האָט געוואָלט איר צוגעבן מוט:

— כ'דערקען דיך נישט העלען! וואָס איז מיט דיר? אַוווּ איז אַהינגעקומען די שטאָלצע העלען?

— פאַרשטייסט דען נישט, סיליע, כ'בין אַ פאַרשפּילטע.

— וואָס טויג אָלץ צו לעבן מיטן נעכטן? שלאָג דיר אַרויס מילטאָנען פון קאָפּ, פאַרוואָס קירצסטו זיך די יאָרן. דו מוזט אים גובר זײַן, העלען, ביסט נאָך שיין און יונג גענוג...

— אים גובר זײַן? יאָ, סיליע, ביסט גערעכט! דאָס דאַרף איך און דאָס וועל איך טאָן. כ'וועל פאָרן קיין אויסלאַנד מיטן צווייטן שותף, מיט איזי שטיינהאָלץ...

און זי איז געפאָרן. צוריקגעקומען פון דער רײַזע אַ פאַרביטערטע. אַ דערשלאָגענע. נישט געקאָנט געפינען קיין רו. יאָ, זי מוז ווידער אַ מאָל זען מילטאָנען. זי האָט פאַר אים געבראַכט פון יוראָפּ אַ מתנה: טײַערע ליולקעס, וואָס נאָר אַרטיסטישע, יוראָפּישע פינגער האָבן גע־קענט אויסשניצן. אפשר וועט ער דאָך באַנײַען די פרײַנטשאַפט מיט איר. און טאָמער וועט מילטן ווײַטער אָנגיין מיט זײַן ציניִשער שפּיל און חוזק מאַכן פון איר וועט זי אים פאַרבעטן צו אַ פּאַרטי אין דער היים,

ביי איר, זי וועט זיך רייצן מיט אים, זי וועט צערטלען איר מאַן און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי איז גליקלעך, זי האָט געפונען דעם ריכטיקן תיקון אין איר לעבן, מילטאָנען אויף צעפּיקעניש. זי וועט אויך פאַרבעטן אירע „פענסי" פריינד, כאָטש ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זיי חוזקן אויך פון איר, באַרעדן זי הינטער אירע פּלייצעס.

זאָלן זיי זשליאָקען דעם שאַמפּאַניער ביי מיר און נאָך דעם גייענדיק אַהיים מיך אויסלאַכן — האָט זי גאַליק פּאָרטרויט אירע פּלענער איר נאָענטסטער פריינדין סיליע.

— העלען טייערע — האָט איר מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט סיליע — גוט, קענסט דאָס אַוודאי טאָן, אָבער באַרויִק זיך, ברען נישט אַזוי, דו קענסט נאָך, חלילה, קראַנק ווערן.

— סאיז אמת, סיליע, איך ברען. ס'פלאַקערט אין מיר אַ העליש פייער, אָבער פון דעם פייער וועט אפילו נישט בלייבן קיין אַש... פון אַלץ אין הויז איז מיר ס'טייערסטע מיין אייגן בילד אויף דער וואַנט. מילטאָן האָט געפילט מיין טעמפּעראַמענט... ער האָט מיך ריכטיק אָפּגעשאַצט... ס'איז מיין שולד: איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרשטיין. דערפאַר איז פון מיר אַפּגענומען געוואָרן דער שלאָף. מיין בעט איז היינט אַ שייטער...

אָט נעכטן בין איך יאָ אַ ביסל איינגעשלאָפן. האָב איך געהאַט אַ וויסטן חלום: דאָס הויז מיינס האָב איך אַליין אונטערגעצונדן... פון אַלעם איז געוואָרן אַ באַרג אַש... בלויז איין זאַך איז געבליבן גאַנץ: מיין בילד אויף דער צעברענטער וואַנט — מיין מילטאָנס מאָלעריי... ס'האָט אַרויסגעלויכטן פונעם באַרג אַש...

(1955)

אויף די פעלדער
פון נאָרמאַנדיע

סאַרדזשענט דזשעראַלדס סוּווענירן...

.1

פּאַרטאָג.

שוין דעם דריטן טאָג אויפן ענגלישן קאַנאַל.

מיר זענען די ערשטע אויפן דעק. ווען סאַרדזשענט דזשעראַלד וואָלט מיך נישט אויפגעוועקט, וואָלט איך דאָרטן, אין דער טיפעניש פון דער שיף, נאָך געלעגן אינעם הענגענדיקן „בעט״, נאָענט צו דער זשאַווערדיקער סטעליע, נאָך געשלאָפן.

די שיף שטייט. וויגט זיך אַ ביסל, ווי זי וואָלט איצט זיך אָפּגערוט פון ביינאַכטיקן שטורעם.

ביידע שפּאַנען מיר ווי שיכּורים. דער דעק איז נאַס, גליטשיק. פון אַרויפגיין אַן אַ שיעור טרעפּ פאַרמישט זיך דער קאָפּ. פון דער קאַלעמוטנער טונקלקייט, צווישן די גרויע, שטאָלענע ווענט, שווינדלט אין די אויגן. כּמעט יעדער זעלנער האָט די נאַכט זיך אָנגעליטן פון צעבורעטן קאַנאַל. איצט שלאָפט מען: אַ כראָפּנדיקער אָרקעסטער!

דזשעראַלד איז בלאַס. זײַן לענגלעך פּנים — אָפּגעצערט. זײַנע בלאָנדע האָר — צעפּאַטלט. ער איז נאָך פול מיט פּחד פון ביינאַכטיקן שטורעם, פון דער ים־קראַנקייט, וואָס האָט אין מיטן נאַכט אים געטריבן אויפן דעק נאָך אַ טראָפּן פרישער לופט. אויף עטלעכע פּערציק שטאָלענע טרעפּלעך איז ער קוים דערלאָפן מיט די צעשפּיליעטע הויזן אין האַנט...

איך ווייס נאָך וואָס דזשעראַלד האָט מיך אַרויפגעשלעפּט אויפן דעק, נאָר מיר רעדן נישט וועגן דעם. אָפּט איז אַ צעשראָקענער בליק — אַ ים מיט רייד... ער פּרוּווט נערוועז בײַסן זײַנע שוין היפּש אַרומגעגריזשעטע נעגל. זײַן צעשראָקענער בליק זוכט עפּעס, בלאָנדזשעט פאַרלוירן. ער וויגט זיך, האַלט זיך קוים אויף די פיס. איך פּרוּוו אים נעמען אונטערן אָרעם, נאָר ער שאַרט אָוועק מײַן האַנט:

— „דעם־איט״!

איך בלײַב שטיין. דזשעראַלד מאַכט אַ וואַקלדיקן שפּאַן צוריק: ער האָט שוין באַמערקט ווהין מײַן בליק איז געווענדט. פון זײַן מוילווינקל זייעט זיך דורך זײַן באַליבט ווערטל:

— „דעם־איט״!

אונדזערע אויערן זענען וואַך צום קלאַנג פון די קייטן וואָס וויקלען זיך אויף צוויי ריזיקע וואַלן. דאָרט קלעטערט אויף אַ מאַסט פּרענקלין, דער מאַטראָס. ווי בײַ אַ קונצנמאַכער וויקלען זיך די שטריק אַרום זײַן מוסקולירטן אָרעם: ער שלעפּט די „נאָז״ פון ריזיקן באַלון. כאָטש די „באַקעס״ פון באַלון זענען שוין אײַנגעפאַלן, דאָך ראַנגלט זיך דער באַלון, ווי אַ מגושמדיקע חיה וואָס לאָזט זיך נישט פאַרנאַרן אין אַ שטײַג.

— „דעם־איט״ — איז דזשעראַלדס איינציק וואָרט. ער קוקט אויפן פלינקן נעגער וואָס האָט שוין אַראָפּגעשלעפּט דעם באַלון. צוויי מאַטראָסן שלעפּן דאָס וועגעלע מיטן פּאָמפּ — „שפּײַז״ פאַרן זילבער־קאָלירטן באַלון.

פּרענקלין איז דער איינציקער נעגערישער מאַטראָס אויף דער שיף. דזשעראַלד וועט אים געדענקען: זײַן גאַנץ לעבן דאַרף ער פּרענקלינען נישט פאַרגעסן. איך ווייס נאָך נישט צי דזשעראַלד, בעת ער וועט אַמאָל דערציילן זײַנע מלחמה־איבערלעבונגען, וועט אויסזאָגן ווער עס האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דער סכנה... וועט ער דערציילן, אַז אין שטורעם, בשעת אַ כוואַליע האָט געבויערט דעם דעק, האָט אַ „ניגער״ אים פון געפאַר אַרויסגעשלעפּט?...

דזשעראַלד קוקט שוין נישט ווי זיי פּאָמפּען אָן דאָרט דעם באַלון. זײַן בליק צעקעמט די ווינקלען אַרום די שורה „טאָילעטס״, וואָס מ׳האָט אויסגעבויט אויפן דעק. אָט־אָ־דאָ, לעבן די צוויי נידעריקע שטאַנגען, וווּ ס׳ליגן די צעווייקטע בינט שטריק, האָט די כוואַליע אים אומגעשלײַדערט! נאָר ווי אַזוי האָט ער זיך דערקאַטשעט צו דער צווייטער זײַט?...

איך ווײַז אָן מיטן פינגער אויף די צוויי נידעריקע שטאַנגען און פרעג:

— דאָ?

דזשעראַלד ענטפערט נישט. קוקט אויף מיר מיט אַ פאַרבאָרגענעם חשד. וואַרפט אַ שאַרפן בליק צום נעגעריונג וואָס קריכט שוין ווידער צווישן די מאַסטן:

— „דעם־איט", קום!

איך בלײַב אויפן אָרט:

— סאַרדזשענט —

— יאָפּ — און מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

— דזשעראַלד, נישט אין דער זײַט שטייט פרענקלין.

— דו רעד צו אים. מעגסט רעדן אין מײַן נאָמען.

— ניין, סאַרדזשענט. אויף דײַן מויל הענגט נישט קיין שלאָס. ס'איז דײַן חוב זאָלסט —

— „דעם־איט"! — גיט ער אַ צעוויג די אָרעמס ווי אין אַ פאַרמעסט — עס ווילט זיך מיר איצט צעברעכן דיר יעדן ביין!

איך מאַך אַ שפּאַן פאָרויס:

— נו, צעברעך...

הילפלאָז בלײַבן הענגען דזשעראַלדס הענט. זײַנע אויגן — צו די ברייטע נעז פון מײַנע גרויסע שיך:

— פאַרגעס...

— דזשעראַלד, מיינסט אַז דו דאַרפסט צעברעכן מײַנע ביינער?...

— יאָ! — ווערט ער נאָך בלייכער.

— פאַרוואָס? — קוק איך אים גלײַך אין די אויגן.

סאַרדזשענט דזשעראַלד ענטפערט מיט רציחה:

— ווײַל דײַנע רייד האָבן מיך צעבראָכן —

— קאָנסט נישט פאַרטראָגן דעם אמת, האַ?

— צום טײַוול! וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן? זיך אפשר גיין בוקן צום „ניגער"?!...

— קיינער הייסט דיר זיך נישט בוקן. אויב דו ווילסט אים עפּעס זאָגן, רעד צו אים, ווי צו אַ מענטש, גלײַך. באַשליס בײַ זיך — אויב אַפילו דער אינצידענט האָט דיך אויפגעוועקט — אַז דײַן סאָוט, דײַן אײַנגעפרעסענער שטאָלץ, באַגייט פאַרברעכנס קעגן מענטשן. דו האָסט געזען וויפיל נעגערשע זעלנער זענען אַרויף אויף די שיפן, יאָ, מ'האָט

זיי אָפּגעטיילט פון אונדז, אָבער — זענען זיי נישט קיין זעלנער ווי איך און דו?

— איך וויל דאָס מער נישט הערן!... לאָמיר גיין.

בײַ איינעם פון די אָפּגעדעקטע קאַנאָנען זענען מיר שטיין געבליבן. געשטאַנען און געשוויגן. דער טומאַן האָט איצט געגומען צעגיין, צעשווימען אין ערשטן בליאַסק פון דער זון. איך האָב דערפילט די פײַכטקייט אויף די ברעמען; אויף די ליפּן — אַ געזאַלצענעם טעם.

די אומצאָליקע שיפן און די צעוויגטע באַלונען באָדן זיך אין די ערשטע זון־פעדעם. אַרום אונדז — נאָך מער שיפן ווי נעכטן. זייער צאָל — נישט צום איבערציילן. אַט זעט מען שוין ביימער און בערג. מיר הערן פון דאָרטן דונערס — „גוטמאָרגנס״, ווי דער נאָרמאַנדי־ברעג וואָלט גערעדט צו די אומצאָליקע שיפן, זיך געגריסט מיט יעדן זעלנער, וואָס וועט הײַנט טרעטן אויף דער באַפרײַטער ערד!

אַ קיל ווינטל צעקאַרבט דעם וואַסערדיקן שפּיגל. די געזאַלצענע פײַכטקייט קריכט אין די ביינער. איך פאַרשפּיליע דעם אָפּענעם קאָלנער פון מײַן וואָלן העמד און ס׳וועדט מיר, דאַכט זיך, נאָך קעלטער. אַ ציטער אין די גלידער, ווי דעם ערשטן טאָג אויפן דעק בשעת די „דזשעריס״ האָבן פון אַ שוואַרצן וואָלקן, אַראָפּגעשוועבט, אונדז צו „באַגריסן״...

קוים ווי איך באַריר דזשעראַלדס אַקסל:

— נו, סאַרדזשענט?

דזשעראַלד האַלט שוין דאָס זילבערנע קייטעלע מיטן בינטל שליסלען אין האַנט. זײַנע לאַנגע, נערוועזע פינגער, פלאָנטערן זיך צווישן די שליסלען: בײַ איין שליסעלע איז צוגעבונדן אַ קויטיק שטריקל, — אַ מזל־שטריקל, פאַר „גוד לאַק״. ער האָט מיט התפעלות וועגן דעם גערעדט. זיך באַרימט מיטן גליק... איצט פרווט ער דאָס אָפּבינדן. רײַסט דעם פעסטן קנופּ אַזש מיט די ציין... וויל זיך פון שטריקל וואָס שנעלער באַ־פרײַען — — —

2.

סאַרדזשענט דזשעראַלד וועט מיך לאַנג געדענקען. איך אים — אוודאי! נאָך דער פאַרשאָלטענער מלחמה וועלן מיר זיך דורכשרײַבן: איך היט זײַן אַדרעס.

אין דער שפּעטער שעה פון דער רעגנדיקער נאַכט, האָט דזשעראַלד זיך אַראָפּגעגליטשט אין מײַן „פּאָקס־האָל":

— איך האָב פאַר דיר שלעכטע נײַעס: דער באַפעל איז איצט אָנגעקומען. דער אָפּיס גרייט שוין צו קאָפּיעס פונעם אָרדער.

דעם זין פון די „שלעכטע נײַעס" האָב איך לחלוטין נישט באַנומען: ס'האָט נאָך געדוט אויף מיר דער חלום, אַ זיסער חלום פון אַ נאָרמאַל לעבן; פון אַן אמתדיקן דאַך איבערן קאָפּ...

אַ ווײַלע בין איך געבליבן צעשראָקן: דזשעראַלדס פאַרשטיקט קול, ווי טרערן וואָלטן אים געוואָרגן, די סיבה פאַר מײַן שרעק.

— וואָס האָט פּאַסירט, סאַרזש — האָב איך אָפּגעטשאָפּעט אַ שטיקל פונעם וואָרט „סאַרדזשענט" — פאַרוואָס האָסטו מיך שוין ווידער אויפגעוועקט? האָט מיט דיר שוין ווידער עפּעס געטראָפן?

מיט אַ זעקס וואָכן צוריק האָט דזשעראַלד מיך אויך געוועקט. דאַמאָלט, אין דער טיפעניש פון דער שיף, איז זײַן „בעט" געווען נאָענט צו דער שטאָלענער סטעליע. איצט — אין אַ טיפן, פײַכטן גרוב...

אויף מײַן פראַגע האָט דזשעראַלד נישט געענטפערט. ער איז געבליבן זיצן אויף די קני, אָנגעשפּאַרט אויף די הענט.

דורך דער האַלב־צעעפנטער „טיר" פון מײַן קאַמופלאַזשירטן „פּאָקס־האָל" האָט זיך אַרײַנגעשניטן אַ פּאַס פון דער אויסגעצוואָגענער לבנה. ס'ליכט איז געפאַלן אויף דזשעראַלדס שאַרפן קין אין ריטמישער באַוועגונג: דער קײַטאַבאַק האָט זיך געמאָלן צווישן זײַנע שאַרפע ציין. בײַנאַכט וועט ער זיך נישט דערוועגן פאַררייכערן. מיר היטן דעם שטרענגן פאַרבאָט: „דזשערי קאָן נאָך באַמערקן דעם גלי פון פּאַפּיראָס...

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט ער אַראָפּגענומען דעם שטאָלענעם העלמעט, אים אָנגעשפּאַרט אין מײַן ביקס און גאַז־מאַסקע, צעעפנט די „טיר" און אַרויסגעשפּיגן.

— „דעם איט" — האָט ער געבראָכן זײַן שווײַגן מיטן אויסדרוק וואָס ער נוצט מער ווי וועלכעס ס'איז וואָרט אין זײַן ווערטער־אוצר — זיי שיקן דיך אין אַ צווייטער קאָמפּאַניע.

— וואָס פּלאַפּלסטו?

— יעס, מאַ — האָט ער אויך אָפּגעהאַקט צוויי זילבן פון מײַן נאָמען — אין אַ צווייטער קאָמפּאַניע.

— זיכער, סאַרדזש?

— זיכער, מאַרי. נאַרוואַס אָנגעקומען די ליסטע מיט די נעמען.

— און דו? ווער נאָך פון אונדזער פּלאַטון?

— זעקס פאַרלאָזן: הערי באַראָן, דעיוו דזשאַרדאַן, ניק טעראַסע און — פאַרגעסן די אַנדערע צוויי. זיי אַלע האָבן דײַן פּאָך־נומער. געוויס ווערט ערגעץ פאַרמירט אַ פּערמאַנענטע קאָמפּאַניע. דו —

ער האָט נישט פאַרענדיקט און זיך גענומען צום שווערן העלמעט:

— אין דער פרי, מאַרי, וועלן מיר זיך טרעפן בײַם טראַק.

— סאַרדזש, וואַרט אַ ווײַלע —

— איך וויל אָפּזוכן לייטענאַנט באַרנעט און פּאָול: אפשר קאָן מען נאָך עפּעס בײַטן, שיקן אַ צווייטן אויף מײַן אָרט.

כאָטש דזשעראַלד איז אויף אַלע פיר אַרויסגעקראָכן, דאָך האָט זיך זײַן ביקס אויפן אַקסל פאַרטשעפּעט אינעם דאָך פון מײַן „הויז"... דער גאַנצער טענט האָט געטאָן אַ ציטער. די צווײַגן, דער קאַמופלאַזש, האָבן זיך צעוויגט. ווי מײַן געמיט, איז דער נעסט געבליבן צעראַיעט... מאָרגן זיך שוין דאַרפן גראָבן אַ נײַע היים.

שווערע טריט האָבן זיך געטאָפּטשעט אין די בלאָטעס:

— דזשעראַלד?

— פּאָול?

ביידע זענען שטיין געבליבן.

— נו? האָבן זיי געפרעגט.

— דער אָרדער איז געקומען צו שפּעט. מיט עטלעכע שעה פריִער וואָלט באַרנעט אפשר נאָך דאָס געקאָנט פאַרריכטן. געזאָגט אַז פּלאַטון דאַרף ער אַרום זיך. ער וויל דעם יונג נישט פאַרלירן. איצט איז שפּעט: נישטאָ שוין צו ווענדן זיך צו ווענדן.

פּאָולס באַסאָווע שטימע האָט צעשניטן די אַרומיקע שטילקייט. שוין עטלעכע שעה ווי ס'האָט נישט „געדונערט", ווײַל עס האָט געשניטן אַ רעגן. איידער די לבנה האָט באַוויזן איר אויסגעצוואָגן פּנים האָט מען

דעם טומאַן געקענט שנײַדן מיט אַ מעסער. אין אַזעלכע שעהען שווײַגן דאָ די קאַנאָנען...

איך בין נאָך טויט־מיד, כאָטש ס׳איז אַ זיסע מידקייט: אויף מײַנע פּלייצעס געשלעפּט קאַסטנס קוילן! שוין נאָך אַמאָל געאַרבעט אויפן „עמיונישן־דאַמפּ״. די שמאָלע זיגזאַג־וועגן קראַכן אַזש פון די געלאָדענע טראָקס! טאָג און נאַכט ציִען זיך פון די קאַנוואָיס: פון „ביעטש״ ברענגט מען „רעישאָנס״ (עסן־פּאַרציעס) און קאַסטנס קוילן.

איך בין מיד נאָר כ׳קאָן מער נישט אײַנשלאָפן: מאָרגן צעשייד איך זיך מיט דזשעראַלדן, פּאָולן און לייטענאַנט באַרנעט. ס׳ווילט זיך נישט שיידן מיט מענטשן מיט וועלכע מען האָט זיך גוט אײַנגעלעבט. נאָך אין ענגלאַנד האָט זיך געשלאָסן אונדזער באַקאַנטשאַפט און דאָ, אויף די נאָרמאַנדיע־פעלדער, האָט דער גורל געיעג נאָך אַ זאַטן מאָלצײַט אונדז פאַר־ברידערט.

ווער עס פאַרמאָגט אַ שטאָל־געפּאַנצערטן מאָגן, אָדער כאָטש אַ לעדערנעם, קאָן פאַרטראָגן די „רעישאָנס״! אויף די גוט־געפּאַקטע „רעישאָנס״ איז טאַקע אויסגערעכנט אַלע סאָרטן וויטאַמינען — דאָס בעסטע וואָס קאָן נאָר זײַן, וועט דער זעלנער פילן אין יעדן ביסן — נאָר יעדער זעלנער וואָלט די פאַבריקאַנטן און די וויטאַמין־עקספּערטן באַשטראָפט מיט איין זאַך: — זאָלן זיי דאָס דאַרפן עסן! נישט נאָר פאַרזוכן, נאָר לעבן אויף דעם טעג און וואָכן...

גאָר אָפט זענען אַפילו די „רעישאָן״־פּאַרציעס — קליינע... פון דער פרישער לופט איז דער אַפּעטיט — אַ צעבורעטער!... פּאָול און דזשעראַלד קאָנען אײַנשלינגען אַן אָקס! דער לייטענאַנט און איך חלומען פון דעם פאַרמערס ציג, וואָס האָט דאָ נעכטן פאַרבלאָנדזשעט...

מײַן „פאָקס־האָל״ איז אָבער מער נישט קיין פוסטער. לעצטנס — אַ „שפּייז־צענטער״! בעת מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון צווייטן פעלד, האָב איך דורכגעפירט דעם פּלאַן: פאַרכאַפּט אַ שטיקל פּלאַץ לעבן דער פעלד־קיך... פאַרמאָג שוין אַ האַק מיט אַ גרויסער לאָפּעטע. דער ערשטער גענומען גראָבן פאַר זיך אַ געלעגער... די צוויי אַנטיקן זיך „געבאָרגט״ בײַ דעם „מעס האָל״ פון אַ צווייטער קאָמפּאַניע. איין „אַנטיק״ האָלט דזשעראַלד צוקאָפּנס. איך — דעם צווייטן. מיר היטן זיי,

ווי מען היט די ביקס און גאַז־מאַסקע. מיט די נעגל האָבן מיר שוין נישט איין מאָל געריסן די וואָרצלען פון די ביימער, גראָבנדיק פאַר זיך אַ נאָרע.

אין מײַן פרײַער צײַט קלאַפּ איך אָן אין טירן. דזשעראַלד גייט מיט. ער קוקט, גאַפט, ווי אַזוי איך רעד צו די פראַנצויזישע פאַרמער. גראָבט אײַן דעם קאָפּ אינעם צעעפנטן ווערטער־ביכל — באַהערשט זיך נישט צו לאַכן...

אַ חוץ סיגאַרעטן און שטיקער ברוינע זייף, ברענגען מיר זיי אויך „רעישאַנס", וואָס פאַרמאָגן די בעסטע וויטאַמינען... מיר ליידיקן אויס די קעשענעס און פילן זיי צוריק אָן... אָפט קריגן מיר אַ שטיק שוואַרץ ברויט וואָס מיר „פאַרזוכן" אויפן אָרט. דאָס איז דער גרעסטער פאַרברעכן וואָס מע קאָן באַגיין קעגן פאָולן און לייטענאַנט באַרנעט... מיט פרישע אייער, לעטוס, עפּל און גרינע ציבעלעס, פראַוועוען מיר די אמתע סעודה! דער לייטענאַנט שלעפּט דאַן אַרויס די טאָרבע סוכאַרעס, די מתנה פון דער חנעוודיקער נוירס אין דעם נאָענטן פעלד־שפּיטאָל.

אין די אָוונטן, בעת מיר זעצן זיך צו דער סעודה, דערציילט דזשעראַלד און באַווײַזט, ווי אַזוי איך רעד צו די פראַנצויזישע פאַרמער... יעדעס מאָל חזרט ער איבער דאָס זעלבע:

— „דעם־איט", מאָרי, פון אַזאַ רעדן וועסטו בײַ אונדז נאָך ווערן אַ קאַנדידאַט פאַר אַ „סעקשאָן עיט"! *

— גאָט באַהיט: אָן מאָרין וואָלט איך מײַן מאָגן געקענט אַרויפּציִען אויף אַ פידל...

— מײַנע קישקעס וואָלטן אַפילו נישט געטויגט פאַר קיין סטרונעס...

— יעס, פלאָט, דאַרפסט האַלטן אָן אויג אויף דער ציג — זאָגט דער לייטענאַנט.

שטייען מיר פאַר די אויגן מײַנע באַקאַנטע וואָס מאָרגן וועלן מיר זיך צעשיידן. אַ נאָגנדיקע איינזאַמקייט באַפאַלט מיך אינעם פינצטערן גרוב... אין שטאָט, אין נאָרמאַלן לעבן, קאָן מען נישט אין יאָרן אַזוי דערקענען דעם מענטש, ווי מ'דערקענט אים אין איין טאָג אין אַ „פאָקס־האָל"...

---

* „סעקשאָן עיט" — אַראָפּ פון זינען.

אַ פראַגע ברענט מיר אויפן גומען:

— וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען?

— וועלן מיר לעבן בלייַבן?...

פּאָול איז אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט ווייַסע ברעמען און פאַרכמורעטע אויגן. אין זייַנע פיר צענדליק יאָר האָט פּאָול צופיל „פאַרזוכט" פונעם פלעשל... זייַנע אויגן טראָגן דעם סימן פון ביטערן טראָפּן. בעת מיר רעדן וועגן ברויט מיט פּוטער, (עסן איז כמעט די איינציקע טעמע...) פאַרגעסט נישט פּאָול צו דערמאָנען — בראָנפן... צעעפנט אַזש דאָס מויל, ווי אַ פיש אויפן ברעג. ער איז אַ מעסטער-סאַרדזשענט און דענקט, אַז מיליטער-דינסט וועט ווערן זייַן פּראָפעסיע. ווער ס'וויל נישט אַרבעטן, זייַן פרייַ פון דאגות-פרנסה, בלייַבט בייַ אָנקל סעם אויף קעסט. פּאָול איז פון דעם קאַליבער... אין די אָוונטן זעט מען אים זעלטן אָן אַ שטרוי, אָדער אַ פאַרטריקנט צווייַגל אין מויל. ער האָט שוין באַצאָלט אַ שטראָף פאַר רויכערן אין פעלד בייַנאַכט. זינט דעמאָלט האָט אַ שטרוי, אָדער צווייַגל, פאַרביטן זייַן סיגאַרעט, כאָטש מ'קאָן יאָ רויכערן בייַנאַכט, אויב מ'דעקט זיך גוט איבער מיטן רעגנמאַנטל.

באַרנעט, אונדזער לייטענאַנט, איז נאָך גאָר אַ יונגער: קוים צוויי-און-צוואַנציק יאָר. פאַרמאָגט אַ קורץ, פאַרריסן נעזל און בלאָנד-געקרויזטע האָר. ער איז הויך, שלאַנק און פלינק. איז דער ערשטער געשפּרונגען פון שיפל, ווייַט פון נאָרמאַנדי ברעג... ווי אַ הירש איז ער געלאָפן אויף דעם צעפאַלמעסטן באַרג, געפירט אונדז צום וואַלד. זעלטן לייגט ער זיך שלאָפן איידער ער באַזוכט עטלעכע „פאָקס-האָלס". דערפאַר איז ער באַליבט בייַ יעדן אין דער קאָמפּאַניע. זייַנער אַ באַפעל, אַגב נישט אין דעם קאַזיאָנעם טאָן, ווערט אויגן-בליק דורכגעפירט. ער איז נישט מער ווי אַ צווייטער לייטענאַנט, דאָך איז דאָ פאַררעכנט זייַן וואָרט, ווי פון איינעם מיט אַ „טשיקן" אויפן קאַלנער:

— יעס, סער, לוטענענט.

— נאָ סער, לוטענענט.

— יעס סער —

סאַרדזשענט דזשעראַלד איז הייַנט נישט דער זעלבער ווי איך האָב אים אַמאָל געקענט. אַ מענטש איז ווי אַ פלאַנץ וואָס ווערט אָפּט פאַר-

וואַקסן צווישן ווילדגראָז און דערנער... דזשעראַלד איז געוואַקסן אין דער סאַוטה, דער פלעק אויף אונדזער פאָן. אַמאָל, ווען דער מענטש וועט שוין זײַן פרײַ, וועט מען אין געשיכטע־ביכער נאָך אַלץ לייענען וועגן דעם פלעק אויף אונדזער פאָן: לינטשינג!

אין ענגלאַנד, אין אַ געמויערטן באַראַק נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך געטראָפן דזשעראַלדן. נאָך איידער איך האָב זײַן נאָמען געוווּסט האָב איך אים שוין געהאַסט ווי דעם טויט. ער מיך — נישט ווינציקער... ס׳האָט איין מאָל געהאַלטן בײַ אַ געשלעג... כ׳האָב נישט געוווּסט אַז סאַרדזשענט דזשעראַלד וועט ווערן מײַן פּלאַטון־לידער. כאָטש ווען איך ווייס דאָס יאָ, וואָלט איך אויך נישט פאַרשוויגן די צעבושעוועטע יונגען וואָס האָבן געזען ענגלישע לעידיס שפּאַצירן מיט „ניגערס". פון שטיין אָדער שטאָל האָט מען געדאַרפט זײַן נישט צו ענטפערן אויף זייערע „טעאָריעס"... בײַנאַכט, בשעת זיי זענען צוריקגעקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, האָט געגליט די סטעליע פון שמוציקן באַראַק. אַ זײַטיקער וואָלט געקענט מיינען, אַז זיי זענען דורכגעשווומען דעם אַטלאַנטיק מיט איין הייליקן צוועק: — לינטשן די נעגערשע זעלנער צוזאַמען מיט די „ליימיס"...

רוגזהדיק איז דזשעראַלד אַראָפּגעשפּרונגען פון שמאָלן, צעדרימזשעטן בעטל:

— סעי, „ניגער־לאַווער", דו וואָלסט געוואָלט אַז דײַן שוועסטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ ניגער?

זײַן „קלאַסישע פּראַגע" האָב איך שוין געהערט אַמאָל טויזנט... אויך אַ שטיקל „ברעס" * האָט מיך שוין אַמאָל דאָס זעלבע געפרעגט:

מײַן בליק האָט געמאָסטן דעם האַלב־נאַקעטן דזשעראַלדן וואָס איז געבליבן שטיין זיגעריש: ער האָט מיך געפּאַקט; מיך צוגעדריקט צו דער וואַנט...

— סעי, מיסטער לינטשער, דיך וואָלט איך אודאי נישט געוואָלט פאַר קיין שוואָגער...

---

* „ברעס" — אָפיציר.

אַ געזאָלצענע באַמערקונג פון אַ צווייטן זעלנער, אויף דזשעראַלדס חשבון, האָט אים נאָך מער צערייצט. ער איז צוגעלאָפן צו די הויזן־קעשענעס און אַרויסגעשלעפּט דאָס זילבערנע קייטעלע מיטן בונט שליסלען. זיך באַרימט מיטן סוווענירן — אַ קויטיק שטריקל:

— דער ניגער וועט שוין מער נישט אַטאַקירן ווײַסע פרויען...

אין באַראַק איז פּלוצים געוואָרן שטיל. די זעלנער וואָס זענען שוין געלעגן אין די שמאָלע, צעדרימזשעטע בעטלעך, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. עטלעכע האָבן גענומען שפּאַנען, ווי באַרוועסע אויף גלאָז... מיך האָט געוואָרגן דער אָטעם — אָט זע איך אַ סימן פון קרבנס האָלדז... דער צעיושעטער מאָב צעשנײַדט דעם שטריק, מע טיילט זיך מיט סוווענירס —

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך האָב דעמלט גערעדט צו די זעלנער, נאָר מײַנע רייד, דאַכט זיך, ווי באַנדאַזשן פאַר אַ יאַטערדיקער ווונד. די ווונד האָב איך דערפילט נישט נאָר אין איין באַראַק, כאָטש מ׳האָט זיך נישט געגרייסט מיט די „סוווענירס“.

אין דזשעראַלדס מוח האָבן מסתּמא אָנגעקלאַפּט עטלעכע פון מײַנע ווערטער. אפשר זיך גוט אײַנגעקריצט אין זײַן זכרון... עפּעס האָט זיך אין אים אַ ריר געטאָן. ער פלעגט מיר כּסדר נאָכקוקן און שווײַגן, קוקן און שווײַגן. איין מאָל איז ער צוגעקומען בעטן בײַ מיר אַ סיגאַרעט און מיר שיין באַדאַנקט; מיר פאַרגעשלאָגן זײַן באַרשט פאַר מײַנע שיך און ס׳שפּיגעלע פאַר ראַזירן. ווען דזשעראַלד איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּלאַטון־לידער האָט ער נאָכן פאַרשרײַבן מײַן פולן נאָמען אָנגעפאַנגען צו מיר רעדן — גוט ברודעריש.

— נאָ, פאַרזוך מײַן קײַטאַבאַק און טראַכט וועגן שאָקאָלאַד...

אויף דער שיף איז דזשעראַלדס בעטל געהאָנגען לעבן מײַנס. זײַן פולער זאַק — אויף דער פאָליצע לעבן מײַנעם. ווען ער האָט גענומען אוילן זײַן ביקס האָט ער אויך נישט פאַרגעסן אָן מײַנער. איך בין געווען דער איינציקער וועמען ער האָט אָנגעטרויט זײַן פעלד־שפּאַקטיוו.

— קוק, ברודערל, אפשר וועסטו דערזען ברוקלין...

— ווילסט פאָרן קיין ברוקלין?

— וויל שוין בעסער נאָרמאַנדי איידער דײַן ברוקלין...

אויף דער „לעאָפּאָלד" — אַ בעלגישע שיף מיט אַמעריקאַנער מאַשין־ביקסן און ענגלישע קאַנאָנען, איז פרענקלין געווען דער איינציקער מאַטראָס וואָס האָט פאַרשטאַנען ענגליש. דזשעראַלד פלעגט שטיין אין אַ זייַט, בשעת איך פלעג רעדן מיטן נעגערשן מאַטראָס, פרעגן ביַי אים די „לעצטע נייַעס":

— ווי לאַנג וועט נאָך דויערן דער וואַיאַזש?

— פאַרוואָס דערלויבט מען אונדז נאָר עטלעכע שעה אויפן דעק?

— וויפל „דזשעריס" זענען נעכטן געווען? מיר האָבן דאָך לאַנג געהערט „רעדן" די מאַשין־ביקסן...

— וויפל —

נישט אַלע פראַגעס האָט פרענקלין פאַרענטפערט. ס'האָט אַפילו נישט געהאָלפן מייַן מתּנה — סיגאַרעטן... פרענקלין פלעגט וויַיזן זייַנע פערלדיקע ציין, געלאַכט מיט אַ ברוסטיק געלעכטער, ווי אַ כוואַליע אין שטורעם:

— ...דאָס קאָן איך נישט זאָגן, וועסט זיך שוין דערוויסן...

נאָך אַ שמועס מיט פרענקלינען פלעגט דזשעראַלד באַמערקן:

— „דעם־איט", דער ניגער זאָגט נישט אַלץ וואָס ער ווייסט...

— מיינסט אַז ער איז אַ יאָלד?

— „העל־נאָ"! דער ניגער איז ווי אַ פוקס. מען קאָן זיי אָבער נישט געטרויען... איך ווייס, מאַרי, דו דענקסט וועגן ניגערס גאָר אַנדערש. איך —

וואָס האָט דער צעשראָקענער דזשעראַלד געטראַכט וועגן „ניגער" וואָס האָט אים געראַטעוועט? אין צאַפּלדיקן פיבער איז ער געשטאַנען ביַי מייַן בעטל און דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אויפן דעק... גערעדט שנעל, ווי ווערטער וואָלטן זיַין צונג געברענט... אין זייַנע קאַנוואָלסיווע פינגער האָט זיך געטרייסלט אַ גרין פּאַפּירל, אַ באַלוינונג פאַר פרענקלינען:

קום, מאַרי, מיט מיר אויפן דעק. גיב אים די פינף דאָלאַר. נאַ, נעם אויך די סיגאַרעטן. זאָג אים ——

— דזשעראַלד, וועסט טאָן וואָס איך וועל דיר הייסן?

— ?!

— געלט וועט נישט באַלוינען. דאַרפסט אָפּצאָלן מיט מער ווי עטלעכע דאָלאַר און צוויי פּעקלעך סיגאַרעטן. גיב אים — גיב אים — דאָס שטריקל וואָס דו האַלטסט אין קעשענע... דעם שטריק פון — — —

דזשעראַלד האָט געקוקט אויף מיר מיט אויפגעריסענע אויגן — זיי האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. אָפּנים, ער האָט פאַרשטאַנען מײַנע נישט־דערזאָגטע ווערטער — מיט זײַנע פעסטע אָרעמס מיך אָנגעפאַנגען רײַסן פון דעם הענגענדיקן בעטל:

— מאַרי, קום — קום מיט מיר אַרויף אויפן דעק —

*

אַן אויסגעהונגערטע מעווע האָט מאַיעסטעטיש אַראָפּגעשוועבט פון מאַסט, ווי אויפן וואַסער וואָלט געשווומען אַ גוטער ביסן... די מעווע האָט אָבער שנעל צעפּאַטשט אירע שניי־ווײַסע פליגל, ווי דערשראָקן פאַר סאַרדזשענט דזשעראַלד׳ס סוועניר...

(1946)



מאַרדזשי

1.

אין מיליטערישע טעקסטביכער איז דאָס נישט פאַרשריבן.

יאָ, אין מיליטערישע טעקסטביכער איז דאָס געוויס נישט פאַרשריבן, נאָר מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען:

יולי 2, 1944, נאָרמאַנדיע, פראַנקרײַך.

די דײַטשן זיגן בײַ סאַן־לאָ. מיר זענען אין אַ „פּינצער״־געפּאַר.

קיינער האָט אונדז נישט איבערגעגעבן די „לעצטע נײַעס״ פון פראָנט. נאָר כמעט יעדער זעלנער האָט געוווּסט, דערפילט וווּהין מיר שפּאַנען.

אַ גאַנצן טאָג האָט געפּליוכעט, ווי די נאָרמאַנדיער וואָלקנס וואָלטן אויסגעטרונקען אַלע ימען! דאָס העמד — אַ נאַסע פעל אויפן לײַב! אויבן זומפּן און בלאָטעס וועט מען אַמאָל אויסשטעלן אין אַ קאָנקורס, וועלן נאָרמאַנדיס שמאָלע וועגן געווינען די ערשטע פּרעמיע. די עדות: טראָקס (לאַסט־אויטאָס), טאַנקען, און — מיליאָנען פּאָר זעלנערשע שיך!

פאַרנאַכט איז געקומען דער באַפעל: רוען. מיר האָבן זיך דעמלט געפונען לעבן אַ שיטער סאָסנאָווע וועלדל, ווו די „בעסטע פּלעצער״ זענען שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַנדערע קאָמפּאַניעס.

דעם טעם פון מידקייט, נאָך „שפּאַצירן״ אַ 20־30 מײַל אַ טאָג, האָב איך נישט איין מאָל געפילט. נאָר איצט — ווי מײַנע אָדערן וואָלטן געפּלאַצט! געבענטשט זאָלן זײַן די נאַסע גראָזן, דאָס שטיקל צעווייקטע ערד, ווו ס׳רוט מײַן אויסגעשעפּטער גוף!

אַ באַקאַנטער פײַף, ווי אַ בײַטש וואָלט דיר אַ סמאַליע געטאָן איבער די אויערן. מיר זענען שוין אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן רינג, ווו ס׳געפינט זיך מאַיאָר טשעסטונאַט, ערשטער לייטענאַנט בערי און צווייטער לייטענאַנט באַרנעט. דער באַפעל איז קורץ און שאַרף: זיך גרייטן אַ בעט, גראָבן „פאָקסהאָלס״ (טראַנשייען).

כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געהערט אַזאַ שטרענג־באַפעלערישן טאָן פון מאַיאָר טשעסטונאַט. דאַכט זיך, די שרעק אין אים האָט זײַן קול געביטן. אָט האָבן מיר נאָר־וואָס געזען, ווי ער קריגט אַ באַפעל פון אַ העכער שטיקל „ברעס", וואָס איז אָנגעקומען אין אַן אויסגעשמירטן „דזשיפּ".

— יעס, סער!

סאַרדזשענט דזשעראַלד איז אונדזער פּלאַטון־פירער. דעם באַפעל קריגט ער פון לייטענאַנט בערי:

אַ ראַפּאָרט, ווען דײַן גרופּע וועט שוין זײַן אין די „פּאָקס־האָלס"!

— יעס, סער!

איך בין דער ערשטער, וואָס שלעפּט זיך קוים נאָך סאַרדזשענט דזשעראַלד.

לויט דעם „שאָס" פון אַ ווינקל מויל, זײַן באַרימט שפּײַעלע, ווייס איך שוין די שטימונג פון מײַן גוטן באַקאַנטן.

— סאַרדזש, וואָס זאָגסטו?

נישט צו מיר איז געווענדט זײַן בליק, נאָר אַהין, וווּ ס'איז געבליבן שטיין די „ברעס".

— „דעם־איט". פאַרוואָס בין איך נישט געבוירן געוואָרן קיין „מאַנקי"! *

דער רעגן האָט געהאָלפן גרייטן אַ ווייך געלעגער. די שוואַרצע, פעטע נאָרמאַנדיע־ערד שנײַדט זיך ווי צעוואַרעמטע סמאַלע. מײַן בעט גראָב איך נישט אַליין: אוירלי ראָבסאָן, דער פאַרמער־יונג פון טעקסאַס, באַט זיך אָן צו ווערן מײַן „רום־מעיט" (שכן, מיטשלאָפער).

— מיט פאַרגעניגן, באַי!

איך העלף אים אויסשפּרייטן דעם „האַלבן דאַך", וואָס יעדער זעלנער טראָגט אויף די פּלייצעס. די קאָלדרע האָט ער פאַרלוירן אויפן וועג. דאַכט זיך, איך בין דער איינציקער, וואָס האָט דערשלעפּט די קאָלדרע אײַנגעוויקלט אינעם האַלבן דאַך פאַרן „פּאָקס־האָל".

✶

---

* „מאַנקי" — מאַלפּע.

מעג די ערד זײַן פעט און זאַפטיק, דאָך וואַרעמט זי אין זיך שטיינער. אין די נאָרמאַנדיע־גריבער זענען אָבער געלעגן שטיינער, וואָס פאַרמאָגן הענט און פיס, אויגן און אויערן, הערצער וואָס אָטעמען.

די נאָרמאַנדיע־ערד האָט נישט איין מאָל אין זיך אײַנגעזאַפּט די מידקייט פון זעלנער.

אוירלי ראַבסאָן, מײַן נײַסטער שכן, האָט דער ערשטער זיך צעוועקט:

— העי פלאָט, — האָט ער מײַן בלאָטיקן שוך געריסן — ס׳רעגנט מער נישט!

דורך אַ שפּאַרע פון אונדזער שותּפותדיקן דאָך האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ פּאַס זון, ווי אַן אָנגעגליטע שווערד. שוין לאַנג, אַפּנים, אַז די זון האָט אין די „פאָקס־האָלס״ אָנגעזאָגט דעם „גוט־מאָרגן״. פונעם „גוט־מאָרגן״ איז אַזש מײַן לינקע באַק און אַ האַלבער אויער נישקשהדיק צעגליט. אוירליס אָפּגעצערט פּנים האָט די זון ווי אָפּגעבראָטן. מיט זײַנע דאַרע, לאַנגע פינגער הייבט ער אַן באַטאַפּן זײַן צעפלאַמט פּנים און לאָזט אויס דעם כּעס צו פּיטמאַנען, אונדזער „מעס״־סאַרדזשענט:

— ווען דער לויזיקער פּיטמאַן וואָלט כאָטש אַזוי געקאָכט, ווי די זון באַקט!

נישט נאָר דעם פרישטיק, נאָר אויך דעם מיטאָג זענען מיר פאַר־שלאָפן. אוירלי האָט געזידלט און געשאָלטן אונדזער מעס־סאַרדזשענט.

— דער פעטער סאַנאָוואָביטש וועט שוין אַלץ אַרײַנפּרעסן!

אוירלי צעשרויפט זײַנע דינע, בלויע ליפּלעך וועגן מעס־סאַרדזשענט, וואָס גרייט אונדזערע וואָזשנע מאכלים, כאָטש זעלטן פלעגט מען אים זען אין דער ריי בײַ דער פעלד־קיך. די פאַרציעס („רעישאָנס״), וואָס פאַרמאָגן די „בעסטע וויטאַמינען״, לעבן מער נישט בשלום מיט זײַן מאָגן.

דאַכט זיך, אַז אוירלי האָט פאַרפאַסט אויפן ענגלישן קאַנאַל: יענע רײַזע האָט ער אויסגעצאַפּלט מיט די הויזן אין די הענט...

דאָס שיטערע, סאָסנאָווע וועלדל האָט געזשומעט ווי אַ בינשטאָק. ס׳איז שוין קלאָר די שלעכטע נײַעס פון סאַן־לאָ. אַהין, צום פראָנט, שפּאַנט קאָמפּאַני נאָך קאָמפּאַני. און די וואָס שטייען מיט די ביקסן און גאַז־מאַסקעס, וואַרטן אויפן באַפעל, אוירלי און איך פאַרגעסן אין הונגער.

— ווו איז אונדזער קאָמפּאַני ?

אויפן בערגל, בײַם סוף פונעם סאָסנאָווע וועלדל, וואָס פירט צום שייד־וועג, באַמערק איך אונדזער פּלאַטון־פירער, וואָס צעקעמט דעם אָרום מיטן פעלד־שפּאַקטיוו.

— העי, סאַרדזש !

אוירלי פּרוווט מיך אַריבעריאָגן. ער איז דער זיגער. סאַרדזשענט דזשעראָלד לויפט אונדז אַנטקעגן :

— „דעם־איט", צום טײַוול מיט אײַך ביידע !

איך פּרווו צערײַבן זײַן בייזקייט :

— דזשעראָלד, האָסט אונדז געזוכט ? געוויס האָסטו אַנגעגרייט אַ געבראָטן הינדל. טראַכסט אַוודאי, אַז מיר זענען הונגעריק ?

זײַן באַרימט שפּײַעלע פון ווינקל מויל, לאָזט מיר וויסן, אַז ער איז איצט נישט גרייט צו שפּאַסן. דאַכט זיך, איך באַמערק אויף זײַן פּנים קנייטשן, סימנים פון זאָרג, שרעק, אָדער ביידע.

— דזשעראָלד —

— פלאָט ! — שנײַדט ער איבער מײַן זאַץ — כ'וויל דיר זאָגן, אַז — — —

— וואָס ? !

ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל באַמערקט אוירלין, אַזוי מעסט ער אים איצט אָפּ. ווײַזט אויס, עפּעס וויל ער זיך טיילן נאָר מיט מיר, כאָטש אוירלי איז אויך אין זײַן פּלאַטון. אוירלי שאַצט־אָפּ די סיטואַציע : ער הייבט אָן אָוועקשפּאַנען. דזשעראָלד שטעלט אים אָפּ.

— מעגסט בלײַבן. כ'וויל זאָלסט אויך וויסן : מיר בלײַבן דאָ. די הײַנטיקע נאַכט באַשטימט. אפשר וועט נאָך קומען אַ נײַער באַפעל. לייטענאַנט באַרנעט וועט אונדז לאָזן וויסן.

— לייטענאַנט באַרנעט ?

— יעס, אונדזער נײַער קאָמפּאַני־קאָמאַנדיר.

איך גלייב נישט מײַנע אויערן.

— ווו איז מעדזשאָר טשעסטונאָט און לייטענאַנט בערי ?

— וועסט וויסן. אויב — —

— וואָס ?

— אויב וועסט גראָבן אַ טיפן „פאָקס־האָל״.

— ?!

— יעס, קאָמפּאַני „די״ האָט פאַרלוירן פינעף. היטלערס „סנאַיפּערס״ שלאָפן נישט ביינאַכט!

אין שיטערן וועלדל פעלט נישט קיין לופט, נאָר מיין אָטעם ווערט פּלוצים פאַרשרויפט: „פינעף זעלנער פון קאָמפּאַני „די״. איך קען דאָך כמעט יעדן פון יענער קאָמפּאַני. איזי פעלדמאַן, דער יונגער יאַט, איז דאָך פון יענער קאָמפּאַני. דער שטאָלענער העלמעט ווערט ווי צעגליט אויף מיין קאָפּ. קאָמפּאַני „די״ איז פעלדמאַנס קאָמפּאַני ———

די הויכע גראָזן זענען ווי בייטשן איבער מיינע פיס. אוירלי לויפט מיר נאָך. סאַרדזשענט דזשעראַלד, מיין פּלאַטון־פירער, האָט נישט געזאָגט קיין ליגן: אָט ליגן פינעף זעלנער, איינגעוויקלטע אין זעק. די העלמעטס, ביקסן און גאַז־מאַסקעס — צוקאָפּנס. מיינע צאַפּלדיקע פינגער פיבערן ביים אויפשפּיליען די גאַז־מאַסקע: זוכן אַ נאָמען. ביי דער דריטער צעעפנטער טאָרבע ווערן מיינע הענט פאַרשטאַרט ———

— איזי! יונגער, ווילער יאַט!

2.

ביים געזעגענען זיך מיטן טאָג, האָט די זון אַ פּאַס הימל צעבלוטיקט. אפשר האָבן די קוילן אויף ס׳האַרץ פון דער זון צעלעכערט? עראָפּלאַנען צעזעגן די וואָלקנס, וואָס שווימען אַרום דער זון ווי ברענענדיקע שיפן. יעדע ווייל גיבן די ביימער אַזש אַ ציטער: סיגנאַלן אויף ביינאַכטיקן „אָרקעסטער״ ———

סאַרדזשענט דזשעראַלד האָט פאָרגעשטעלט לייטענאַנט באַרנעט פאַר דער צוזאַמענגערופענער קאָמפּאַני:

— לייטענאַנט באַרנעט, אונדזער נייער קאָמפּאַני־קאָמאַנדיר.

ווי אַן איינגעשטודירטער כאָר זענען צוויי הונדערט זעלנער אַרויפגעשפּרונגען. יעדנס בליק — צום בערגל מיטן ריזיקן מאָכיקן שטיין, ווו לייטענאַנט באַרנעט קריכט אַרויף. אַ ווייל בלייבט ער שטיין ווי פאַרלוירן און פּרוווט אַרייַנהוסטן אין דער פויסט. לויט זיין באַוועג

אויף אַראָפּ, מיט דער רעכטער האַנט, זעצן זיך אַלע צוריק. איך זע ווי ס'צוקט זײַן לינקע באַק, די געציילטע ווערטער קרישלען זיך אויף באַרנעטס ליפּן.

געוויס, געוויס וועלן מיר אים פאָלגן: פון מעדיזשאָר טשעסטונאַט און ערשטן לייטענאַנט בערי, איז ער —צווייטער לייטענאַנט באַרנעט, דער באַליבטסטער. יעדער וועט היטן זײַן „בעסטן חבר": די ביקס און גאַז־מאַסקע. נישט רייכערן אין „פאָקס־האָל". נאָר פאַרוואָס ראַט ער יעדן גלײַך אָנשרײַבן אַ בריוו צו זײַנע נאָענטסטע? פאַרוואָס איז אים אַזוי שווער געוואָרן אַרויסצוברענגען דעם לעצטן זאַץ אויף די ליפּן? דער תּירוץ „כ'האָב געקראָגן אַ באַקאַנטן, וואָס וועט פירן די בריוו דירעקט צו דער שיף" צערינט, ווי דער טונקלבלויער, צעקאַרבטער וואָלקן איבער אונדזערע קעפּ. אָט האָבן עטלעכע ווערטער יעדן צעיאָגט אויף טויזנטער מײַל: „איז דאָס דער לעצטער בריוו צו די נאָענטסטע און ליבסטע"?

אוירלי האָט גענומען מער קאָנווערטן און שרײַב־פּאַפּיר, ווי ער האָט זיך פאַרמאָסטן. ער האָט קוים אָנגעשריבן די ערשטע שורה און גלײַך אָנגעהויבן בײַסן, גריזשען דעם בלײַפעדער. אויך מיר איז שווער איצט צו פאַרבינדן די זאַצן. איזי פעלדמאַן שטייט מיר פאַר די אויגן. איך געדענק אים נאָך פון דער היים. זײַן טאַטע־מאַמע — מײַנע טײַערע חברים. „האָט אַן אויג אויף מײַן בעיבי" — האָט זײַן מאַמע מיר גע־שריבן — „ער איז דער איינציקער אונדז געבליבן".

יאָ, איך געדענקט אויך זײַן עלטערן ברודער, סימאָן, וואָס איז פון שפּאַניע צוריק נישט געקומען. אַפּנים, אויפן שפּאַנישן פראָנט האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין נאַצישע קוילן.

שוין עטלעכע מאָל ווי איך הייב־אָן שרײַבן דעם ערשטן זאַץ און אויך איך גריזשע שוין דעם בלײַער, ווי אוירלי ראַבסאָן, וואָס זיצט בײַם „שוועל" פון אונדזער טיפן גרוב. ער רעדט אָן אַ שיעור. דערציילט פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, און פון זײַן געליבטער. קלאָר: אין מאַרדזשין איז ער פאַרליבט ביז איבער די אויערן! מאַרדזשי איז יונג און שטאַרק, וואַקסט אַ שיינהייט! זײַן יינגערן ברודער האָט ער אָנגעזאָגט אויפצופּאַסן אויף מאַרדזשין.

איך שטעל זיך פאָר מאַרדזשין, די דאַרפישע מויד, וואָס מײַן „רום־

מעיט״ איז אין איר פאַרליבט. ווייסט זי כאַטש, מאַרדזשי, מיט וואָס פאַראַ צאַרטער בענקשאַפט אוירלי רעדט איצט וועגן איר?

ס׳העלפט נישט מײַן בעטן זיך בײַ אוירלין, ער זאָל „פאַרשליסן די ביקס״, כאַטש אויף אַ צען מינוט, און נישט צעשנײַדן מײַנע געדאַנקען, וואָס כ׳פּרוּוו אויסדריקן אין געציילטע זאַצן. כ׳ווייס שוין, אַז קיין לאַנגן בריוו וועל איך איצט נישט שרײַבן. נישט שרײַבן מײַן פרוי דעם נאַקעטן אמת, וואָס זאָל קלינגען ווי אַ געזעגענונג־בריוו פון פראָנט.

אוירלי ראַבסאָן האָט זײַן בריוו נישט געענדיקט. כ׳זע ווי ער צעפּיצלט דאָס ברוינלעכע פּאַפּיר. ער הייבט אָן לייענען אַ אַלטן צע־קנייטשטן בריוו פון דער היים.

— זי איז שוין באַלד אַזוי הויך ווי מעק, מײַן ייִנגסטער ברודער — זאָגט ער מיר אָן די פריילעכע בשׂורה.

— מיינסט געוויס מאַרדזשין?

— יאָפּ! יאָפּ! יאָפּ! געטראָפן.

מ׳דאַרף טאַקע זײַן אַ גוואַלדאָוונער חכם צו וויסן וועמען ער מיינט. ס׳קלינגט מיר שוין אין די אויערן מיטן נאָמען פון זײַן געליבטער מאַרדזשי! עטלעכע מאָל פּרוּוו איך אים פאַרקערעווען אויף אַ צווייטער טעמע, נאָר ס׳געלינגט מיר נישט. אין די „פאָקס־האָל־פּאַלאַצן״ שוין געשלאָפן מיט פאַרשידענע „מיטשלאָפערס״, נאָר קיין מאָל נישט מיט אַזאַ הייס־פאַרליבטן.

איך לייג אַרויס די ביקס און גאַז־מאַסקע און הייב־אָן אַרויסקריכן פון גרוב.

— איך גיי אויפזוכן דעם „מעיל קלוירק״ (פּאָסטמאַן).

אוירלי פּרוּווט מיר פאַרשטעלן די „טיר״.

— סעי, פלאָט, ווילסט זי זען?

ער וואַרט נישט אויף מײַן ענטפער און דערלאַנגט מיר עטלעכע פאָטאָגראַפיעס.

— דײַן טאַטע און מאַמע?

— יאָפּ.

— די פאַרם?

— יאָפּ.

— דײַנע צוויי שוועסטער ?

— יאָפּ.

— דײַן ———

— דאָס איז מײַן עלטסטער ברודער און זײַן פרוי.

— און ווו איז מאַרדזשי ?

אין דעם „פאַמיליע־אַלבאָם" פעלט זײַן געליבטע. ער געפינט דאָס בילדל אין דער קעשענע פון דער טאָרבע פאַר דער גאַז־מאַסקע.

— אָט איז זי !

— ? !

— יאָפּ, דאָס איז מײַן יינגסטער ברודער, וואָס פּאַסט־אויף אויף מאַרדזשין.

שוין לאַנג, גאָר לאַנג, ווי איך האָב נישט אַזוי געלאַכט, געלאַכט אַזש ביז טרערן.

איך קוק נאָך אַ מאָל אויפן בילדל : אוירליס ברודערל שטייט לעבן אַ יונג קעלבל מיט אַן אויסגעשטערקטן האַלדז — מאַרדזשי ! איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אָט אַזוי קוקט אויס אוירליס געליבטע.

אוירלי קוקט אויף מיר, ווי כ׳וואָלט אַראָפּ פון זינען. ער בײַסט זײַן אונטערשטע ליפּ און פלעכט אויס פויסטן פון די לאַנגע, ביינערדיקע פינגער.

— גאָד־ד־דעם־איט !

זײַן בליק צעשנײַדט מײַן געלעכטער. ס׳פאַרדריסט מיך, וואָס כ׳האָב נישט קאָנטראָלירט מײַן געלעכטער. כ׳האָב דאָך זיכער נישט געמיינט ווי טאָן דעם פאַרמער־יונג, וואָס די גאַנצע בענקשאַפט האָט ער איצט אַרײַנגעבראַקט אין זײַן מאַרדזשין...

✶

אָנגעטאָענע ליגן מיר אינעם נײַסטן „בעט". מיר היטן דעם אָנזאָג : זײַן גרייט. די גאַז־מאַסקעס צוקאָפּנס, און בײַ דער זײַט — די געלאָדענע ביקס. יעדע ווײַל צעשיידט אַ בליץ די פינצטערניש. כ׳בין שוין צוגעוווינט צו אָט־אָ־די „בליצן" און צום שטעפּן פון די מאַשין־ביקסן, וואָס באַגריסן די נאַצישע עראָפּלאַנען. כ׳בין שוין צוגעוווינט צום אַרײַנפיר פונעם בײַנאַכטיקן אָרקעסטער. נאָר איצט זענען מיר נאָענט צום פראָנט.

צעיאָגטע מאָטאָרן פון טראַקס, טאַנקען און קאַנאָנען, צעפּאַלמעסן בײַם וועלדל דעם שמאָלן אויסגעטאָפּטשעטן וועג.

אוירלי ראַבסאָן איז מער נישט בייז פאַר מײַן לאַכן. בלעטלענדיק פון זײַן לעבן מישט ער פאַר מיר אײנעם שטאָק־פּינצטערן גרוב, און צעווײנט זיך ווי אַ קינד. ס׳איז מיר נאָר שווער צו גלייבן, אַז ער איז קוים 20 יאָר אַלט. נישט אויף יעדן לאָזט שווערע פּראַצע אַזוי שנעל די סימנים. די מלחמה, וואָס ער האַסט, דאַכט זיך, מער ווי וועלכער־עס־איז מענטש אויף דער וועלט, האָט צעשניטן זײַן חלום. מאָרדזשי האָט עס אים געדאַרפט „שטעלן אויף די פיס״. פון מאָרדזשיס דור־דורות פּלאַנעוועט ער אַנצוזאַמלען אַ פאַרמעגן.

שפּעט זענען מיר אַנטשלאָפן געוואָרן. אוירלי ראַבסאָן, דער פאַרמער־יונג פון טעקסאַס, מיט זײַן טרוים, אַז מאָרדזשי וועט אים ברענגען „אַ פאַרמעגן״, און איך, מיט אַ חלום פון אַ וועלט אָן „פּאַקס־האַלס״. פון גראָבן אָט־אָ־דעם קבר, דערפּיל איך איצט די מידקייט. אַ ווילדע מידקייט פון גראָבן פאַר זיך כּמעט יעדע נאַכט אַ צווייט געלעגער.

אַ קראַך, ווי דער הימל און ערד וואָלטן זיך צעשפּאָלטן, האָט אונדז אויפגעוועקט. דער קראַך איז געקומען מיט אַ שטיק פײַער, וואָס האָט אײַנגעוויקלט דעם אָרום. אַזאַ צעעפנטן פּיסק פון אַ קאַנאָן האָבן מיר ביז איצט נאָך נישט געהערט. אַזאַ צאַפּלדיקע שרעק האָט מיך נאָך קיין מאָל אַזוי נישט צעפּיבערט. די בהלה אין די גריבער איז ווי הייסע שפּיזן אין די אויערן. פונעם צווייטן און דריטן פײַערדיקן דונער האָבן די ביימער גענומען קראַכן.

אַ מינוט קאָן זײַן אַ יאָרהונדערט, ווען פון פּחד פאַרלירסטו יעדן קאָנטראָל איבער זיך. איך ווייס נישט ווי לאַנג עס האָט געדויערט, נאָר איך קריג צוריק דעם באַוווסטזײַן, און כ׳הייב־אָן טרייסטן זיך און אוירלין. מ׳טאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ, ווען אַפילו דער טויט בײַ דײַן שוועל צעעפנט דעם פּיסק.

אויך אוירלי איז ווי פאַראַליזירט פון שרעק. עפּעס הערן מיר באַפעלן, וואָס ווערן פאַרשלונגען אין קראַכן. האָט דער שונא אַנגעשטעלט אַלע קאַנאָנען אויף אונדזער וועלדל? פאַרוואָס שאַרן זיך די זעלנער אַרויס פון די גריבער? איז דאָס געווען דער באַפעל? איך פּרוּוו דער ערשטער

אַרויסקריכן פון גרוב און פאַל צוריק: אויף מײַנע פיס האָב איך נאָך נישט צוריקגעקראָגן דעם קאָנטראָל. איך פּרוּוו אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, און דערפיל די טויזקע גראָזן.

ווי ווערעם שאַרן מיר זיך אויף די בײַכער צום אָפענעם פעלד. מען האָט אונדז געלערנט אַזוי צו שאַרן זיך אויפן בויך אין צײַט פון אַזאַ געפאַר. ווער ס'וויל זיך אומקערן אַהיים, וועט נישט וואַגן אויפצושטעלן זיך און לויפן.

אוירלי שאַרט זיך נישט ווײַט פון מיר. ער האָט שוין אויפגעהערט וויינען. מיט מײַן שוך דערפיל איך זײַן טאַרבע, ווו ס'ליגט די גאַז־מאַסקע. איך דערפיל יעדע ווײַלע אַ „גלעט" פון אַ צווייטנס שוך; הונדערטער זעלנער שאַרן זיך אַרויס פון וועלדל: דער שונא האָט אויס־געפונען ווו מיר שלאָפן; איז דאָס אָפענע פעלד — זיכערער.

אַ קויל האָט מסתּמא אויפגעריסן גאַר נאָענט. אויך די ערד האָט אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן. דאָס ריטשען ווערט פאַרשטילט. האָט דער טויט עטלעכע העלדזער בײַם גאַרגל אָנגעכאַפּט? אַ רגע און ס'הייבט אָן רעגענען מיט זאַמד און מיט שטיינער — — —

דער שטאָלענער העלמעט איז ווי אַ מעסער אין מײַן נאַקן. ס'ווערט מיר קלאָר וואָס ס'איז נאַרוואָס פאַרגעקומען. כ'פּרוּוו אַ שאַר טאָן איין פוס אין דעם צווייטן: יאָ, איך בין נאָך גאַנץ! כ'שאַר זיך עטלעכע פוס צוריק, ווו ס'ליגט אוירלי. כ'הייב־אָן שעפּטשען צו אים, נאָר ער ענטפערט נישט. איך באַטאַפּ אים פאַמעלעך פון קאָפּ ביז פיס; ער איז גאַנץ! ער ליגט אויף די פּלייצעס און אָטעמט שווער.

אוירלי איז גאַנץ, נאָר ער ליגט ווי אַ שטיין. פאַמעלעך הייב איך אים אָן איבערדרייען, און קאָן נישט; ער ליגט ווי צוגענאָגלט צו דער ערד. כ'שאַר זיך עטלעכע שפּאַן צוריק, און מיט די פיס קלאַמער איך אײַן זײַנע פיס, ווי מען האָט אונדז געלערנט, און שלעפּ מײַן „רום־מעיט" אַרויס פון וועלדל.

ס'האָט אָנגעהויבן שאַרייען אויף טאָג. פאַמעלעך הייב איך אָן אויפהייבן דעם קאָפּ. כ'בין ווײַט פון וועלדל. מיר זענען אין צווייען לעבן אַ שמאָלער סטעזשקע.

אוירלי ליגט מיט אָפענע אויגן און אָטעמט נאָך שווער. כ'רעד צו

אים, נאָר זײַן מויל איז פאַרשלאָסן. האָט דאָס דונערן אים פאַרמאַראַטשעט? איצט קראַכט דאָך שוין זעלטענער. פאַרוואָס שווײַגט ער? פאַרוואָס זענען זײַנע אויגן אַזש פאַרלאָפן מיט בלוט? אויפן „שפּאַציר" האָט ער פאַרלוירן די ביקס און דעם שטאָלענעם העלמעט. כ'הייב־אָן אָפּווישן דעם זאַמד פון זײַן פּנים. זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן זענען צעקאַרבט ווי בײַ אַ זקן. זײַן שפּיציקע, באַוואַקסענע גאָמבע איז שאַרסטקע. מײַן בליק פאַרטשעפּעט זיך אין זײַן אַנטבלויזטן קאָפּ, און כ'גלייב נישט מײַנע אויגן; ער איז גרוי געוואָרן! אַ קאַלעמוטנע גרויקייט האָט זײַן פּנים באַקליידט.

אוירליס בלוט־פאַרלאָפענע אויגן ווילן מיר עפּעס זאָגן, בעת איך הייב־אָן מיט די פינגער קעמען זײַן קאָפּ; אפשר האָט זאַמד פאַרוואַנדלט זײַנע שוואַרצע האָר אין אַ קאַלעמוטנע גרויקייט? ניין, כ'האָב נישט געמאַכט קיין טעות, גרוי! דער קוים־צוואַנציק יאָריקער פאַרמער־יונג פון טעקסאַס איז פון דער צאַפּלדיקער שרעק גרוי געוואָרן! כ'זע ווי אוירליס אונטערשטע ליפּ בלוטיקט, צעבלוטיקט פון זײַנע אייגענע ציין.

יעדער זעלנער טראָגט מיט זיך אַ קאַנטין וואַסער בײַם קוילן־פּאַס. אַ שאָד, וואָס מיר ביידע האָבן געלאָזט אונדזערע קאַנטינען אין „פאָקס־האָל". מיט ווערטער קאָן איך אוירלין נישט אויפרײַסן פון זײַן שרעק. איך דערזע, אַז זעלנער שלעפּן זיך פון דער ווײַט. אפשר רופן נאָך הילף?

דער נײַער טאָג צעלויכט דאָס אָפענע פעלד. פון דער ווײַט זע איך אַ פאַרם־הויז, וואָס קוקט אויס ווי אַ קאַמופלאַזשירט געצעלט. נאָענט בײַם הויז שטייט אַ פיר־פיסיק באַשעפעניש.

איך שטעל זיך אויף די קני און הייב־אָן אויפהייבן אוירלין:

— אוירלי, אוירלי, קוק! זע נאָר וואָס דאָרט שטייט! דײַן פאַרם! דײַן מאַרדזשי! מאַרדזשי!

אוירליס בלוט־פאַרלאָפענע אויגן צערײַסן דעם אַרום. זײַן אָטעם — האַסטיקער. איצט האָב איך אים אויפגעהויבן פונעם נאַכטיקן קאָשמאַר. זײַנע פינגער — ווי שפּיזלען אין מײַן רעכטן אָרעם. נישט־קלאָרע ווערטער קרישלען זיך אויף זײַנע ליפּן. קלאָר איז מיר נאָר אַ נאָמען, וואָס ער שעפּטשעט:

— מאַר־דזשי? מאַרדזשי!!!

מאַדמואַזעל פוצי

יונגעביימער איז לײַכט איבערצופלאַנצן אַפילו ווען דער באָדן איז פול מיט שטיינער און דערנער: די וואָרצלען וועלן זיך צוטוליען צו יעדן שטויבעלע פון מאַמע־ערד — אַרײַנציִען דעם זאַפט — ווי אַן אויסגעהונגערט זויגלינג נאָגט דעם לעצטן טראָפּן פון מאַמעס ברוסט. טייל ביימער צעבליִען זיך: די זון באָדט אויס יעדעס צווײַגל און בלעטל — וואָרעמט אויס די רײַפע פּרוכט. עס טרעפט אויך, אַז אַן איבערגעפלאַנצטער בוים קאָן די נײַע היים נישט פאַרנעמען, ער הייבט אָן טריקענען — קאַרטשעט זיך אײַן און שטאַרבט פאַר דער צײַט — צווישן די שטיינער און דערנער בלײַבט דער אָפענער קבר...

נאָר ווער ס'האָט אין נאָרמאַנדי פאַר זיך געגראָבן אַ „פאָקס־האָל", אַ שוץ־גרוב, איז אַן עדות, אַז די ערד איז כמעט באַפרײַט פון שטיינער און דערנער.

ניק קאָלאָווסקי איז געווען פון די ערשטע זעלנער, וואָס האָט דאָרט אַנטדעקט אַ זומפּ, נישט ווײַט פונעם פעלד מיט די „פאָקס־האָלס", וווּ ער איז געלאָפן זיך אָפּקילן — לעשן זײַן יונג בלוט. נאָכן ערשטן „וויזיט" איז ער געקומען צולויפן אַ דערפרישטער, אַ דורכגעווייקטער, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ שווים אינעם ענגלישן קאַנאַל.

— „סעיפ ליסן יו גאַיס!" (העי, הערט חברה־לײַט) — איז זײַן קול געוואָרן באַפעלעריש, ווי ער וואָלט געווען אַ קאַפּיטאַן, וואָס גיט די לעצטע אינסטרוקציעס צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע — איר ווייסט כאָטש וואָס איך האָב אַנטדעקט?

אויפן בערגל בײַם „טויער", ווו די געדיכטע, גראָבע צווײַגן פון די צוויי אַלטע ביימער וואָס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַ פאַרשפּיצטן דאַך — ווי אַ הויז אָן ווענט, — איז ניק קאָלאָווסקי געבליבן שטיין. אויף זײַן ברייטן, פון זון־פאַרברוינטן שטערן, האָט דער קאַשטאַנער לאָק, ווי אַ לויזע ספּרוזשינע זיך געוויגט אַהין־און־צוריק. זײַנע ליכטיק־

ברוינע אויגן, אָפּט צעלויכטענע מיט ווויל־יונגערישקייט, איצט — פאַרלאָפענע מיט אַ מאַטן גלאַנץ, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס זיך אָנגעטרונקען מיט ביליקסטן בראָנפן. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן מיטן „ליסן יו גאָיס" און משונהדיק צעוויגט כמעט יעדן גליד פון זײַן מאַסיוון קערפּער:

— אונדזער מאַרלין דיטריכס שעיפּ (פיגור) קומט נישט צו מײַן שערי (טייערע) — די מאַדמואַזעל פּוצי! פאַר צוויי פּעקלעך סיגאַרעטן בין איך מיט איר אין גן־עדן! און פאַר אַן עקסטרע פּעקל — אָ, באָ־אָ־באָי — אַ וואָיאַזש אַרום דער וועלט!

ניק האָט אַרײַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון די צעקנייטשטע, ברודיקע הויזן און דורך זײַנע ברייטע, שניי־ווײַסע ציין האָט זיך דורכגעריסן אַ שאַרף, אָפּגעהאַקט פײַפן. יעדער פײַף, דאַכט זיך, איז ווי געבליבן הענגען אין דער הייסער לופט ווי אַ פראַגע־צייכן: — „נו, חברה־לייט?!"

— איך וועל געבן דײַן „שערי" 10 פּעקלעך סיגאַרעטן נאָר פאַר איין סאָרט וואָיאַזש — אַהיים.

אַ הילכיק געלעכטער האָט זיך צעקלונגען אויפן פעלד.

די זעלנער זענען שוין צוגעוווינט צו ניקס מעשיות. ס'וועט קיינער נישט שווערן פאַר זייער אויטענטישקייט; דאָך האָבן טייל דערפילט אַ צאַפּל — ווי צעטאָפּטשעטע גראָזן וואָלטן פּלוצעם אָנגעהויבן ברענען די פאַרשטויבטע זעלנערשע שיך: אפשר? האָט אפשר טאַקע ניק קאַלאָווסקי אַנטדעקט אַ „גן־עדן" — וואָס מ'קאָן זיך אײַנהאַנדלען פאַר צוויי פּעקלעך פּאַפּיראָסן? פון די פאַרשידענע „גוירלס" — וואָס הענגען כמעט אין יעדנס „פּאָקס־האָל" — איז אפשר אַרויסגעשפּרונגען אַ לעבעדיקע — אַ מאַדמואַזעל פּוצי?...

נאָך אויף דער שיף — אויפן ענגלישן קאַנאַל — עטלעכע טעג נאָך דער אינוואַזיע האָט ניק פאַרמאָגט נאָר איין טעמע — פ ר ו י ע ן. ביז אין דער שפּעטער נאַכט האָט זײַן מויל נישט גערוט! פאַריאָגט דעם שלאָף. אַ צענדליק „געליבטע" האָט ער אויסגעטאָן נאַקעט. זײַנע בילדלעכע געפּעפערטע רייד האָבן גערייצט — געבראַכט די נאַקעטקייט נאָענט צו די זעלנערישע בעטן. אָט די „בעטן", וואָס זענען געהאָנגען צוגעבונדן צו די פאַרזשאַווערטע סקריפּענדיקע קייטן.

— שאַט אַפּ! — (שווײַג!) האָט זיך צערעוועט פּיל לאַנערס, אויף אַ קוילן־גרעבער, — שאַט אַפּ! דײַנע נקבות לאָזן מיך נישט שלאָפן!

טאָני קאַזאַרי וואָס פאַרמאָגט שוין דעם טיטל: „דהי סמאַרט גאַי פראָם ברוקלין" („דער קלוגינקער פון ברוקלין") האָט אויך נישט געשוויגן. שווײַגן איז נישט זײַן טבע. ווו צוויי איז ער אַ דריטער... אין „בעט", אָן דיברילן אויף זײַן שפּיציק נעזל, פאַרזשמורעט ער די קורצזיכטיקע אייגעלעך; כאַפּט אָן אַ קייט צוקאָפּנס מיטן קורצן הענטל און לאָזט הערן זײַן דין, קרייענדיק שטימעלע:

— דער פאַרדאַמטער קוילנגרעבער וואָלט אַ קאַץ אויף פאַרטשעפּעט.

אויך דער „דאָקטאָר" פון באָסטאָן, הערי באַראַנאָוויטש, וואָס איז תמיד גרייט צו שטעלן זײַן דיאַגנאָז אויף יעדעס ברעקעלע און פינטעלע, וואַרפט אַרײַן אַ פראַגע:

— סעי, לאָ־ווער־באַי — ציילט ער די זילבן פונעם וואָרט „געליבטן"

— געדענקסט כאַטש ווען דו האָסט אַרײַנגעשפּאַנט אינעם פּרויעשן גן־עדן? וויפל, אַשטייגער, ביזטו דאָן אַלט געווען?

— קוים 14 יאָר געטראָגן אויף די פּלייצעס, — ענטפערט ניק און בלײַבט זיצן אויפן הענגענדיקן געלעגער.

אויף ניקס האַלב־נאַקעטן קערפּער האָבן זיך אָנגעהויבן צו וויקלען אַן אַ שיעור צעגליטע פעדים: ווי אײַנגעוואַקסן אינעם ווינקל פון דער שטאָלענער טיר האָט געבלישטשעט אַ רויט לעמפּעלע. רויטע פעדים האָבן זיך געשלענגלט צו דער טיפעניש פון דער צעוויגטער שיף.

האַלב נאַקעט, מיט אַראָפּגעהאַנגענע פּיס, וואָס האָבן אָנגערירט דעם „דאַך" פונעם צווייטנס „בעטל", האָט ניק אָנגעהויבן דערציילן:

— סוזי האָט זי געהייסן: מרס. לענאַרד וההאַיט. זי איז געווען אַ „ביוטי" (שיינהייט), אַ „פּיטש און אַ ביטש!" זי האָט פאַרמאָגט געקרויזטע רויט־ברענענדיקע האַר, ווי זי וואָלט פאַרנאַרט די זון אויפן קאָפּ! צוויי בורשטינענע אויגן ווי פון אַן אויסגעהונגערטער קאַץ אויפן פּלויט! נאָר רויטע האַר האָט סוזי פאַרמאָגט בלויז אויפן קאָפּ... איך האָב דאָן אַזש פאַרלוירן דאָס לשון בשעת זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער זײַדענער קאָמאָנע און געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשיילטע באַנאַנע! מיר האָט זיך

געדאַכט, אַז איך זינק איין אינעם פוך־ווייַסן פעל, וואָס איז געלעגן ביי איר ברייט בעט.

— ווו האָסטו דאָס געלייענט, — קלינגט ווידער דאָס דין, קרייענדיק שטימעלע פונעם „סמאַרט גאַי פראָם ברוקלין" — ביי אייך דאָרט, אין סקרענטן, פּענסילווועניע, ביי די קוילנמיינערס, לייענט מען אַזעלכע מעשׂיות אין די זשורנאַלן? יאָפּ, אפשר האָסטו דאָס גאָר געזען אין די מוּוויס, וואָס ס'האָט געטראָפן מיט קלאַרק געיבל? יאָפּ, אפשר קומסטו גאָר פון האָליוווּד? באָיס, מיר האָבן דאָך קלאַרק געיבלען אויף דער שיף!...

ניק איגנאָרירט די באַמערקונגען. דאַכט זיך ער האָט אַפילו נישט געהערט טאָני קאַזיריס חוזקן. מיט ביידע ברייטע דלאָניעס, ווי לאָפּאַטעס, הייבט ער אָן צו רייַבן זיין הויכן, פעסט־געבויטן האַלדז, ווי פּלוצעם וואָלט אים עפּעס אָנגעהויבן צו וואַרגן. זיין וווּל־יונגערישקייט צערינט. זיין קול איז פּלוצעם פול געוואָרן מיט אויפגעוועקטן האַס:

— סוזיס מאַן, דער סאַנאָוואַביטש, איז שולדיק! ער האָט דערוואָרגן מיין טאַטן!... דער אַלטער טכויער האָט געוווּסט, אַז די מאַין איז פול מיט גאַז... מ'האָט אים געוואָרנט — געפּאָדערט צו פאַרהיטן דעם אומגליק... איך האָב געזען ווי מ'האָט אַרויסגעשלעפּט די דערוואָרגענע מיינערס... כ'ל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!... דער אַלטער אויסגע־טרוקנטער „בעטשלאָן", לעאָנאַרד וואַיט, האָט נאָר־וואָס געבראַכט סוזין, איידער די מאַין האָט אויפגעריסן. דריי טעג נאָך מיין טאַטנס לויה האָט זי נאָך מיר געשיקט. זי האָט מיך געזען ביי מיין טאַטנס אָפענעם אָרון. גערעדט מיט מיר עטלעכע ווערטער. זי איז געווען יונג, כמעט נאָך אַ קינד. מ'האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ מאַינערס אַ טאָכטער. אַנדערע האָבן געפּלאַפּלט — אַ פּראָסטיטוטקע פון סאַן פראַנציסקאָ: לעאָנאַרד וואַיט האָט זי דאָרט געטראָפן אין אַ הייזל. מאַלע וואָס ווייבער קענען אַלץ זאָגן! וואָס איך ווייס יאָ: סוזי איז געקומען ווי אַ שטורעם און אַוועק — ווי אַ פייער!

✶

פיל לאַנגערס איז געווען דער ערשטער עדות, וואָס האָט באַשטעטיקט ניקס „סטאָרי": ניק האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר דער מאַדמואַזעל פּוצי.

פיל איז ניקס גאָענטסטער פרײַנט — נאָך פון דער היים. פון זייער „פאָקס-האָל" הערט מען אָפט עטלעכע צעמזיקטע פּוילישע ווערטער. גאָר יונג האָבן ביידע אָנגעהויבן צו גראָבן דעם שוואַרצן בריליאַנט — קוילן.

פיל לאָנערס רייכערט נישט, נאָר ער פאַרמאָגט אַ היפּשן זאַפּאַס מיט „לאַקיס" און „קעמלס". נאָך איידער זײַן פּוס האָט באַטראָטן די פראַנ־צויזישע ערד האָט ער שוין געוווּסט, אַז פאַר אַ צענדליק פּעקלעך „קעמלס" קאָן מען אין פראַנקרײַך ווערן אַ מיליאָנער... אין די ענגלישע באַראַקן האָט אַ לץ פאַרשפּרייט אָט־די־אָ „לעצטע נייעס". נאָר דעם „מיליאָן" האָט ער פאַרלוירן: זײַן אָנגעפּראַפּטער „דאָבל-בעג" — דער שמאָלער זאַק מיטן זעלנערס באַגאַזש — איז געבליבן אויפן שיף. היטלערס עראָפּלאַנען זענען דאַן געקומען „באַגריסן" די שיפן... ווי יעדער זעלנער איז אויך פיל אַראָפּ מיטן „פול-פּעק" אויף די פּלייצעס ווו עס געפינט זיך דער האַלבער דאַך און די ווענט פאַרן „פאָקס-האָל" און די ביקס מיט דער גאַז־מאַסקע. דאָס אַלץ וואָס מ'האָט דערלויבט צו נעמען בײַם אַרײַנשפּרינגען — ווײַט פון ברעג — אינעם „דאָק" (אַזאַ שווימענדיקער טאַנק). ער איז נישט דער איינציקער וואָס פאַרמאָגט אַ פּאָר הויזן און אַ ברייטע בלוזע מיט אַ ריח פון צוגעפּוילטע פּעל... די „אימפּרעגנייטעד" הויזן און ברייטע בלוזעס האָט מען אויסגעטיילט אין ענגלאַנד: די כעמישע שטאָפן וואָס די „בלעכענע" קליידער פאַרמאָגן קאָנען פאַרהיטן דאָס לײַב פון אַ גאַז־אַטאַקע. נאָר אין דער ברוינער טאָרבע, ווו ס'ליגט גרייט די גאַז־מאַסקע — האָט פיל געפונען גענוג פּלאַץ פאַר די פּעקלעך „לאַקיס" און „קעמלס".

פיל לאָנערס האָט נאָך צוגעשמאָלצן צו ניקס „סטאָרי": אין אַן אמתן פּאַלאַץ וווינט ניקס „שערי". פּערסישע טעפּיכער ליגן אויפן דיל! בײַם קאַמין הענגען צוויי שווערדן מיט גאָלדענע הענטלעך! גענעראַלן האָבן איר געשאָנקען די אַנטיקן!... אויף די בײַכיקע קישנס, וואָס ליגן אויף דער ווייכער קאַנאַפּע, שלאָפן דרײַ לייבן מיט אַ יונג שעפּסעלע... מיט פאַרשידענע קאָלירטע וואָלענע פעדים האָט די מאַדמואַזעל, די לייבן אינעם פלוש אײַנגעשלעפּט... איבער איר ברייט בעט הענגען צוויי לאַנגע רעוואָלווערן: אַ סוווענירן פון אַ דועל — צוויי ענגלישע לאָרדן האָבן פאַרלוירן ס'לעבן איבער דער מאַדמואַזעל פּוצי!

יעדער נײַער „גאַסט", וואָס ניק האָט מיטגענומען, האָט עפּעס נײַעס אויסגעפּאַנטאַזירט — געררייצט די איבעריקע וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט ס'ביסל „גליק". אַ פול פעקל פּאַפּיראָסן איז געוואָרן מיט גאָלד צוגלײַך... מ'האָט דאָ נישט אויסגעטיילט די פּאָרציע, וואָס ס'קריגן זעלנער אין אַ רעגולאַרער קאָמפּאַניע: די־אַ זעלנער זענען געקומען ווי אַ „רעפּלעיס־מענט" * — מ'וועט צוביסלעך זיי צעשיקן אין פאַרשידענע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן.

ניק קאָלאָווסקי האָט אויך דער ערשטער אַנטדעקט אַ נאַצישן זעלנער מיט אַ מעדאַל אויפן ברוסט. ער האָט געוווּסט דעם וועג ווו מ'קאָן גיין אָנצוקוקן דעם „סופּער־מען". ס'האָט ווינציק געהאָלפן דאָס וואָרענען פון קאַפּיטאַן בלאָר, אַז „אַלע וועגן זענען פאַרזייט מיט מינעס!" אָן זײַן דערלויבעניש זאָל קיינער נישט פאַרלאָזן דאָס פעלד. נאָר דער קאַפּיטאַן בלאָר האָט דאָך אַליין „פאַרבלאָנדזשעט" צום פּלאַץ ווו מ'קאָן אָנקוקן היטלערס „איבערמענטש". עטלעכע עדות האָבן דאָס באַשטעטיקט. דאָך איז דער קאַפּיטאַן געשטאַנען בײַם „טויער" און געפּרוּווט האַלטן אָן אויג — אָנווענדן אַ ביסל דיסציפּלין.

קאַפּיטאַן בלאָר האָט באַמערקט ווי מאָרי גודמאַן האָט זיך אַרויס־געשאַרט פונעם וועלדל. ער איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט צעוויגטע הענט. מאָרי האָט אים מער נישט געקאָנט אויסמײַדן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן פון אַ תירוץ פאַרוואָס ער איז אַוועק אָן אַ דערלויבעניש. נאָענט צום קאַפּיטאַן איז ער שטיין געבליבן און דעם פאַרגרייטן תירוץ פאַרגעסן.

— ביזט „אים" געגאַנגען זען?

— יעס, סער!

— ער געפעלט דיר?

— יעס, סער!

— אַזוי, ער געפעלט דיר?...

— יעס, סער, גאָר שטאַרק!...

אויפן קאַפּיטאַנס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ געצאַמט שמייכעלע. מיטן אויסגעוויייקטן נאָז־טיכל האָט ער נישט אויפגעהערט צוווישן דעם שווייס, ווי די זון וואָלט נאָר אים געבאַקן.

* „רעפּלעיסמענט" — שטאָט אַנדערע.

— ווייסט אַז די וועגן זענען נאָך נישט אָפּגערייניקט פון די מינעס ?

— יעס, סער, איך ווייס. כ׳בין געגאַנגען, דאַכט זיך, שוין אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג... זיך געהיט.

— האָט דאָס געלוינט ?

— יעס, סער ! כ׳וואָלט מײַלן געגאַנגען...

— ,,אים״ אָנצוקוקן ?

— יעס, סער, ,,אים״ אָנצוקוקן ! כ׳האָב דאָך אַזאַ שיינעם זעלנער נאָך קיינמאָל נישט געזען...

— וואָס, צום טײַוול, פּלאַפּלסטו ?

— יעס, סער ! דער סופּערמען, דער עיפּוש׳דיקער שטשור, וואָס ער ליגט דאָרט אין דער קאַנאַווע, נישט ווײַט פונעם אויסגעברענטן טאַנק — איז שיין... יעדער נאַצישער סאַנאַוואַביטש איז שיין — טויטערהייט !...

קאַפּיטאַן בלאָר האָט מער נישט געצאַמט דעם שמייכל, וואָס האָט גערוט אויף זײַן פּנים. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געפּרוווט אָפּטרייסלען די טראָפּנס שווייס, וואָס האָבן זיך געגליטשט צום צעשפּיליעטן קאָלנער.

ניק קאָלאָווסקי האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט פאַרבינדן אַ פּרײַנט־שאַפט — פאַר אַ געוויסן צוועק — מיט מאָרי גודמאַן : ניק האָט געוווסט, אַז מאָרי האָט געפונען אַ נאַצישן פאַראַשוט, וואָס ער האַלט צוקאַפּנס אין ,,פּאַקס־האַל״. פון שטיק פאַראַשוט וואָלט די מאַדמואַזעל זיך געקענט אויפנייען עטלעכע בלוזקעס, אָדער גאָר אַ קלייד ! ניק וואָלט מער נישט געדאַרפט שנאָרען קיין סיגאַרעטן און דער ,,שעריס״ טיר וואָלט געווען אָפן אויף פאַר מאָרין. מאָרי גודמאַן האָט אָבער באַשלאָסן, אַז דעם פאַראַשוט וועט ער האַלטן פאַר אַ קישן אונטערן קאָפּ.

ווער עס האָט יאָ ,,געבאָרגט״ דעם פאַראַשוט האָט מאָרי נישט געוווסט, נישט ניק. יענעם אָוונט איז ניק מיט אים געווען אין דער גרופּע, וואָס האָבן אָראָפּגענומען די קאַסטנס מיט פּאַטראָנען וואָס מ׳האָט געבראַכט פון די שיפן. דער קאַמופלאַזשירטער ,,אַמונישן דאַמפּ״ איז געוואַקסן פון די קעסטלעך און קאַסטנס. וואַרטנדיק אויף אַן אַנגעלאָדעם טראָק, וואָס איז פאַרפאָרן צום נישט ריכטיקן ,,דאַמפּ״, האָט מאָרי גודמאַן גענומען אויסקריצן — מיט אַ געפונענעם טשוואָק — דעם נאָמען פון

זיין שטעטעלע: „רוזשאַן". קאַפּיטאַן בלאָר איז צוגעלאָפן, בעת מאַרי האָט שוין געהאַלטן ביים דריטן קאַסטן:

— וואָס טוסטו?!

— גאַרנישט, סער.

— האָסט עפּעס אָנגעשריבן?

— יעס, סער.

מיטן קלייניקן האַנט־לאַמטערל האָט קאַפּיטאַן בלאָר באַלויכטן די אויסגעקריצטע זעקס יידישע אותיות: „רוזשאַן" — דעם נאָמען פון מאָריס געבורט־שטעטעלע.

— וואָס האָסטו איינגעקריצט?

— „רוזשאַן".

— וואָס מיינט עס?

— אַ נאָמען, סער!

— וואָס פאַר אַ נאָמען?

— אַ נאָמען פון אַ שטעטעלע וואָס הייסט „רוזשאַן". ס'איז אַ שטעטעלע אין פּוילן וווּ מיין וויגל איז געשטאַנען. די נאַציס האָבן עס חרוב געמאַכט. זאָלן די־אַ־קוילן נעמען נקמה פאַר ———

— לאָמיר זען מיט וואָס דו האָסט געשריבן.

— אָט איז דער טשוואָק, סער.

קאַפּיטאַן בלאָר האָט זיך אַראָפּגעבויגן פון קאַסטן צו קאַסטן און פאַמעלעך האָבן זיך באַוועגט זיינע ליפּן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און דערלאַנגט מאַרין דעם טשוואָק.

— קריץ אויס „מינסק" לעבן דיין „רוזשאַן" — אויף יידיש שרייב אָן.

— וואָס? — איז מאַרי גודמאַן געבליבן שטיין פאַרן קאַפּיטאַן פאַרוווּנדערט, — נישט פון קאַפּיטאַנס נאָמען און נישט פון זיין פיזישן אויסזען איז אים אַמאָל איינגעפאַלן, אַז דער קאַפּיטאַן איז אַ ייד, — וואָס זאָל איך שרייבן?

— „מינסק", מיין שטאָט. פאַר אַלע יידן פון מינסק זאָלן די קוילן —

— איר זייט אַ ייד? — פרעגט אים מאַרי אויף מאַמע־לשון.

קאַפּיטאַן בלאָר איז ווי שאָקירט פון דער פראַגע; ס'פאַלט אים

גאָרנישט איַין, אַז די זעלנער וויסן נישט זיַין אָפּשטאָם. ער קוקט אויף די אַרומיקע זעלנער, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

— וואָס׳טו געמיינט, אַ טערק? — ענטפערט דער קאַפּיטאַן אויף ייִדיש.

ניק קאָלאָווסקי איז אַ צעלויכטענער: דאַכט זיך, ר׳האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט אַרויסגענומען פון דער בלוזע־קעשענע אַ שטיק קריַיד און עס פאָרגעשלאָגן מאָרי גודמאַן. ער איז געווען צופרידן וואָס מאָרי האָט עס גענומען. זאָל מאָרי געדענקען אַז ער, ניק, איז מיט אים ביַים „אַמונישן דאַמפּ״. נישט אים זאָל מאָרי באַשולדיקן אויב דער פּאַראַשוט וועט היַינט ביַינאַכט „אַרויספליִען״ פון מאָריַס „פּאַקס־האָל״.

מאָרי גודמאַן האָט נישט געמאַכט קיין טומל וועגן דעם „אַרויס־געפלויגענעם״ פּאַראַשוט. די זעלנערשע „קונסט״ פון „באָרגן״ איז אים נישט פרעמד געווען. דעם קליינעם רידעל, ווו ס׳רויטע הענטל שרויפט זיך אַרויס, האָט ער אַליין אויף ערגעץ „געבאָרגט״. אויך דעם ריזיקן קעסל־קאַן, מיטן גאָר ברייטן „מויל״, האָט ער אַראָפּגעשלעפּט פון אַ טראַק בעת דער שאָפער האָט געכאַפּט אַ דרימל. קאַפּיטאַן בלאָר האָט געוווּסט, אַז מאָרי גודמאַן, מיט דזשימי ראַדערס, גייען „באָרגן״ די קאַן, וואָס שטאַמט פון דיַיטשלאַנד. די שאָפערן האַלטן אין אים אַ „ים״ מיט געזאָלין. איצט וועלן די זעלנער שוין נישט דאַרפן טראָגן די „בלעכענע״ הויזן מיט די בלוזעס. אין דער „ניַיעסטער לאָנדרי״ קאָכט מען אויס די קליידער וואָס ווערן באַפריַיט פון די כעמישע שטאָפן. מאָרי גודמאַנס דערפינדונג איז שוין באַלד גרעסער, דאַכט זיך, פון ניקס אַנטדעקונג.

ניק איז אָבער געבליבן „דער העלד פון טאָג״. אויב אַ זעלנער האָט נישט פאַרמאָגט קיין פּעקלעך פּאַפּיראָסן האָט ניק אים אויך געקאָנט „פאַרשטעלן״ פאַר זיַין „שערי״. אָפּנים, מאָריס פּאַראַשוט האָט ניקס רעפּוטאַציע גאָר דערהויבן ביַי דער מאַדמואַזעל פּוצי. דער מאַדמואַזעלס נאָמען האָט געזוכט כמעט אויף יעדנס ליפּן: יונג אויסגערוט בלוט קאָן ברעכן אַלע צאַמען; די בענקשאַפט אַהיים נאָך וויַיב, געליבטע — לאָזט דעם אויסגערוטן זעלנער נישט רוען. די נישט זיכערקייט ווהין מ׳עט דיך מאָרגן שיקן — אין וועלכער שלאַכט — צעבורעט נאָך שטאַרקער

דעם אומרו פון אַ פעלד מיט זעלנער, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „רעפּלעיסמענט".

דזשימי ראָדער האָט עטלעכע מאָל זיך געבעטן ביי מאַרי גודמאַן, אַז „ער וויל נאָר אָנקוקן" די מאַדמואַזעל: ער וויל אויספּרוּוון דאָס ביסל פראַנצויזיש, וואָס ער האָט געלערנט אין היי־סקול. ער וויל מער נישט פרעגן ביי ניקן: ניק האָט אים געזאָגט, אַז „זיין „שערי" וויל זיך נישט באַדערן מיט בעיביס". פון דעם איז ער שטאַרק דערשלאָגן, צעוויי־טיקט. אים דאַכט זיך, אַז ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפּסל צווישן וועלף... דער קוים 19־יאָריקער דזשימי קוקט טאַקע אויס אַ סך יינגער.

פאַר די לעצטע עטלעכע טעג האָבן זיך „צעבליט" אַן אַ שיעור פּרישטשעס אויף זיין קינדיש פּנים. ער איז ווי אַן אויסגעטרוקנטער שפּאָן: זיין מאָגן קאָן נישט פאַרטראָגן די פּאַרציעס פונעם טענט, וואָס הייסט „מעס־האָל" (קיך). דורך די נעכט איז ער ווי אַ פיש, וואָס אַ שטורעם האָט אַרויסגעשליידערט אויף דער יבשה. נאָך אויף דער שיף האָט מאַרי גודמאַן באַמערקט דזשימיס הילפלאָזיקייט, האָט ער דאָ געגראָבן אַביסל ברייטער דעם „פאָקס־האָל" — זיך גענומען אַ ביישלעפער.

— מאַרי, דאַכט זיך, האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט אַ ווייב?

— יאָ.

— ווי אַלט איז זי?

— וווּהין צילסטו? כ'בין מיד. לאָמיר שלאָפן.

— איך האָב אַ „גורל־פרענד" (אַ מיידל). זי טרוימט צו ווערן אַ נוירס. כ'ל מיט איר חתונה האָבן. איך בענק נאָך איר צום שטאַרבן...

— ווי אַלט איז דיין מיידל?

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט ווערן 16 יאָר, נאָר מיין יינגערע שוועסטער זאָגט, אַז קאַראָלין — מיין מיידל — איז קוים 14 יאָר אַלט.

— האָסטו דאָך געגוג צייט. כאַפּ אַריין אַביסל שלאָף ביז דיין מיידל וועט אויפוואַקסן...

— מאַכסט פון מיר שפּאַט! ביזט ווי יעדער איינער פונעם „באַנטש".

— וואָס פעלט דיר אייַן?

דזשימי ראָדער האָט שנעל גענומען זיך אָנטאָן.

— ביסט משוגע? זע ווי דו פיבערסט.

— נישט דײַנע ביזנעס, מאַרי גודמאַן! איך בין מער נישט קיין בעיבי! איך ווייס דעם וועג וואָס פירט צו — כ'האָב געננוג סיגאַרעטן... דו ווילסט נישט גיין מיט מיר, וועל איך דאָס געדענקען.

מאַרי איז געבליבן זיצן אויפן „בעט". ער האָט געקוקט אויפן האַנט־זייגערל: די צעלויכטענע ווײַזערס האָבן געוויזן — 15 מינוט נאָך 10. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אַ סך שפּעטער. ער האָט אַרויס־געשטרעקט דעם קאָפּ פונעם גרוב:

— דזשימי!

— וואָס?

— וואַרט!

מאַרי האָט זיך אָנגעטאָן — דעריאָגט דזשימין.

— דזשימי! כ'וויל דיר עפּעס זאָגן.

— זאָג, זאָג שנעל!

— וואָס ברענט?

— זאָל אַלץ ברענען! איך האָב נישט געוואָלט זײַן קיין זעלנער! האָב נישט געוואָלט פאַרלאָזן די היים, פאַרלאָזן מײַן מיידל.

— דענקסט, אַז איך האָב געוואָלט זיך שיידן פון מײַן ווײַב? אונדזער לאַנד איז אין קריג! היטלער —

— כ'ווייס וואָס דו וועסט מיר זאָגן... איצט וויל איך נאָר איין זאַך — כ'ל —

— ווילסט קריגן אַ „סוווועניר" פון דער מאַדמואַזעל פּוצי! ווילסט אָנהייבן לויפן צו די מעדיקס פאַר אײַנשפּריצונגען, ווי אַ סך האָבן שוין אָנגעהויבן צו לויפן...

— אָבער אָנקוקן מעג איך זי?

— יאָ, דו מעגסט. דאַרפסט בײַ מיר נישט בעטן קיין דערלויבעניש; כ'בין נישט דײַן טאַטע אָדער דײַן עלטערער ברודער.

— און אַז זי וועט מיך נישט אַרײַנלאָזן?

— וועסטו גאָרנישט פאַרלירן!

— קום מיט מיר. כ'בעט דיך. אַז דו וועסט וואַרטן אויף מיר וועל איך זײַן זיכערער — — —

דער קילער טוי אויף די הויכע גראָז האָט געוואַשן מאַרי גודמאַנס

שיך. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַשליסן פאַרוואָס ער גייט מיט. אין זײַנע עטלעכע דרײַסיק יאָר האָט זײַן פוס נישט באַטראָטן די שוועל פון אַ שאַנד־הויז. פּראָסטיטוציע — די יאָר־טויזנטער חולאת — האָט ער געהאַלטן פאַר דער מיאוסטער פּראָפעסיע. נאָר מלחמות זענען אַ סך מיאוסער!

פאַר מאַריס אויגן איז איצט נאָכאַמאָל אויסגעוואַקסן דער באַרג מיט די שטאָלענע העלמעטס, וואָס ליגן נאָך אפשר בײַם ברעג פון קאַנאַל. אין טייל צעלעכערטע העלמעטס האָט מען אַזש די פויסט געקענט דורכשטופּן!... פון דעם לאָך אינעם העלמעט האָט יעדער געקענט וויסן ווו די נאַצישע קויל האָט אונדזער זעלנערס קאָפּ געטראָפן... וועט ער דאָס גרויליקע בילד — דעם באַרג מיט קעפּ — אַמאָל קאָנען פאַרגעסן?... ניין! ער וועט אויך נישט פאַרגעסן די שנעל־לויפנדיקע טראַקס מיט די טויטע זעלנער... ווו האָט מען אַזוי פיל צוזאַמענגענומען? וווהין פירט מען זיי?... מיט פּחד זענען אָנגעפילט די זעלנער וואָס קוקן אויף די רעזולטאַטן פון שלאַכטן... די ניי־געקומענע שפּאַנען אין אַ פאַרטײַעטן שווײַגן: הענגט דאָס בינטל יאָרן דאָ אויף אַ האָר?

מאַרי שפּאַנט מיט דזשימין און ס'דאַכט זיך אים, אַז זײַנע פיס ווערן אָנגעפילט מיט בלײַ: אַזוי האָט ער געפילט — מיט עטלעכע טעג צוריק — בעת ער האָט דערזען דעם באַרג מיט די צעלעכערטע העלמעטס און די טראָקס מיט די טויטע זעלנער.

בײַ אַן אײַנגעבראָכענעם פּלויט, ווו אַ קנויל שטעכיקע דראָטן זענען אַראָפּגעהאָנגען פון אַ צעטשאָפּעטן סלופּ, איז מאַרי שטיינגעבליבן:

— דזשימי, דאָ וועל איך אויף דיר וואַרטן.

דזשימי האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און גלײַך אָנגעהויבן לויפן. ווי אַן אָפּגעשאָסן אויער האָט אויסגעקוקט ס'ברעקל לבנה, וואָס האָט באַגלייט דזשימיס שאָטן.

דזשימי ראָדער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון דער כאַטע: ס'האָט זיך געהערט אַ שאָרן פון מידע פיס אויף אַ הילצערנעם דיל. דורך די טיר־שפּאַרעס האָט ער געזען די נאַקעטע האַנט וואָס האָט אָנגעצונדן נאָך אַ לעמפּעלע. אַ שליסל האָט געטאָן אַ סקריפּע אינעם שלאָס.

אַן עלטערע פרוי האָט געעפנט די טיר. אירע גרוילעכע האָר —

ווי צוגעקלעפּט אויף איר פאַרשפּיצטן קאָפּ מיטן שרונט אין דערמיט. אויף איר דיקלעך פּנים, כאָטש ס'איז פאַרשמירט ווי מיט אַ לויזן קראָכמאַל האָבן זיך קלאָר אָנגעזען די אָן אַ שיעור קנייטשן און קאַרבן. מיט אַ הייזעריק קול האָט דער „העלאָ, קאָם אין", צעקרימט אירע גראָבע אָנגעפאַרבטע ליפּן.

אַ חלשותדיקע זויערקייט, ווי די כאַטע וואָלט אין שווייס זיך געבאָדן, האָט זיך געריסן פון דער צעפּראַלטער טיר. ביים שוועל האָט דזשימי געזען דאָס צעטאַרליעט, נידעריק קאַסטן־בעט, ווו אַ ריזיקע קאַץ האָט פויל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צעצויגן אַ געגעץ.

דזשימי ראַדער האָט אויסגעפּרוווט זײַן ביסל פראַנצויזיש, וואָס ער האָט געלערנט אין הײַ־סקול:

Je veux voir Mademoiselle Futzi (איך וויל זען די מאַדמואַזעל פוצי).

C'est moi, je suis Mademoiselle Futzi! (איך בין עס, די מאַדמואַזעל פוצי!).

זי האָט אויך געפּרוווט איר ביסל ענגליש:

— „אײַ'ם דהי מאַדמואַזעל, קאָם־אין, פּליעז"...

די „צעבליטע" פּרישטשעס אויף דזשימיס פּנים האָבן אָנגעהויבן גליִען ווי צום אויספּלאַצן. זײַנע שיטערע ציין האָבן זיך אײַנגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. פון איר ענטפער גלייבט ער נישט זײַנע אויגן און די צעפּלאָמטע אויערן... האָט עפּעס אַ בייזער חלום אים אַרײַנגעוואָרפן אין אַ קאָשמאַר? אָט שטייט ער פאַר אַן עלטערער פרוי מיט אַ לאַנגן אויסגעדאַרטן האַלדז: מיט פלאַכע, האַלבנאַקעטע בריסטן, וואָס באָמבלען זיך אין דער צעקנייטשטער, טיף אויסדעקאָלטירטער דורכזיכטיקער בלוזקע. אויך אירע אָפּגעבליאַקעטע גרויסע רינגען באָמבלען זיך אין אירע פאַרשפּיצטע אויערן. עטלעכע מאָל פרעגט ער איר איבער די זעלבע פראַגע און זי — מיט אַ געצוווּנגענער העפלעכקייט — פאַרזיכערט אים, אַז ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות: זי איז די מאַדמואַזעל.

דזשימי איז אַ ווײַלע געשטאַנען צעמישט, פאַרלוירן. ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן צוריק, אָנגעהויבן לאַכן, ווי ער וואָלט פּלוצעם פון זינען אַראָפּ... ער האָט שנעל אַרויסגענומען די פאַרגרייטע פּעקלעך „קעמלס" און זיי געוואָרפן צו די נאַקעטע פיס פון דער מאַדמואַזעל פוצי — — —

(1950)

אַ גרוס פון דער היים

אויפן פראָנט אין נאָרמאַנדי האָט דזשאָן אַנדערסאָן געקראָגן די נישט-פריילעכע נײַעס פון זיין מיידלס שריט. זײַן 14 יאָריק שוועסטערל האָט געשריבן דעם ברודער אירן, דעם נאַקעטן אמת.

דאָס איז געווען נאָך לאַנגע בריוולאָזע וואָכן: ווו מ'האָט געטאָגט האָט מען נישט גענעכטיקט. מען האָט אָפטער געביטן די „פוקס-לעכער" ווי דאָס ברודיקע העמד אויפן לײַב. אויב אַ זעלנער האָט געקראָגן אַ בריוו פון דער היים, איז מען אים מקנא געווען ווי מיטן גרעסטן געווינס! די ווײַסע טויב — דער בריוו — האָט געהויבן די מאָראַל פון דער גאַנצער קאָמפּאַני.

אַפילו פאַר די וואָס האָבן דעם מזלדיקן זעלנער נישט געקענט, איז די נײַעס פון יענעמס גליק געוואָרן אַ שטיק פאַרזענלעכע פרייד: מען איז נישט אָפּגעריסן פון דער וועלט! אַ וואָרט פון דער היים פרישט אָפּ, ווי אַ רעגן דורשטיקע פלאַנצן, עס דערנענטערט מיט די נאָענטע און ליבע. טויזנטער מײַלן שרומפּן אײַן, ווערן געציילטע שפּאַנען צו דער היים, צו אַן אמתדיקן דאַך איבערן קאָפּ... די נײַעס פון אַן אָנגעקומענעם בריוו צעגליט אין די גריבער די האָפענונג: אפשר וועל איך אויך זײַן פון די גליקלעכע?

עטלעכע צעשאָסענע טעג און נעכט האָבן זיך אויסגעברענט און כמעט יעדנס ווונטש איז מקוים געוואָרן: — ברי—וו!

פּעק בריוו זענען אָנגעקומען און אויף ביידע זײַטן קאָנווערט פאַרשריבן מיט די געביטענע אַדרעסן. אַ פריש פעלד מיט אַ נײַ אויסגעגראָבענעם „פּאַלאַץ", איז שוין אַ צווייטער אַדרעס פון דער קאָמפּאַני. דזשאָן אַנדערסאָן האָט געקראָגן 27 בריוו און מאָרי גוטמאַן — אַ פּאַק מיט 50 שטיק!

צום שלימזל האָט דזשאָן צום ערשטן געעפנט דעם בריוו, וואָס זיין 14 יאָריק שוועסטערל האָט אים געשריבן וועגן זײַן מיידל. נישט זײַענדיק

צוגעגרייט פאַר אַזאַ סאָרט נײַעס פון דער היים, האָט דזשאָן פאַרלוירן יעדעס ברעקל קאָנטראָל איבער די צעשרויפטע, אָנגעצויגענע נערוון פון היטן דאָס פּעקל ביינער אין די „פוקס־לעכער". ער האָט כּמעט דעם בריוו נישט פאַרענדיקט צו לייענען און האָט אויפגעזאָטן אַ ספּאַזמאַטיש רעוּוען:

— גאָד־דעמיט! כ'על אים שיסן! ווי אַ הונט כ'על אים שיסן, דעם סאַנאָוואַביטש! וועל זיי בײדע דערהרגענען! כ'שווער בײַ גאָט, כ'וועל זיי בײדע דערוואָרגן!

דזשאָן האָט געכאַפּט ס'פּעקל נישט־געלייענטע בריוו און איז אַרויס־געשפּרונגען פון „פוקס־לאָך". ער איז שנעל צוריקגעקומען און גענומען ס'פאַרבלאָטיקט קענדל מיט בענזין, וואָס בײַטאָג האָט דאָס אַמאָל געדינט פאַר אַזאַ סאָרט אויוון — אַ גריבל אין דר'ערד, ווו מ'קען אָנוואַרעמען די טעמלאָזע פּאָרציע, די „רעישאָן". מאָרי האָט אים געפרוווט פאַרהאַלטן:

— דזשאָני, ווו לויפסטו מיטן קענדל בענזין?

דזשאָן האָט זיך אַרויסגעריסן פון זײַן חברס האַנט:

— נישט דײַנע גאָד־ד־דעם ביזנעס!

מאָרי איז פלינק אַרויס פון גרוב: דזשאָנס נישט־געעפנטע בריוו זענען שוין געלעגן אויף דר'ערד באַגאָסענע מיט בענזין. ער שטייט אויף די קני מיט אַן אָפּגעריסן שוועבעלע אין די צאַפּלדיקע פינגער.

— דזשאָן! דזשאָני, באַרויִק זיך — האָט מאָרי זיך אַראָפּגעבויגן און לײַכט געקלאַפּט זײַן חברס אַקסל — ס'איז דאָך שוין באַלד נאַכט. איצט ווילסטו מאַכן אַ פײַער? געבן אַ סיגנאַל צו די „דזשעריס"? ווילסט אַז זייערע עראָפּלאַנען זאָלן טרעפן אין ציל?! וואָס איז דיר באַפאַלן?! האָסט דאָך אַפילו די בריוו נישט געלייענט! לייען איבער וואָס דײַן מאַמע שרײַבט.

דזשאָן האָט אָבער גענומען דורכפירן זײַן משוגענעם אײַנפאַל: ער האָט זיך עטוואָס אָפּגעבויגן פון די באַגאָסענע בריוו און אָנגעצונדן ס'שוועבעלע. ווי פון אַ קויל געטראָפן איז מאָרי אַרויפגעפאַלן אויפן פאַר־גרייטן שײַטער און אויסגעלאָשן דאָס פײַער און דזשאָנס צאַפּלדיקע הענט.

— דזשאָן, כ'על דיר נישט לאָזן!

דזשאָן איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ צערייצטער טיגער:

— אַט נעם איך שוין אַרויס די ביקס און וועל אַרויסשיסן דײַן מאַרך!

מאַרי האָט זיך אויפגעשטעלט און אײַנגעקלאַמערט די פינגער אין דזשאָנס צעכראַסטעטען קאָלנער:

— דזשאָני, ביזט אַראָפּ פון זינען? וואָס באַלבעסטו? ביזט אַ זעלנער אויפן פראָנט, אָדער אַ מויז אין דער נאָרע! דײַן האַנדלונג מיט די בריוו איז ווי פון אַ סענטימענטאַלן אידיאָט! ווערסט —

— נעם אַראָפּ פון מיר דײַנע הענט — האָט דזשאָן נישט געלאָזט מאַרין ענדיקן און געבײַלט די פויסטן „יו גאָדעם דזשו בעסטערד!...״ (דו יִדישער ממזר!...).

מאַרי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, שיִר נישט אַרויפגעפאַלן אויפן קאַמופלאַזשירטן „פוקס-לאָך״ און דערפילט אַ שטעכעניש אינעם ברוסט-קאַסטן פון דזשאָנס פויסט. אינעם אָפענעם פעלד האָט אים פּלוצים אויסגעפעלט אַ טראָפּן לופט... ער האָט דערפילט דעם טיפן ווייטיק פונעם „דזשו בעסטערד״, וואָס פון זײַן חבר האָט ער דאָס נישט דערוואַרט צו הערן... ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט; געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס און ווי אַ בליץ האָט זײַן פויסט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דזשאָנס פּנים:

— דו אויך?!

דזשאָן איז געפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ אויף זײַן פּעקל בריוו, וואָס ר׳האָט נאַרוואָס עס געגרייט צו פאַרברענען. זײַנע שמאָלע אײַנגעצויגענע אַקסלען האָבן געצוקט. ער האָט זיך געשטיקט מיט טרערן, ווי ער וואָלט די נאָך-נישט-געעפנטע בריוו געטוליעט צום האַרצן און זיי באַוויינט...

אַ ווײַלע איז מאַרי געשטאַנען ווי פאַרשטמעליעט, זיך נישט געגלייבט זײַנע אויערן ווו ס׳האָט נאָך געקלונגען דער „דזשו בעסטערד״. כאָטש עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט אין די קעמפּס און דאָ — אויפן פראָנט — געהערט דעם טיטל. אמת, די אַנטיסעמיטישע שלאַנג טראָגט אין דער אַרמיי פאַרשיידענע שלייערס: „די רוזוועלט באָיס״, רופט מען די יִדישע זעלנער. די „הויך-פּאָליטיק״ שפּאַרט אָן — אין בלאָטע:

— באַרוך און מאָרגענטוי וועלן אָפּלעקן אַ פעט ביינדל פון דער מלחמה...

— היטלער ווייסט ווער ס'פּאַרט אויף רוזוועלטס פּערדל...

די „הויך־פּאָליטיקער" זשאַלעווען אויך נישט די נעגערשע זעלנער:

— אַפילו היטלער האָט מער רעספּעקט פאַר אַ — ווייסן...

נאָר דזשאָן אַנדערסאָן איז דאָך תּמיד אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון די־אַ שאַטנס, וואָס בלייַבן ווי פלעקן אויף דער באַשטערנטער פאָן. ער איז דאָך געבוירן און אויפגעוואַקסן אויף דער איסט סאַיד צווישן ייִדן. אין סקול זיך געשפּילט מיט נעגערישע קינדער: ניו־יאָרק איז דאָך נישט די סאַוט...

אַ חרטה־געפיל האָט אָנגעהויבן מאַרין צו גריזשען: פאַר וואָס האָט ער נישט געצאַמט זייַן כּעס? איז דען די פּויסט שטאַרקער פונעם וואָרט? אָט האָבן זיך עטלעכע ווערטער אָפּגעריסן פון דזשאָנס ליפּן, וואָס האַמערן הייסער ווי טויזנטער פויסטן. פאַר וואָס האָט ער נישט געפונען די פּאַסנדיקע רייד, וואָס זאָלן צעפלאַמען דזשאָנס פּנים?

מאַרי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און איבערגעקאָלערט זייַן חבֿר. דזשאָן האָט נישט געגעבן קיין ווידערשטאַנד: ער איז געלעגן ווי אַ לויז שטיק טייג. מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים און שטיל געכליפּעט. מאַרי האָט גענומען צוזאַמענקלייַבן די נישט־געעפנטע בריוו און מיט זיי אָנגעשטאָפּט דזשאָנס קעשענעס:

— דזשאָני, דזשאָני! לאָמיר דאָ נישט ווערן קיין צילברעט פאַר היטלערס סנייַפּערס. מ'האָט דאָך נישט אויסגערייניקט דעם וואַלד פון די נאַצישע שלאַנגען. הייַנט איז מיר ס'לעבן זיסער: מייַנע 50 בריוו וועל איך נישט בייַטן פאַר „די באַנק אָף אינגלענד!" איידער ס'ווערט פינצטער, וויל איך נאָך עטלעכע דורכלייענען. דו ווייסט ווי לאַנג מיר האָבן אויף זיי געוואַרט. קום, זייַ אַ מאַן, צום טייַוול; קום, כ'על דיר העלפן אַראָפּקריכן אין אונדזער „פּאַלאַץ".

אויך אין „פוקס־לאָך" איז דזשאָן געבליבן ליגן מיט די הענט אויפן פּנים. אַ ווייַלע האָט ער געשוויגן און נישט בייַטנדיק די פּאָזע האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן שטיל, מיט אַ קול פון איינעם וואָס פילט זיך שולדיק:

— מאַרי, כ'האָב שוין לאַנג דיר געוואָלט פרעגן, נאָר איצט האָסטו

אויסגעשטאָכן דעם בלאָטער: פאַר וואָס זײַט איר, ייִדן, אַזעלכע סענסיטיווע באַשעפענישן, וואָס ליידן פון אַזאַ מאָדנעם קאָמפּלעקס? דעם איײַרישן קאָן מען זאָגן טויזנט מאָל „איײַריש בעסטערד" און פאַר דעם וועט ער זיך נישט כאַפּן שלאָגן. כ'האַלט, אַז ס'איז דאָך נישט מער ווי אַן אויסדרוק. פאַר יעדן פאַל האָב איך דאָך נישט געמיינט וואָס דײַן קולאַק האָט אויסגעטײַטשט. כ'האָב געוואָלט פאַרברענען די בריוו, זי פאַרברענען און זאָל דער ווינט צעטראָגן ס'אַש פון איר, די צויג. דו האָסט געשטערט מײַן פּלאַן, בין איך גרייט געווען דיך צו דערשיסן, אָבער כ'בין נישט אויסן געווען צו באַליידיקן דײַן אַפּשטאַם, מאָרי, גלייבסט מיר? זאָג מיר צי דו גלייבסט?

— וואָס זאָל איך דיר גלייבן? לאָז מיך בעסער לייענען — האָט מאָרי כמעט ווי זיך געבעטן — דו ווייסט וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די קעמפּס, און דאָ איז דען בעסער? מיר שלאָגן זיך קעגן היטלערן און אַליין פּראַקטיצירט מען זײַנע חיהשע טעאָריעס. טאַקע אמת, אַז אין אַ לײַכטערע פאָרעם. נאָר יעדער טײַוול פאַרמאָגט דעם זעלבן פרצוף. ברודערל, טויב און בלינד ביזטו נישט. נאָר אפשר וועט די מלחמה אויך פאַרווישן די פלעקן פון אונדזער פאָן...

— איז וואָס? — האָט דזשאָנס פראַגע זיך געריסן פונעם גרוב — וואָס שווײַגסטו שוין ווידער?

— דזשאָני, מער וויל איך איצט וועגן דעם נישט רעדן. לייען בעסער איבער עטלעכע בריוו. זיי ליגן אין דײַנע קעשענעס. ווען דײַן שוועסטערל איז מיט עטלעכע יאָר עלטער, וואָלט זי געוויס פאַרמאָגט מער שׂכל: דיר נישט אָנגעזאָגט דעם סאָרט נײַעס. ביזט נישט דער ערשטער זעלנער וואָס פאַרזוכט דעם טעם פון אַזאַ סאָרט מעדיצין. אויב ס'איז אַ פאַקט, אַפּנים — אין דײַן פאַל — די אמתע פיל, וואָלט דיר נישט אויסגעפעלט דער גרוס פון דײַן מיידל. לייען דורך אַלע בריוו. געוויס וועסטו דאָרט טרעפן אויך גוטע, פריילעכע נײַעס. די מלחמה וועט מען דאָך נישט פאַרלירן, אויב דײַן מיידל האָט באַשלאָסן אויף דיר נישט צו וואַרטן. כ'ווייס, אַז אין די גריבער ווערן מיר כמעט ווי ווילדע קעץ, אָדער אפשר אַנדערע באַשעפענישן. נאָר ס'שאַט נישט ווען מ'גיט זיך אַמאָל אָפּ אַ ברעקל חשבון: יעדע מינוט קאָן ווערן צו שפּעט. מ'וועט פאַר אונדז נישט

דאַרפֿן גראָבן אַ נײַעם קבר... אפשר איז „זי" גאָרנישט ווערט דו זאָלסט זיך אַזוי גריזשען, פֿאַרלירן דעם קאָפּ פֿון די פּלייצעס ?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק. „פּריטשער" — האָט דזשאָן זיך אַ וואַקל געטאָן און געבליבן זיצן אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס.

— זײַ נישט קיין יאָלד ! ווייסט ווי איך האָס פּוסטע פּריידיקער !... אָט האָב איך נאָר־וואָס געלייענט און —

— איך וועל אים שיסן ! — האָט דזשאָן נישט געלאָזט מאָרין פֿאַרענדיקן — לאָמיך נאָר אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון דער לויזיקער מלחמה. איך קען די פּאָליטישנס, וואָס האָבן אים באַפּרײַט פֿון דינסט. כ'ווייס ווער ס'איז דער טשיף פֿונעם באָנטש — גרעפּטערס. נישט איינער האָט זיך פֿון זיי אויסגעקויפֿט פֿון גיין דינען.

— וואָס נאָך וועט דיר אײַנפֿאַלן ? — האָט מאָרי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דזשאָנען ?

— אײַנגעפֿאַלן איז מיר ? פֿרעגט דזשאָן פֿאַרחידושט — ווייסט נישט אַז מיט „פּול" און מיט „שמירן" האָט מען זיך געקענט אויסקויפֿן ? ווינסן ראַדזשערס, דער סאַנאָוואָביטש, וואָס האָט צוגענומען מײַן מיידל, איז נישט קיין אָרעמער „סלאָב" פֿון מאַלבערי סטריט. זײַן טאַטע פֿאַרמאָגט מער הײַזער וויפֿל ס'זענען פֿאַראַן ביימער דאָ אין וואַלד. ווינסן ראַדזשערס איז נישט אַזאַ שונא היטלערן ווי דו און אַנדערע זעלנער. ווען מ'פֿרעגט ווינסנס טאַטן וואָלטן מיר זיך נישט געשלאָגן מיט היטלערן.

— דאַנקען גאָט וואָס מ'האָט אים נישט געפֿרעגט — האָט מאָרי געענטפֿערט.

דזשאָן איז געבליבן זיצן באַוועגלאָז מיט פּחד אין זײַנע צעשראָקענע אויגן : ער האָט דערהערט דעם אָנקום פֿון עראָפּלאַנען. ער האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ צום „דאַך" און זײַנע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט :

— איז בײַ וועמען פֿרעגט מען יאָ ? ווער פֿאַרגרייט אַ מלחמה ? —

בײַ דער פֿאַרשפּילעטער „טיר" — אַזאַ סאָרט פֿאַלע אויף די בלאָטעס — האָבן זיך געלאָשן די לעצטע שטראַלן פֿון דער זון וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿונעם פֿעלד מיט די צעזייטע „פֿוקס־לעכער".

דזשאַזעפּין

מײַן „צימער"־חבר, ניק טעראַסי, האָט אַרויפגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ און צערויִעט אונדזער געלעגער.

— דערלאַנג מיר די שוועבעלעך, זיי ליגן אויף דײַן גאַז־מאַסקע.

מיט מײַנע אָפּגעדעקטע, נאַקעטע פיספינגער האָב איך דערטאַפּט אַ ברעג פון דער פײַכטער קאָלדרע און אים צוריק אָפּגעדעקט:

— האָסט דאָך נאַר־וואָס געריי̆כערט!

— כ'וויל נאָר זען ווי שפּעט עס איז: איך דענק, אַז דער „דזשערי" (נאַצישער עראָפּלאַן) האָט זיך שוין פאַרשפּעטיקט.

— ביסט אַן אָפּטימיסט, ברודערל. גלייבסט טאָקע אין ניסים!

— כ'בין זיך גרייט וועטן, אַז „ער" איז הײַנט נישט אין צײַט.

— אפשר ווײַל מאָרגן איז זונטיק. באַשערט אַ רויִקע נאַכט לכבוד אונדזער האַלבן פרײַען טאָג.

מײַן ענטפער איז נישט מער ווי אַ ווונטש. „דזשערי" וועט נישט אויסלאָזן דעם „וויזיט". נישט פאַרפעלן נאָר קומען זאָגן אַ „גוטע נאַכט". היטלערס פינצטערער שליח איז פּינקטלעך צו דער מינוט און רגע: צען דרײַסיק שטעפּן שוין אונדזערע מאַשין־ביקסן און די קוילן־„טרעיבערס" — פּראָזשעקטאָרס — צענעמען דעם הימל. נאָך עטלעכע מינוט און מיר וועלן דערהערן די מוזיק. דעם צעשפּילטן פײַער־אָרקעסטער...

ניקס הערנט הייבן אָן בלאָנדזשען צוקאָפּנס: ר'וויל זײַן זיכער צי די שטאָלענע העלמעטס ליגן גרייט אויף דער „פּאָליצע". אַזוי שנעל ווי מיר דערהערן דעם טעמפּן מאָטאָר־זשום, ווי פאַרזשאַווערטע זעגן וואָלטן דעם הימל געזעגט, (אונדזערע עראָפּלאַנען פליִען דאָ נישט בײַנאַכט) באַשיצן מיר די קעפּ. כאָטש וואָס דער העלמעט קאָן העלפן, אויב ס'איז באַשערט אַן אומגליק, ווייס איך נישט. איך האָב נישט קיין חשק צו פאַרלירן אַפילו אַ פוספינגער...

ניק האָט פּלוצים געטאָן אַ צאַפּל, האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט און שנעל זיך גענומען אײַנטוליען.

— הערסט ?!

— וואָס ?

— אַ מויז...

איך בין געבליבן אָפּגעדעקט. ער — אַ קנויל אין דער קאָלדרע.

— ניק!

— טרײַב זי אַרויס!

— דו כאַפּ זי, וועל איך זי אַרויסוואַרפן.

צופוסנס, אין ניקס זײַט, האָט זיך דערהערט אַ מאָנאָטאָן גראַבלען. מיט דער דלאָניע האָב איך געטאָן אַ קלאַפּ אין העלמעט, נאָר ס׳גראַבלען האָט נישט אויפגעהערט.

— ניק.

— יעס.

— ס׳איז אַ זשאַבע.

— פונוואַנען ווייסטו ?

— אַ מויז דערשרעקט זיך פאַר אַ קלאַנג.

— נאָך איינע פון דײַנע „יוראָפּישע״ דערפינדונגען ?

— איצט ביסטו אין „יוראָפּ״.

ניק האָט אָנגעהויבן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער קאָלדרע. גענומען זיך פון מיר אָפּרוקן, ווי איך וואָלט אים אָפּגעבריט. זיך אויפגעזעצט און אָנגעהויבן פאָכען מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן דעם פינצ־טערן גרוב צו צעשנײַדן:

— מען האָט אונדז נישט געדאַרפט שיקן קיין ענגלאַנד און איצט — פראַנקרײַך! גאַנץ „יוראָפּ״ שטינקט! אין „יוראָפּ״ איז שטענדיק טראָבל! מיט אַ ריינעם קערפּער האָט אונדזער „גאָ־ד־ד־דעם״ אָנקל סעם נישט געדאַרפט קריכן אין אַ לויזיק בעט!

— אָבער —

— יאָ, יאָ, — האַקט ער אָפּ מײַן וואָרט — די צרה מיט דיר איז, וואָס דו שטאַמסט פון צעפוילטן „יוראָפּ״, פאַרטיידיקסט די „סאַנאָוואָבי־טשעס״! ווילסט תמיד דאָס אויסטײַטשן אויף דײַן פּאָליטישן אופן. ווען

היטלער וואָלט באַפאַלן קוני־איילאַנד וואָלט דעמאָלט אויך מײַן טאַטע גענומען די ביקס!

— דאָן, ברודערל, וואָלט געווען שפּעט — —

— ווער האָט דיר דאָס אײַנגערעדט?

— וואָס —

— „באַנק"! — פאַלט ער אַרײַן אין אַ גרעסערן גרינמצאָרן — הייב נישט אָן מיט דײַנע פּאָליטישע דריידלעך! מײַן מיינונג וועסטו שוין נישט בײַטן: ענגלאַנד, רוסלאַנד, פראַנקרײַך, גאַנץ „יוראָפּ" מעג ברענען! נישט מײַנע און נישט דײַנע פאַרדאַמטע ביזנעס צו מישן זיך אין פרעמדע טעפּ. איך פאַרמאָג אַ היים, אַ שטילע באַקוועמע היים, און איצט דאַרף איך ליגן אין אַ גרוב, ווערן צעריסן פון ווערים, מײַז און זשאַבעס. יוראָפּ „גאַ־ד־ד־עם", לויזיקע יוראָפּ!

איך ענטפער אים נישט. איך ווייס שוין ווען אים נישט צו ענטפערן. זאָל זײַן כעס פאַרגיין. ער איז פאַרביטערט, גייט אַרום מרה־שחורהדיק: שוין די צוועלפטע וואָך, ווי ער האָט נישט געהערט פון זײַן פרוי דזשאָזעפין און פון זײַנע עלטערן. „בריוו איז די מאָראַל פון די זעלנער", האָב איך ערגעץ געלייענט. אויב דאָס זאָל זײַן די מאָס, איז אויך מײַן מאָראַל נידעריקער פון געשווירענעם גראָז: שוין די אַכטע וואָך, ווי איך האָב נישט געהערט פון דער היים. איידער מיר האָבן זיך דאָ דערשלאָגן צו דער פּערמאַנענטער קאָמפּאַניע, האָבן מיר די אַדרעסן אַפילו געביטן, ווי דאָס שווייסיקע העמד...

וואַנדערן ערגעץ די בריוו פון אונדזערע נאָענטע און ליבע. פון ענג־לאַנד שיקט מען זיי קיין נאָרמאַנדי, צו די אויפגעריסענע פעלדער און שמאָלע זיג־זאַג וועגן.

נעכטן האָט אַ זעלנער דאָ געקראָגן אַ פּאַק בריוו: 65 שטיק! ער האָט געטאַנצט אין די טיפע בלאָטעס! געדריקט דאָס פּעקל בריוו צו דער ברוסט און זיך צעוויינט ווי אַ קינד...

— איצט בין איך גליקלעך!

ווען דער זעלנער וואָלט געקראָגן אַ קאַסטן מיט גאָלד, אָדער אַ קויש בריליאַנטן, וואָלט איך אים אָסור נישט אַזוי מקנא געווען...

ווען וועט שוין אָנקומען מײַן גאָלד?

די זשאַבע אין אונדזער „פּאַקס־האָל" איז מסתּמא אַנטלאָפן געוואָרן. מאָרגן וועל איך פּרוּוון געפינען אַ פּאַרטל קעגן די נישט־געלאַדענע געסט. מעג ניקן נישט געפעלן מיַינע „יוראָפּשע דערפינדונגען", נאָר די פעלד־מיַיז און זשאַבעס וועלן מער נישט זיַין מיַינע בייַשלעפער... אַ פּאַקס־האָל, ווי אַ הויז, להבדיל, מוז מען רייניקן: רעמאָנטירן, אויב מ'וויל דאָס גע־לעגער מאַכן אַביסל באַקוועמער. אַז מען גראָבט דעם גרוב טיפער דאַרף מען בייַם אויסטאָן זיך נישט בלייַבן זיצן אויף די קני. די אויסגעשמירטע שיך, פון די ליימיקע בלאָטעס, דאַרפן נישט בלייַבן ליגן אויף דער פייַכ־טער ערד, ווי אַן „אויוון" פאַר די שיך. אינדערפרי, אַז מען געפינט אין די שיך ווערים איז פאַר דעם אויך פאַראַן אַ מיטל: ברעטלעך און טשוועע־קעס פעלן דאָ הייַנט נישט אויס. אויף די פעלדער ליגן קאַסטנס פון קוילן און גראַנאַטן. מיט אַ האַמער און זעגל ווערט מען דאָ אַ פּאָלנער סטאָליער... מיַין פּאַקס־האָל איז ווי אַ קאַסטן אָן אַ צודעק. שוין גענוג פּראַצע אַרייַנ־געלייגט אין „פּאַלאַץ". בייַ דער „שוועל" שטייט שוין אַן אייַנגעגראָבן טישל און אַ באַנק. מען דאַרף שוין נישט זיצן אויף דר'ערד בייַם עסן אָדער שרייַבן בריוו. כּמעט יעדער זעלנער מאַכט זיך דאָ אַ „מעבל".

ניק, מיַין „רום־מעיט", קומט אָבער צום גרייטן. אין זיַין פרייַער צייַט שפּילט ער באָל. דאַכט זיך, זיַין אייַנציקע אַמביציע אין לעבן... נאָר ווען כ'וועל דאַרפן גראָבן אַ צווייטן „פּאַלאַץ", וועט ניק שוין מער נישט זיַין מיַין מיטוווינער... ער וועט זיך גוט פּאַסן צו טאָני דזשיגאָוואַני, זיַין לאַנדסמאַן, וואָס האָט אויפגעשטעלט דעם טענט אויף דער פּלאַכער ערד.

די זשאַבע איז אָפּנים נישט אַנטלאָפן געוואָרן: אָט גייט זי שוין אַ טענצל בייַ מיַין זייַט. איצט וועל איך משלח זיַין דעם נישט־געבעטענעם גאַסט. איך נעם אַראָפּ דעם טאָוול פון די פיר „זאַוויעסעס" און די לבֿנה צעלייַכט דעם טיפן גרוב. אַ פאַרוווּנדערטער בלייַבט ניק זיצן און צעוויגט מיַין אָפּגעדעקטן אַקסל:

— משוגענער, וואָס דיר קאָן אַלץ אייַנפאַלן. איצט איז מיר שוין קלאָר פאַרוואָס לייטענאַנט איגלי מיטן קאַפּיטאַן האָבן זיך דאָ פריִער אָפּגעשטעלט און געלאַכט... כ'האָב זיך געוווּנדערט וואָס ס'פאַרזשאַווערטע „ברעס" (אָפיציר) האָבן נאָר אין דעם „פּאַקס־האָל" אַרייַנגעקוקט, איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס די „טשיפּס" זענען נאָר אַהער געקראָכן.

מיינסטו נישט, אַז אַזעלכע שפּירהינט וואָלט מען בעסער געדאַרפט אויפן פראָנט... יאָפּ, איך וועל זיך וועטן, אַז די „סאַנאַוואַביטשעס” האָבן דיך שוין באַשטימט פאַר זייער גלעזער!

— דאַרפסט זיך נישט וועטן: האָסט געטראָפן...

ניק האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַנגערירט די „שויב”.

— טאָקע גלאָז?

— ווילסט בלוט?.. ס׳איז דורכזיכטיק, לאָזט נישט דורך קיין וואַסער, דאָס אַלץ וואָס ס׳איז נייטיק.

— „יוראָפּ”! דיַינע „יוראָפּשע” שטיק...

די זשאַבע איז געווען פלינקער ווי מיַינע פינגער. מאָרגן וועט מען שוין דאַרפן אויסגעפינען דורכוואַנגען זי קריכט אַריַין. מאָרגן, זונטיק, פאַר־מאָג איך אַ האַלבן פריַיען טאָג. שוין לאַנג נישט געוווּסט אַזאַ טעם...

ניק האָט מער נישט געדאַרפט קיין שוועבעלע אַ קוק צו טאָן אויפן ציפער־בלאַט. דער קבר איז באַלויכטן. מיר זענען שוין זאַלבע־דריט: די לבנה גרייט זיך דאָ אַ געלעגער... דער „דזשערי” האָט טאַקע זיך פאַר־שפּעטיקט! כ׳האָב שוין אַנגעהויבן גלייבן אין נסים... וויַיל אויף וויפיל מען קאָן אויסרעכענען די נאַצישע פּסיכאָלאָגיע, קומט דער איינציקער עראָפּלאַן נאָר שטערן אונדזער שלאָף; קומט, צעוועקט די אַרומיקע קאָמ־פּאַניעס און וואַרפט זעלטן אַ באָמבע. אָפט שטעקט ער אָפּ צוויי וויזיטן: צען דריַיסיק דעם ערשטן און אַרום צוויי־דריַיסיק — דעם צווייטן...

דעם צערויעטן געלעגער ברענגען מיר אין אָרדענונג. מיטן טאָוול הייב איך אָן פאַרשטעלן די „שויב”. ניק כאַפּט אָן מיַין האַנט:

— זאָל דער פאַקס־האָל זיַין באַלויכטן: דאָס איז דיַין איינציקע משוגעת וואָס מיר געפעלט...

— „מערסי באָקו” — דאַנק איך אים אויף פראַנצויזיש פאַרן קאָמ־פּלימענט — צופרידן וואָס מיַין „גענעראַל” געפעלט עס...

מאָרגן וועל איך דיר געבן אַ מעדאַל.

— קענסט נעמען דיַינע מעדאַלן און — — — —

מיר ליגן און שוויַיגן. איז גרוב ווערט טונקעלער. ווי אַ פּענעץ ברעקלט זיך דער שאָטן אויף דער גאַז־מאַסקע. די לבנה פאַרקריכט הינ־טערן געדיכטן וואַלד. ניק הייבט אָן שטיל אויספּיַיפן אַן אומעטיק לידל.

איך ווייס שוין ווענן וואָס ער האָט אָנגעפּאַנגען טראַכטן. ער איז פּאַר מיר אַן אָפן בוך. אַ בלעטל לעבנס־געשיכטע וואָס איך האָב שוין גע־הערט אַ צענדליק מאָל.

דזשאָזעפין, ניקס פרוי, וואָס פאַרמאָגט אַ „טויזנט דרעסעס", איז מיט אַ קאָפּ העכער פאַרן מאַן; אויך אַ סך דיקער. איר פולער, הויכער בוזעם רײַסט זיך צו איר קורצן האַלדז, ווו ס'רוען עטלעכע גוידער־טרעפּ. פון די פאַרשיידענע בילדלעך איז קלאָר, אַז דזשאָזעפין האָט ליב צו טראָגן טונקעלע קאָפּעלושן, ווי ריזיקע רעדער... איין קאָפּעלוש איז באַדעקט מיט אַ סך פעדערן און איך פרוּוו אים פאַרגלײַכן צו אונדזער קאַמופלאַזשירטן פּאַלאַץ... זי פאַרמאָגט מער פינגערלעך ווי די קלעצלדיקע פינגער... נישט קיין ביליקע רינגלעך. ניק איז אויך פאַרליבט אין דימענטן... ער קאָן זיך דאָס דערלויבן: צוואַנציק טויזנט דאָלאַר האָט זײַן טאַטע „געמאַכט" אין איין רעגירונגס־אָרדער. הונדערט טויזנט רוסישע זעלנער וועלן טראָגן די הויזן מיט שאָפּענע פעלן פון זײַן טאַטנס שאָפּ. ניק פלעגט פירן די ביכער; פאַרן צום שאָפּ, נישט ווײַט פון זייער הויז, אינעם וואָכנדיקן אויטאָמאָביל. זונטיק ניצט מען די גרויסע, נײַע מאַשין. די פאַמיליע פאַרפעלט זעלטן אַ בייז־באָל־שפּיל.

אין ברוקלין, אין אַ רײַכער געגנט, שטייט אַ הויז מיט צען צימערן און צוויי גאַראַזשן. צען צימערן פאַר פינעף מענטשן. הײַנט — נישט מער ווי פיר: ניק טעראַסי שלאָפט מיט מיר אין אַ „פאָקס־האָל". זידלט ער אונדזער פרעזידענט און שעלט די ציווילע וואָס „מאַכן מיליאָנען". ווען איך דערמאָן אים, אַז זײַן טאַטע האָט אויך נישט דערלייגט צו דער מלחמה, איז ער גרייט מיך צו צערייסן:

— פילאָזאָף מײַנער, מיינסטו אַז דו ביסט אין רוסלאַנד? אין אַמע־ריקע האָט יעדער אַ גלײַכן טשאַנס צו מאַכן אַ דאָלאַר. אַמעריקע איז נישט „יוראָפּ", נישט די לויזיקע יוראָפּ, ווו מען האָט אונדז פאַרשיקט! ווען מיר וואָלטן כאָטש געהאַט דעם ריכטיקן פרעזידענט, נישט אַזאַ „יוראָפּ־לאָווער" — —

מיט יאָרן שפּעטער וועט ניק אפשר פאַרשטיין, אַז זײַן היים אין ברוקלין איז געזיכערט, ווײַל מיר ליגן איצט אין „פאָקס־האָלס".

ניק האָט אויפגעהערט פײַפן. דאַכט זיך, ער פאַרהאַלט דעם אָטעם:

„דזשערי״ איז געקומען! אויטאָמאַטיש שטרעקן מיר אויס די הענט צו די שטאָלענע העלמעטס, צעשפּיליען די טאָרבעס ווו ס׳ליגן די גאַז־מאַסקעס.

— וויפיל זענען זיי?

— דאַכט זיך צוויי — איך שפּאַן אָן מײַן אויער צום טעמפּן זעגן פון די נאַצישע עראָפּלאַנען. אַט שטעפּן שוין אונדזערע מאַשין־ביקסן! יעדע ווײַלע בליצן די קוילן־פּראָזשעקטאָרס. דער גרוב ווערט צעפינקלט מיט אַ שפּיזלדיקע ליכט.

— איך וועל פאַרשטעלן דאָס פענצטער.

— זאָלסט נישט וואַגן! — כאַפּט ניק אָן דעם טאָוול.

האַלב־נאַקעטע בלײַבן מיר זיצן מיט די שטאָלענע העלמעטס אויף די קעפּ. אונדזער גרוב איז שוין אויך אָנגעפילט מיט דער בהלה פון צווייטן פעלד. צעשראָקענע זעלנער לויפן צום רייפן קאָרן־פעלד, לויפן און ריטשען:

— „דזשע־ע־ר־ר־יס! קאָ־אָ־וו־ער! (באַהאַלט זיך).

מיר ווייסן פון וועלכן פעלד ס׳לויפן די צעשראָקענע זעלנער צום קאָרן־פעלד. נעכטן האָט מען זיי אַהער געבראַכט פון פראָנט־ליַין: זאָלן זיי דאָ באַרויִקן זייערע צעשרויפטע נערוון. כ׳האָב מיט עטלעכע גערעדט. זיי צאַפּלען פון מינדסטן שאָרך און סקריפּ. איצט האָט מען זיי צעוועקט.

צוויי „דזשעריס״ זענען געקומען. אין דעם בין איך שוין זיכער. מײַנע אויערן נאַרן מיך נישט מער... אַט פליט איצט איינער. איבער אונדזערע קעפּ — אַן אימפּעדיקע קלעמעניש דערפילסטו אין יעדן אבר... דיר פעלט אַ טראָפּן לופט, כאַטש ס׳בלאָזט פון יעדער שפּאַרע.

אַ סעקונדע — אַן אייביקייט. בשעת דער נאַצישער עראָפּלאַן זעגט דײַן שאַרבן... מחשבות פאַרמאָגן די שנעלסטע פליגל... די מאַשין־ביקסן האָבן אַהער אויסגעדרייט זייערע שמאָלע העלדזער... בלעטלעך און צווײַג־לעך פאַלן אויף אונדזער טענט. „דזשערי״ אַנטלויפט.

עס ווערט שטיל. דער וויזיט איז געענדיקט. אין קיין ניסים וועל איך קיין מאָל נישט גלייבן... מיר גלײַכן אויס ס׳געלעגער, פאַרשפּיליען די גאַז־מאַסקעס. איצט וועט מען פּרוּוון אײַנשלאָפן. ניקס אויער איז אָבער וואַכער: „דזשערי״ קומט צוריק!

— הערסט?

איך האָב נאָר געהערט דעם פּלוצעמדיקן דונער, ווי דער הימל וואָלט געפּלאַצט און די ערד ט'זיך צעשפּאָלטן פונעם בליץ! אַ טויזנט לאָמפּן וואָלטן אונדזער גרוב אַזוי נישט באַלויכטן.

— ניק!

אין מײַן רעכטן אַקסל דערפיל איך אַ שפּיזלדיקן ווייטיק: מיט די נעגל איז ניק אין מיר אײַנגעקלאַמערט... קוים ווי איך באַפרײַ זיך פון זײַנע שאַרפע נעגל.

— ניק! ניק! וואָס ווילסטו פון מײַן אַקסל?

איך דערפיל זײַנע קאָנוווּלסיעס. אין מיר ציטערן אַזש די ציין... מיר ליגן אויסגעצויגן, כאָטש כ'געדענק, אַז מיר זענען נאָר וואָס געזעסן... פּאַמעלעך הייב איך אָן דערטאַפּן די קאָלדרע וואָס איז פאַרשאָטן מיט פײַכטער ערד (די ברעטלעך האָבן נאָכגעלאָזט...) מיר קומען צו זיך. הײַנט זענען מיר אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק אין צעדרימדזשעטן „פאָקס־האָל".

✶

נאָך מיטאָג, בעת איך האָב שוין געהאַלטן אין אויפהייבן די „טיר" פון אונדזער „פּאַלאַץ", האָב איך פון דער טיף דערהערט אַ שטיל, שעפּ־טשעדיק קול, געמישט מיט אַ ווייך געלעכטערל.

כאָטש די עטלעכע ווערטער האָב איך קלאָר נישט פאַרשטאַנען, דאָך איז דער קלאַנג פון דער שפּראַך מיר נישט פרעמד: מיט איטאַליענישע אַרבעטער האָב איך יאָרן געאַרבעט אין ניו־יאָרקער שעפּער. מסתמא האָט מײַן „רום־מעיט" ניק טעררעסי, אַ וויזיטאָר: זײַן לאַנדסמאַן — טאָני דזשיגאָוואַני.

די „טיר" האָב איך שוין נישט אויפגעהויבן, נישט צו שטערן זייער שמועס. געוויס רעדן זיי פון זייערע נאָענטע און ליבע. אַפּנים, זיי ווילן נישט אַז אַ פרעמדער זאָל פאַרשטיין. אגב, איין וואָרט האָב איך יאָ קלאָר פאַרשטאַנען — „דזשאָזעפּין", דער נאָמען פון ניקס פרוי.

מעכאַניש האָט מײַן האַנט זיך אָראָפּגעגליטשט פון איינעם פון די פינעף שטאָלענע קנעפּלעך וואָס „פאַרשליסן די טיר", אַפילו פאַרגעסן, אַז געגאַנגען בין איך אַרויסנעמען די ביקס, וואָס כ'האָב שוין עטלעכע טעג

נישט געריייניקט און נישט געאוילט. עס האָט געפעלט דאָס ביסל פרײַע צײַט. אויך די פּאַסקודנע רעגנס האָבן געשטערט. אין „פּאַלאַץ" האָט איך פונאַנדערצונעמען די ביקס. כ'האָב האַלט, אַז די טיילן פון מײַן „קאַראַבין" באָדן זיך אין זון, בשעת איך מאַסאַזשיר זיי מיטן אָנגעאוילטן שטיקל געוואַנט פון זעלנערישע הויזן.

אויך ניקס ביקס וואַרט אויף מײַנע הענט. ער וועט זי נישט רייניקן און אוילן וועט זי ווערט אַפילו צעפרעסן פון זשאַווער! קיינער צווינגט אים נישט היינט צו טאָן. ס'איז נישט אין די שטאָטן, אין קעמפּ, ווו אין די באַראַקן האָבן די ביקסן אַזוי געגלאַנצט! דאָ ווערט דאָס מער נישט קאָנטראָלירט. בײַ די קאָמפּאַניע־מיטינגען דערמאָנט אַפילו דער קאַפּיטאַן אינעם „זעלנערס בעסטן פרײַנט" — די ביקס, נאָר מיט דעם ענדיקט זיך עס. קיין שום „אינספּעקשאָנס". ניק איז באַפרײַט פון אַ פליכט, און זײַן פוילקייט, דאַכט זיך, איז גרעסער ווי זײַן האָס צו יעדן ברעקל וואָס איז פאַרבונדן מיט אַרמיי־רוטין.

זײַן ביקס וועל איך אָבער נישט לאָזן זשאַווערן, אַזוי לאַנג ווי מיר שלאָפן אין איין „פּאָקס־האָל" און ווערן צוזאַמען באַשטימט אויף „גאַרד דיוטי" (אויף דער וואַך). זײַן ביקס קאָן דאָן פאַרהיטן אויך מײַן לעבן. אַ זעלנער ווייסט דאָס גוט. בײַנאַכט, אויף „גאַרד", איז יעדער שפּאַן דאָ פאַרבונדן מיט סכנה. מיר זענען נישט ווײַט פון פראָנט. היט איך אויך ניקס ביקס: ס'ווילט זיך צוריקקערן אַהיים אַ גאַנצער...

איך בין שטיין געבליבן לעבן קאָרנפעלד, וואָס די פאַרמער האָבן שוין אָנגעהויבן שנײַדן. די קאָסע איז צוגעפּעסטיקט צו אַ משונהדיק וועגעלע וואָס דאָס אַלטע פערדל שלעפּט קוים. אַן אַלטיטשקער פאַרמער פּאַדעט אַרום, צעקעמט יעדן שפּאַן פון שוין אָפּגעקאָסעטן פעלד, קלײַבט צוזאַמען די איינציקע זאַנגען וואָס די הילצערנע גאָפּלען אויפן וועגעלע האָבן נישט דערכאַפּט. אין זײַנע אויסגעדאַרטע פינגער ציטערט דאָס באַפרײַטע שטיקל ברויט. דאַכט זיך, ווען איך פאַרשטיי זײַן שפּראַך, וואָלט ער מיר איצט אַ סך דערציילט — ער פּרוווט צו מיר רעדן — —

אונדזערע זעלנער האָבן אין קאָרנפעלד אויך עפּעס פאַרזייט: הויזן, בלוזקעס, גאַטקעס און שיך. דאָס פעלד איז עטלעכע שפּאַן פון די „פּאָקס האָלס". יעדער ווײַלע לויפן די פאַרמער זיך צוזאַמען בײַם געפונענעם

אַנטיק... זיי באַווייַזן מיר דאָס געפונענע און רעדן צו מיר. איך הייס זיי דאָס נעמען, ווייַל זיי זענען געקליידט אין לאַטעס און אין לאַפּטשעס. פאַרשטייען זיי אָבער נישט מייַן „רעדן" — מייַנע צעוויגטע הענט... רעדן זיי, קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט: דענקען מסתמא, אַז מ'האָט מיך דאָ געשיקט אַלס משגיח.

— „נאָ קאָמפּרי" — איך פאַרשטיי נישט וואָס זיי פרעגן. איך בין נישט געקומען זיי היטן. זאָלן זיי נעמען די געפונענע „אַנטיקן".

בייַם „פאַקס־האָל" האָב איך ווידער געהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער: ניק רעדט נאָך מיט טאָני דזשיגאַוואַני, זייַן לאַנדסמאַן. ער דערמאָנט זייַן ווייַבס נאָמען. דזשאָזעפין רוט אויף זייַנע ליפּן.

איך צעשפּילע די „טיר" און גלייב נישט מייַנע אויגן: ניק איז אַליין! שלאָפט. ליגט אָפּגעדעקט. די הענט — פאַרלייגט אויף דער האַר־ריקער ברוסט, ווו אַ קליינע, גרינע זשאַבקע גייט אַ טענצל... ניק רעדט פון שלאָף... חלומט... חלומט — —

איך כאַפּ אָן דעם נישט־געבעטענעם גאַסט פאַר אַ פּיסל און ניק צעוועקט זיך. אַ פאַרשוויצטער פון דער היץ און פון זיסן חלום, לאָזט ער אויס צו מיר זייַן כּעס:

— משוגענער! האָסט שוין אַ נייַעם אייַנפאַל?.. וואָס ברענגסטו מיר זשאַבעס? וואָס נאָך וועסטו אַרייַנברענגען אין פאַקס־האָל?.. און ווו איז הינגעקומען מייַן דזשאָזעפין? זי איז דאָך ערשט דאָ געווען...

(נאָרמאַנדיע, פראַנקרייך 1944)

אין אַנקל סעמס באַראַקן

אין די צערויעטע באַראַקן איז געוואָרן שטיל. אויערן, אַנגעשפּיצטע, פאַרשאַרפטע, ווי בײַ יעגער אין אַ לויערונג אינעם טיפסטן דזשונגל — גרייט אויפצוכאַפּן אַ קלאַנג, כאָטש אַ שאָרך, פון חברים.

מיקראָפאָנען זענען דאָ צעהאַנגען נישט נאָר אין די שורות הילצערנע באַראַקן און אינעם טוכלען, צעפּאַרעטן „מעס־האָל" (קיך), נאָר מ'האָט זיי אויך צעזייט און צעשפּרייט איבערן ריזיקן קעמפּ. איצט ליאַפּעט מען דורך זיי די „לעצטע נייעס":

— אַטענשאָן! אַטענשאָן! באַראַק 14, 16 און 18! נאָכאַמאָל: באַראַק 14, 16 און 18 זענען אָראָפּגענומען געוואָרן פון דעם „אָרדער בי". פאַר יעדן פאַל: פון דער פּרימאַרגנדיקער ליסטע. זײַט גרייט פאַר ווײַטערדיקער אינפאָרמאַציע! שענקט מער אויפמערקזאַמקייט די בולעטינס אין אײַערע באַראַקן! די באַראַקן מוזן געהאַלטן ווערן אין בעסטער אָרדענונג! גרייט פאַר אינספּעקשאָן! דער מעס־האָל וועט הײַנט זײַן אָפן ביז עלף הונדערט — פּונקט עלף!

די שטרענג־אָנגעצויגענע, כמעט הייזעריקע שטימע, האָט געכריפּעט דורך די מיקראָפאָנען. אַ כריפּען אַזאַ איבערן מגושמדיקן קעמפּ, ווי אַן אַ שיעור טעמפּע, פאַרזשאַווערטע זעגן, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט ריזיקעביימער...

מינוטן לאַנג, זענען אָטעמס געבליבן פאַרהאַקטע אין די צעפּויקטע הערצער... פּלוצים האָט געטאָן אַ קראַך, ווי אַ האַנט־גראַנאַט וואָלט דעם באַראַק אויפגעריסן!... לו בילינגס האָט אַ שלײַדער געטאָן אַ שוך אינעם הילצערנעם דיל:

— גאָד־דעם, סאָנס־אָוו־ביטשעס! ׳ נידעריקע, געזונקענע הור־מאָנ־סטערס! שמוציקע ממזרים! נאָך אַ פּאַרציע „טשיקן שיט" (הינער־אָפּפאָל) נאָכן ברעקפעסט! וואָס קומט דאָ פאָר? מ'דאַרף דאָך דעם קוירנעל, דעם גאָד־דע־ם, אָלטן שיכור ———

לו בילינגס, דער ריז צווישן הונדערטער זעלנער, האָט נאָכן זעץ מיטן שוך אינעם סקריפּנדיקן דיל, אָנגעהויבן דעם „מי־שברך" מיט אַ שאָס, — אַ שפּײַ צו דער ברודיקער סטעליע. דער שפּײַ איז געפֿאַלן אויפֿן נידעריקן פענצטער מיט דער אויסגעבראָכענער שויב. ער האָט צעקראַשעט די לאַנגע פּיס און איז געבליבן זיצן רײַטנדיק אויפֿן בעטל:

— דעם־איט! וואָס וועט ווײַטער זײַן?

זײַן פראַגע האָט ווי אַ כמאַרע פֿאַרצויגן דעם באַראַק: די פֿראַגע האָט ער געשטעלט מאָרי גודמאַנען. מאָרי האָט דערפֿילט ווי אַ צענדליק פּאָר אויגן זענען צו אים געווענדט. ער האָט קוים באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פֿון בעטל, ווען דורכן מיקראָפאָן איז געקומען אַ באַפֿעל:

— אַטענשאָן! קאָרפּאָראַל מאָרי גודמאַן זאָל מאָרגן אין דער פֿרי רעפּאָרטירן צו מעידזשאָר קידל!

מאָרי האָט דערפֿילט ווי יעדער נערוו הייבט אָן צו רײַסן זײַן שאַרבן, ווי נעכטן, בעת ער איז אַ צעצונדענער געשטאַנען אין טשאַפּלענס אָפּיס:

— „פֿאַוואָס לאָזט מען די שלאַנגען, די נאַצישע פּריזאָנערס, אויס־טיילן צו די וועטעראַנען ס׳עסן?! ס׳איז דען נישט פֿאַראַן קיין שווערערע אַרבעטן פֿאַר זייערטוועגן?"

מאָרי האָט נעכטן אפֿילו נישט באַמערקט, אַז ער האָט געעפֿנט די טיר נישט פֿונעם יידישן טשאַפּלען. זינט ער איז אין דער אַרמיי האָט ער דאָס ערשטע מאָל אַזאַ שוועל אַריבערגעטראָטן. כאָטש ס׳איז כמעט ווי אַן אָנגענומענער כלל, אַז דאָ דאַרף זײַן ס׳אָרט ווו דער זעלנער מעג ברענגען זײַנע טענות. האָט ער נישט געגלייבט זײַנע אויערן פֿון טשאַפּלענס ענטפֿער:

— אַלע זענען גאָטס קינדער...

וועלכער גאָט — האָט מאָריס פּויסט נישט גערוט אויפֿן טיש — גאָט איז געשטאָרבן מיט מיליאָנען טויטן! מ׳האָט אים דערוואָרגן! מ׳האָט אים פֿאַרגאַזט! אין בוכנוואַלד, אין דאַכאַו־לאַגער בין איך טאַקע נישט געווען, מײַן חבר, סאַרזשענט דזשעק בערמאַן, — איז אָבער יאָ געווען, געטראָפֿן דאָרט די מערדער. די סאַדיסטן וואָס האָבן פֿון די פּריזאָנערס געמאַכט בערג הרוגים! די וואָס האָבן נאָך קוים געאָטעמט זענען געווען

הויט און ביין! דערציילנדיק מיר פונעם חושכדיקן בראָך האָט דזשעק, ווי איך, נישט געקאָנט צאַמען די טרערן. אונדזערע פיס ווי אויף זשאַר! צום הימל — אַ פלאַם! מײַן גוף — מיט שפּיזן! נעכט נישט געקענט שלאָפן. ווען דו זעסט די מלאכה פון היטלערס הענקערס וואָלסטו נישט געגלייבט דײַנע אויגן. דו רעדסט צו מיר וועגן גאָט: ער האָט געשוויגן ווען די דײַטשן האָבן געמאַכט זייף פון די ייִדישע קינדער! מ'האָט — — —

ווי אַזוי מאַרי גודמאַן איז אַרויס פון טשאַפּלענס אָפיס געדענקט ער נישט. האָט אים ווער פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן? פאַרוואָס פילט ער אַזאַ מידקייט ווי מ'וואָלט זײַנע ביינער צעמאָלט... איצט ווערט אים קלאָר פאַרוואָס מען רופט אים צו מעידזשאָר קידל: דער טשאַפּלען האָט דאָך פאַרשריבן זײַן נאָמען. ס'גיט אים אַ גלי דער מוח, צי איז ער נישט דער שולדיקער פאַר וואָס זיי האָבן געביטן דעם „אָרדער בי", בײַ דער גרופּע וואָס מ'דאַרף באַפרײַען? פאַרוואָס זאָלן די וועטעראַנען לײַדן פאַר זײַן „זינד"? נאָר אויף די „גוטע נײַעס" האָט מען זיך דאָך געריכט, נאָך איידער ער האָט געעפנט דעם טשאַפּלענס טיר...

לו בילינגסן בלײַבט ער נישט שולדיק קיין ענטפער:

— וואָס ווילסטו זאָל זײַן? ווילסט אפשר, אַז די „טשיפּס" זאָלן באַשליסן, אַז די מלחמה איז געענדיקט? מעידזשאָר קידל וועט דאָס נישט דערלאָזן... „ברעס" (אָפיצערן) אָן זעלנער זענען ווי ביקסן אָן קוילן... קידל איז דאָ דער באָס!

דער קליינינקער סיד ריסקאָ, מיט די טיפע חן־גריבעלעך אין זײַנע פוכקע פאַרברוינטע בעקעלעך, וואָס איז כמעט תּמיד שטיפעריש, איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעטל מיט אַ געצאַמטער ערנסטקייט אין די שוואַרצע ציגײַנער־אייגעלעך:

— לו, אָט איז מײַן סוּוועניר, אַ דזשעפּס „סומערײַאָ" (אַ יאַפּאַנעזישע שווערד) און מאַך דעם דזשאָב אויפן קוירנעל — פאַרגעס נישט אין מעידזשאָר קידל... די „סומעריאָ" איז גענוג שאַרף...

— יאָפּ! קידל איז שולדיק: ס'איז זײַן באַפעל פון בײַטן דעם „אָרדער בי".

מעידזשאָר קידל ווערט די טעמע אין באַראַק:

— כ׳וואָלט געטראָגן נאָך אַ יאָר דעם ברוינעם קאַמוט כדי אים צו קריגן אויף דער „צווייטער זײַט״!

— איך האָב געקענט אַ זעלנער, וואָס האָט אַזאַ מין פויגל „דאָרטן״ געגעבן דעם ערשטן קוש מיט דער ביקס...

— נישט אַמאָל אויף נאָרמאַנדי ביטש?

— ניין, אויף יוטאַה ביטש...

— קידל־בידל האָט געהיט זײַן פעלעכל: אפילו נאָענט צו דער שיף נישט צוגעקומען...

—נאָ, סער! מ׳האָט אים געהיט! פּאָליטישע פּראָטעקציע איז נישט קיין דזשי־איי „טשיקן שיט״! קידל שטאַמט פון יחוס, פון די „400״, פון דור־דורות „ברעס״.

— „ברעס״ — מײַן הינטן! דער סאָנאָוואַביטש שטאַמט פון בוטלעגערס. דורך די פּראָהיבישאָן־יאָרן האָט זײַן טאַטע אָנגעשפּאַרט אין די „הויכע פענצטער״ — געווען דאָרטן אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט די סאַמע גלאַוונע וואַשינגטאָנער טשיפס! אַ פּאָליטישן קען אים אַרויפשרויפן צו אַ 5־שטערנדיקן גענעראַל!

— יעזוס קריסטוס! ווען איך קאָן אים אַ פּאַק־טאָן אין ציווילע קליידער!

— יאָלד! אין ציווילע קליידער ווילסטו אים טרעפן? קידל וועט פירן די שלאַכטן — אין די קעמפּס...

מעידזשאָר קידל, וואָס איז אויך אין קעמפּ באַטיטלט מיטן נאָמען „עס־אָ־עס בידל״, איז נישט פונעם קאַליבער „ברעס״, וואָס אונטערשיידט אַ וועטעראַן פון אַ „רוקי״. נאָר די וועטעראַנען וואָס שטייען אויף דער שוועל אַראָפּצוואַרפן פון זיך דאָס ברוינע, שאַרסקע העמד, לאָזן זיך אַזוי גרינג נישט צאַמען. אַ זעלנער, וואָס האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ אויפן שלאַכטפעלד וויל אויסרוען ס׳בינטל ביינער אין היימישן בעט. נאָר קידל וויל זיך נישט געזעגענען מיט אָנקל סעמס ממשלה. אין הלכות דיסציפּלין איז ער ממש געניאַל: — „ס׳וויכטיקסטע וואָס אַ זעלנער דאַרף קאָנען איז — סאַלוטירן!...״ זאָלן די היסטאָריקער, וואָס וועלן שרײַבן די געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נישט פאַרגעסן אין מעידזשאָר קידלס „טעאָריע״.

זאָלן די הויכגעשעצטע היסטאָריקער אויך נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי מעידזשאָר קידל האָט באַפוילן צו סאַלוטירן:

„...אויפהייבן (די האַנט) ווי האַניק און אַראָפּלאָזן ווי דרעק!"...

אַנומלט האָבן די פּאַראַטרופּערס פון באַראַק 16 צוגעשטימט צום מעידזשאָרס באַפעל. עטלעכע יאָטן זענען געלאָפן פון באַראַק צו באַראַק און זיך געגרייט צום „פּרעזענט אַרמס" (סאַלוטירן)-פּראַקטיק; צו דער באַשטימטער צײַט האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט — איינער קעגן צווייטן — ווי אַמאָל, בעת זיי זענען געווען „רוקיס". מעידזשאָר קידל, דער האַר אַליין, האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען דאָס זען. זײַן טירחה איז נישט געווען אומזיסט. נאָר ווער זאָל זיך ריכטן אַז די פּאַראַטרופּערס וועלן מאַכן אַ „טעות"? אפנים זיי האָבן געדענקט, אַז דער באַפעל איז פאַר אַ צווייטן סאָרט אינספּעקציע... ווײַל אַזוי שנעל ווי קידל האָט זיך באַוויזן אויפן פעלד, האָבן די פּאַראַטרופּערס אָנגעהויבן פונאַנדערצושפּיליען די הויזן...

דער אַלטער סאַרדזשענט קעיסי, וואָס קריגט די באַפעלן פון מעידזשאָר קידל, איז ווי צווישן אַ קאַנאָן און אַ מאַשינביקס: אין באַראַק 16, ווו ס'געפינען זיך די פּאַראַטרופּערס, וואָגט ער מער נישט איבער־צוטרעטן די שוועל. און וואָס נעכטן האָט פּאַסירט אין באַראַק 18, וועט אויך גיין אויף קידלס חשבון, נישט זײַן ערשטע מפלה:

אין באַראַק 18 איז קאַרפּאָראַל סמיט געווען דער אומשולדיקסטער קרבן: מ'האָט אים געשיקט אויפוועקן די „באָיעס", איז ער געגאַנגען אויספּילן דעם באַפעל. בפרט ווען דער אָרדער שטאַמט פון מעידזשאָר קידל, וואָס האָט דורך די מלחמה־יאָרן זעלטן געביטן דעם קעמפּ־פּערסאָנאַל.

קאָרפּאָראַל סמיט האָט אָנגעהויבן מיט באַראַק 18, דער נאָענטסטער צום שיטערן וועלדל. מיט דעם האַנט-לאָמטערן צעזעגט ער פײַערדיקע פּאַסן פון דעם טונקעלן באַראַק, ווו אַ כראָפּנדיקע סימפאָניע האָט ריטמיש געשפּילט אָן אַ דיריגענט...

— העי! העי! — צעזינגט זיך דער קאָרפּאָראַל, ווי אין די „גוטע, אַלטע צייטן" — „ראַיז ענד שאַין"! (וואַך אויף און גלאַנץ...) „ראָל קאָל" (זיך איבערציילן) פאַר ברעקפעסט! העי! העי!

קאָרפּאָראַל סמיט האָט קוים באַוויזן אָװעקצונעמען די פינגער — אויפצודרייען דאָס עלעקטרישע ליכט — ווען דער ערשטער „ברוך־הבא" האָט צעשניטן דעם גרויען פרימאָרגן.

— אַרויס ! סאַנאָװאָביטש !

— כ'האָב דערשמעקט אַ סקאַנק... וווּ איז מײַן גאַז־מאַסקע ? !...

— העי, גודמאַן, באָרג מיר דײַן „לוגער" (דײַטשישער רעוואָלווער), כ'על אים שוין אויספּרובירן...

ווערטער אין באַראַק זענען אַ סך געפערלעכער בעת זיי ווערן באַגלייט מיט אַ האָגל פון שווערע, זעלנערשע שיך... קאָרפּאָראַל סמיט האָט געטאָן אַ ריטש, וואָס האָט ממש דעם באַראַק צעגומען. לו בילינגס' צווייטער שוך האָט ווי אַ סענעראָט אין פענצטער געטראָפן...

די בהלה האָט זיך פאַרשפּרייט אין די אַרומיקע באַראַקן — געריסן פון די שמאָלע בעטלעך. דעם קאָרפּאָראַלס ריטשען, רופן נאָך הילף, האָט טייל פאַרשלאָפענע זעלנער געוואָרפן אין פחד. איין פאַרשלאָפענער זעלנער איז פון זײַן אויבערשטן בעטל אַראָפּגעשפּרונגען און געבליבן ליגן אויפן דיל אַ צעפּיבערטער. דער זעלנער פונעם אונטערשטן געלעגער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ :

— סעי, פאַרליר נישט די הויזן... דאָס טומלען דײַנע טויטע דזשעפּס וואָס האָסט מיט איין האַנט דערוואָרגן... זיי קומען איצט עסן „בעיקאָן און עיגס !..."

— „באַנק" ! — נעמט אַ צווייטער וועטעראַן ס'וואָרט — היטלערס „עסעס"־לייט זענען געקומען פאָדערן זייער וועכנטלעכע רעישאָנס : מעידזשאָר „עס־אַ־עס" „בידל־קידל" האַלט דאָס גרייט פאַר זײַנע קאַמעראַדן...

— שאַט אַפּ ! לאָז שלאָפן : כ'האָב געהאַלטן אין חלומען פון אַ נקבה...

דער באַראַק 18 שטילט זיך אײַן : דער גלי פון סיגאַרעטן מיניעט פון עטלעכע בעטלעך. שנירלעך רויך שלענגלען זיך צום אויסגעבראָכענעם פענצטער. עמעצער פאַרציט אַ ניגון — אַזאַ סענטימענטאַל געזאַנג, וואָס קלאָגט מיט בענקשאַפט :

„כ׳האָב געהאַט אַ מיידל,
אַ, געווען איז זי שיין —
ווּ ביסטו, מיידל ?
איצט בין איך — אַליין...

כ׳האָב פאַרזוכט שלאַכטן,
מיטן טויט געווען — אויף „דו״.
קום צו מיר מײַן מיידל —
כ׳בענק נאָך אַ טראָפּן רו...״

אינעם טונקעלן באַראַק זעט מען נישט דעם זינגער, וואָס בענקט נאָך זײַן מיידל, נאָר כמעט יעדער זעלנער ווייסט: ס׳איז דעם „קידס״ קול. מען רופט אים „די קיד״ — דאָס קינד — ווײַל די מאַמעס מילך, דאַכט זיך, ליגט נאָך אויף זײַן אָפּגעצערט פּנים. אָט דער „קיד״ איז דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהינום: נישט געפעלט קיין סך ער זאָל ווערן אַן אייביקער קריפּל — פאַרלירן דעם רעכטן פוס. אַנומלט איז ער דאָ אַהער געקומען כמעט אָן באַגאַזש. זײַן טײַערסטער פאַרמעג — אַ גיטאַרע, וואָס ער היט ווי אַן אויג אין קאָפּ. צוקאָפּנס בײַ זײַן בעטל הענגט די גיטאַרע, איבערגעדעקט מיט אַ שניי־ווײַסן האַנטעך, ווי אַ מעווע מיט צעשפּרייטע פליגל. אָפּנים, דעם האַנטעך האָט ער „געבאָרגט״ אין שפּיטאָל...

דורך די אויסגעקראַכטע שויבן קריכן אַרויס, שטיל ווי אַ קאַץ, די סימנים פון נאַכטיקייט. אַ קאַלעמוטנע גרויקייט פאַרטוליעט די וואָלקנס איבערן קאָפּ. אַ חוצפּהדיק ווינטל פאַרמעסט זיך מיט די צווײַגן פון דיביימער. די קוימענס פון „מעס־האָל״ וואָרגן זיך שוין מיטן געדיכטן רויך, געמישט מיט אַ משונהדיקן פונקען־טאַנץ...

דער נײַער טאָג רײַסט זיך זאָגן „גוטמאָרגן״ די באַראַקן: פּאַמעלעך שאַרט זיך דאָס לעצטע רייפטל לבנה, ווי אַ פאַרגעלט שטיקל פאַרמעט מיט פאַרשימלטע אָרמיי־געזעצן...

✶

לו בילינגס, דער ריז פון פּאָרטלאַנד, אַ שווײַגער על־פּי טבע, האָט איצט דאָס מויל נישט פאַרמאַכט. זײַנע שיטערלעכע בלאָנדע האָר, געשוירן לויטן אַרמיי־פאַסאָן, שטייען ווי נאָדלען אויף זײַן פאַרשפּיצטן קאָפּ. דאַכט זיך, יעדער האָר באַזונדער שטעכט איצט זײַן מוח: — „אַהיים, לו, לויף אַהיים צו דער פרײַער פּרעירי!" ווי מיט צוואַנגען קלאַמערט ער איין זײַנע לאַנגע, ביינערדיקע פינגער אינעם ראַם פונעם צעדרימזשעטן בעטל און צעוויגט דעם שטאַרקן גוף, ווי אַמאָל — רײַטנדיק:

— „גידי־אַפּ! גידי־אַפּ, באַי!"

מיט אַ קראַך אויפן הילצערנעם דיל האָט דאָס שמאָלע, נידעריקע בעטל, אויסגעצויגן די „קאַפּיטעס"!...

— העי, דער קאָובאָי איז אַראָפּ פון זינען! — בייזערט זיך אַ זעלנער פון צווייטן עק באַראַק, וואָס האָט געפּרוווט אײַנדרימלען.

— דער גאָט־פאַרדאַמטער היל־בילי וועט אויך זיך פאַרמעסטן צו רײַטן אויף אַ בעזים! — זאָגט סיד ריסקאָ.

— סעי, דזשוירק (יאָלד), — רעוועט אַ וועטעראַן, וואָס האַלט אין צעשרויפן דעם פאַרזשאַווערטן קוילן־שלאָס פון אַ יאַפּאַנעזישער ביקס, אַ סוווועניר פון די דזשונגלס, — אין די שטאַלן פעלן דאָך נישט אויס קיין יונגע, אויסגערוטע פערדלעך! אָט רוף איך שוין אָפּ קוירנעל קאַרען, ברענגט ער דיר תיכף אַן אמתדיק פערדל...

לו בילינגס וואָלט אפשר נאָך לאַנג געבליבן זיצן פאַרלוירן, פאַר־שעמט אויפן אויסגעצויגענעם „פערדל" אינמיטן באַראַק, ווען נישט זײַן חבר בוטש.

„בוטש" — אַזוי האָט ער פאַרגעשטעלט זײַן נאָמען — האָט דערהערט דעם קראַך און ס'געלעכטער אין באַראַק־לאַטרין, וווּ ער האָט זיך געהאַלטן אין ראַזירן נאָכן שפּריץ. אָדם־נאַקעט איז בוטש אַ רגע געבליבן בײַם שווענקן אויף לואין: געבליבן בײַם שוועל און מיט רציחה אויפגעשפּרונגען אויף לואין:

— גאָ־דע־ם, סאָנאָוואַביטש! אויף קיין מינוט קאָן איך דיך נישט איבערלאָזן! נאָך ווינציק צרות פון דיר אויסגעשטאַנען?!... פאַרברען דעם לויזיקן באַראַק, נאָר צעברעך אים נישט!...

לו האָט געכאַפּט די אָפּגעבליאַקעוועטע קאָלדערע און זיך אָנגעהויבן

אין איר וויקלען. בוטשס פוס האָט זיך דאָרט פאַרפּלאָנטערט און ביידע האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָטשען צווישן די בעטלעך.

דאָס געלעכטער אין באַראַק איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן: איז דאָס אַן אמתדיק געשלעג? וועט דער קורץ־וווקסיקער בוטש צערייסן דעם ריז, זיין חבר? פאַרוואָס ציטערט אַזוי לו בילינגס, וואָס פאַרמאָגט מוסקולן ווי שטאָל, פאַר בוטשן?

לו און בוטש האָבן זיך צוגעקלערט צום איינציקן בעטל אין באַראַק, וואָס איז געשטאַנען פאַרבעט. דאָס געלעגער באַלאַנגט צו דזשעק ענדערסאָן, וואָס איז אַוועק אין שטעטל „פאַרברענגען" און איז נאָך נישט צוריקגעקומען... דזשעקס בעטל האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן, ווי אַ ליידיק שיפל אויף אַ צעבורעטן טייַך... זיין חבר, מאַרי גודמאַן, איז צוגעלאָפן און זיך איינגעקלאַמערט אין בוטשס אַקסל:

— האָסט נאָך ווינציק זיך געשלאָגן?! דער מעס־האָל איז פול מיט „דזשעריס" (נאַצישע פּריזאָנערס) — צעברעך זייערע ביינער...

בוטש האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַן אָפּן מויל. דאָס קייטעלע מיט די צוויי „דאָג־טעגס" האָבן זיך געוויגט אויף זיין באַוואַקסענעם ברוסט־קאַסטן. ער האָט אָפּגעמאָסטן מאַרין פון קאָפּ ביז די פיס:

— דו האָסט די „דזשעריס", האַ?

— און דו ביסט אין זיי פאַרליבט?...

— ווילסט אפשר, אַז איך זאָל הונגערן, ווי דו, ווייל די דזשעריס טיילן אויס ס׳עסן? דזשעק ענדערסאָן וועט דיר הייַנט גאַרנישט אַרויס־ברענגען. קענסט פאַסטן, אויב דו ווילסט...

— דאָס איז מייַנע ביזנעס! — האָט מאַרי שאַרף געענטפערט.

— יאָ, ביזנעס. ס׳איז אַ גאָד־ד־דעם ביזנעס! ביסט געלאָפן זיך באַקלאָגן, וואָס די דזשעריס טיילן אויס ס׳עסן און איצט האַלט מעידזשאָר קידל אַן אויג אויף אונדזער באַראַק... „טשיקן שיט!" — דאָס איז מעידזשאָר קידלס ביזנעס...

לו און בוטש זענען שוין וואָכן לאַנג אין די שטאַטן און צום דריטן מאָל דורכגעפאָרן פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק: זיך שוין אויסגעוואַלגערט אין פאַרשידענע קעמפּס. אפשר על־פּי טעות קריגן זיי די פרייַע יאַזדעס נאָכן אָפּדינען יאָרן מעבר לים! אָדער מסתמא דאַרף מען דאָס צושרייַבן

צו דער „אַרמיי־רוטין"... פאַר יעדן פאַל זענען זיי ווײַט פון צו זײַן די איינציקע וואָס „שוויצן אויס", וואַרטן אויף די באַפרײַונג־פּאַפּירן.

אמת, זייער גרופּע איז באַשטאַנען פון 5 וועטעראַנען, נאָר בײַם לעצטן „וואָיאַזש" האָט מען דרײַ ניו־יאָרקער פאַרהאַלטן אין אַ קאַלי־פאָרניער קעמפּ: לו און בוטש וואַרטן דאָ אויף זייער באַפרײַונג — טויזנטער מײַל פון זייערע היימען...

לו בילינגס איז אין באַראַק, ווי אַ בער אין אַ שטייג: ער האָט אַראָפּגעריסן דאָס טירל פון זיין „פּוט־לאָקער" (אַ הילצערן קעסטלביים זעלנערשן בעטל), צוזאַמענגערוקט צוויי בעטלעך און פונעם טירל געמאַכט — אַ באַנק. די „באַנק" האָט געהאַט דעם זעלבן סוף, ווי ס'האָט געהאַט זײַן בעטל וואָס ער האָט אויף דעם געפּרווווט רײַטן... איצט איז ער שוין פאַרנומען מיט אַ נײַער מלאכה: מיטן שטריק, אײַנגעפּרעסט מיט זשאַווער, וואָס אַ זעלנער האָט דורכגעצויגן דורכן „האַלדז" פון דער יאַפּאַנעזישער ביקס, מאַכט ער משונהדיקע שטיק אין דער לופטן: ער קאַלערט דעם שטריק ווי ר'וואָלט געדרייט אַ רייף פון אַ פאַס. צום סוף בינדט ער קונציק אויס אַ פּעטליע און פאַרוואַרפט אויפן „גאָרגל" פונעם לעמפּל, ביי דער ברודיקער סטעליע...

— העי, היל־בילי, נישט אויפן ריכטיקן האַלדז האָסטו די פּעטליע פאַרצויגן...

לו ענטפערט נישט. ער רייכערט איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן. די מינוטן וואָס ער רייכערט נישט פּרווווט ער מיט די ציין אײַנבײַסן די אונטערשטע ליפּ... די נעגל האָט ער שוין אָפּגעגריזשעט צוזאַמען מיט שטיקלעך הויט פון זײַנע מאַסיווע פינגער. זײַן האַרץ איז פול מיט בענקשאַפט נאָך אַ ציוויל העמד. אָנקל סעמס משונהדיקע בוכהאַלטעריע איז אים שווער אויסצוחשבונען: אפילו מיט שטריק און קייטן לאָזט זיך דאָך נישט בינדן די לאָגיק פון אָן אַ שיעור באַפעלן און געזעצן. פרעגט ווער אַ פראַגע אויף אַ נײַער פאַרציע „רוטין", איז דער ענטפער אפשר עלטער פון קאָלאָמבוסן:

— „דהיס איז די אַרמי ווערי!..."

און אַזוי גייט דער פּסוק:,

3 וועגן זענען פאַראַן:

1) דער ריכטיקער וועג,

2) דער פאַרקערטער וועג, און —

3) דער אַרמיי־וועג.

אַזוי ווי מיר גרייטן זיך נישט צו ווערן קיין גענעראַלן, וועט דער דריטער וועג אונדז בלייַבן קלאָר, קלאָר ווי בלאָטע...

לו בילינגס קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין דעם זין פון שיקן אים צוריק אין קעמפּ נישט ווייַט פון ניו־יאָרק, און די ניו־יאָרקער גרופּע — פאַרהאַלטן אין קאַליפאָרניע!... ער הייבט אָן אויפצושטעלן זייַן אייַנגע־פלאַטשיקט בעטל און רעדט צו זיך:

— סאָנאָוואָביטשעס! כ'האָב דאָך שוין אָפּגעקאָסט דער רעגירונג אַ פאַרמעגן אויף באַן־בילעטן! וועלכער „טשיף" איז עס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם סאָרט סאַבאָטאַזש?!

— העי, קאָובאָי, אפשר ביסטו אַ שטילער שותּף פון דער באַן־קאָמפּאַניע?

לו בילינגס קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין דעם זין פון שיקן אים די אויסגעזעצטע שויבן און ענטפערט סיד ריסקאָן:

— יאָפּ, איך בין איר פּרעזידענט!...

— ש־ש־ש — אַ גאַסט קומט!

אינעם טומלדיקן באַראַק איז די וואָרענונג צערונען געוואָרן. דער זעלנער האָט אַרייַנגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל, געמאַכט אַ „שיפל" פון דער צונג און געטאָן אַ פייַף, ווי אַ קויל וואָלט דורכגעלעכערט דעם צווייגאָרנדיקן באַראַק.

סיד ריסקאָ האָט זיך אָנגערופן:

— רופסט די טייַבעלעך, וואָס דער קוירנעל האָט אויפגעפרעסן? מיט אַזאַ פייַף וועסטו אויפוועקן די מייַז און די וואַנצן!...

דעם זעלנערס וואָרענונג איז נישט געווען אומזיסט: סאַרדזשענט קעיסי האָט מיט געצאַמטע, נישט־זיכערע טריט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון באַראַק 18, דער נאָענטסטער צום שיטערן וועלדל.

— העלאָ, באָס! — קלינגט זייַן שטים פאָטערלעך — אַ שיינער, זוניקער פרימאָרגן, האַ־?

לו בילינגס, וואָס קעמפט מיט אַ לאַנגער נאָדל בייַם אָנבייען אַ קנעפּל

אין צעקנייטשטן העמד, דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער טיר, ווו סאַרזשענט קעיסי איז געבליבן שטיין, און ס׳בלײַבט דאָרט הענגען זײַן פאַרחידושטער בליק.

מאַרי גודמאַן, אַ קנויל צעשרויפטע נערוון, וועלכע ער פרווט צאַמען, איז אַ פאַרטיפטער אין מחשבות. ער פרווט אינעם טומל עפּעס פאַרציי־כענען אין זײַן טאָג־בוך. ער הייבט אָן נערוועז צו בײַסן דעם בלײַפעדער און קוקט פאַרוווּנדערט אויפן גאַסט. אַזאַ קול פון אַ סאַרזשענט, אַזאַ מענטשלעכע באַגריסונג קלינגט פרעמד פאַרן זעלנערס אויער. מאַרי גודמאַן הערט־אויף צו בײַסן דעם בלײַפעדער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך אַמאָל — מיט עטלעכע יאָר צוריק — בעת ער און פיליפּ, זײַן געפאַלענער ברודער, האָבן דאָ געקראָגן די ערשטע מושטירונג, די „בעיסיק טרעינינג״, איז סאַרדזשענט קעיסי געווען מענטשלעך. ער איז געווען כמעט דער איינציקער, וואָס די „רוקיס״ האָבן נישט געהאַסט. מאַרי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל:

— עפּעס נײַעס, סאַרדזשענט? די זופּ האָט זיך אפשר פאַרברענט?

סאַרדזשענט קעיסי ענטפערט נישט. די טיפע קנייטשן אַרום די מויל־ווינקלען קאַרבן זיך און אַ דין שמייכעלע נעמט רוען אויף זײַנע דיקלעכע ליפּן, ווי בײַ אַן אַלטן טאַטן, וואָס איז צופרידן פון זײַן זונס חכמהלע. ער מאַכט עטלעכע געצאַמטע טריט, קוקט אַביסל לענגער אויף די אויסגעזעצטע שויבן, גלעט מיט די אויגן כמעט יעדן זעלנער, און וואַגט נישט צו דערקלערן זײַן מיסיע. דער באַראַק, ווי נאָך אַ שלאַכט, ליגט אים איצט נישט אינזינען.

אין באַראַק איז פּלוצעם געוואָרן שטילער. ווער ס׳האָט געהאַלטן אין פּוצן די שיך, לייגט אַוועק די באַרשט אָן אַ באַפעל. דער זעלנער וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים „פּוט־לאַקער״ (אַזאַ שמאָל קעסטל לעבן יעדנס בעטל) לאָזט פּאַמעלעך אַראָפּ דאָס טירל און בלײַבט זיצן מיט די צעלעכערטע שקאַרפּעטן אין האַנט. די חברה וואָס האַלטן אין וואַרפן די געמבלינג־ביינדלעך, „דאַיס״, הייבן אויף די קופּקעלעך געלט פון דער אויסגעשפּרייטער קאָלדרע אויפן דיל, בײַם שוועל פון דער לאַטרין (וואַשצימער) און פאַרהאַלטן ס׳שיסן מיט די „דאַיס״. עפּעס אַ נישט־זיכערקייט האָט זיך פּלוצלונג דערפילט אין באַראַק. פאַרוואָס? — קאָן

קיינער נישט באַשטימען. אפשר דערפאַר, וואָס מ'האָט באַמערקט, אַז פון סאַרדזשענט קעיסיס פּאַטראָנטאַש הענגט אַראָפּ אַזאַ גרויסער רעוואָל־ווער? ס'איז דאָך ס'ערשטע מאָל וואָס מ'זעט דעם סאַרדזשענט אין קעמפּ מיט אַ רעוואָלווער. איז דאָס נישט אַמאָל מעידזשאָר קידלס לעצטער באַפעל? איז פון טראָגן געווער די סיבה, וואָס קאָרפּאָראַל סמיט האָט דאָ געקראָגן אַזאַ סאָרט „ברוך־הבא", וואָס האָט אַזש צעשרויפט דעם קעמפּ!

פון לאַטרין איז בוטש אַרויסגעקומען שוין אָן אָפּגעראַזירטער. ער איז געבליבן שטיין בײַ די ברייטע טרעפּ, ווו צוויי יונגע „רוקיס", וואָס מ'האָט זיי צוגעטיילט די „כּיבודים" אויף אַ גאַנצער נאַכט אין קיך — זענען שנעל אַראָפּגעלאָפן. די צוויי „רוקיס" וואָס זענען געשלאָפן אויפן צווייטן שטאָק, זענען ווי צעשראָקענע פייגל אַרויס פון באַראַק...

בוטש איז איצט שוין נישט געווען נאָענט ווי פריִער, בעת ער איז אַרויסגעלאָפן און האָט זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט לו בילינגס. איצט האָט ער שוין געטראָגן די נײַע הויזן, וואָס מ'האָט אויסגעטיילט צו די וועטעראַנען.

בוטש האָט אַרויפגעשפּאַנט אויף צוויי טרעפּ און ס'קייטעלע מיט די „דאָג־טעגס" (אידענטיפיקאַציע־בלעכלעך) ווו אַ קליין, שוואַרץ צלמ'ל איז אַראָפּגעהאַנגען, האָבן זיך צעוויגט אויף זײַן נאַקעטער ברוסט. האָט בוטש פאַרגעסן אָנצוטאָן ס'העמד אָדער סאַרדזשענט קעיסיס וויזיט דאָ איז די סיבה, וואָס ער איז אַרויסגעקומען האַלב־נאַקעט? דאַכט זיך, ווען עמעצער פרעגט אים די פראַגע וואָלט ער נישט געקאָנט ענטפערן. ער וואָלט אויך נישט געקאָנט ענטפערן פאַרוואָס מאַרי גודמאַן האָט פריִער אַזוי טרוקן אָפּגעשניטן; פאַרוואָס האָט ער אים נישט דערלאַנגט אין די ציין... ס'איז מאַריס עסק, וואָס ער האָט בילינגסן געוואָלט צאַמען, נישט לאָזן אים אַרויס פון די כּלים?

אַ באַרוועסער איז בוטש געשטאַנען אויף די הילצערנע טרעפּ מיט אַ צעוויגטן סיגאַרעט אין מויל. קונציק האָט ער איבערגעגליטשט דעם סיגאַרעט פון רעכטן מויל־ווינקל צום לינקן, און צוריק. ער זופּט דעם רויך ווי אַ דאַרשטיקער, וואָס כאַפּט זיך־צו צו אַ וואַסער־קוואַל. ס'איז זײַן טבע אַזוי צו „זופּן" און „גליטשן" דעם סיגאַרעט, בעת ער דערפילט

אַז לו בילינגס איז שוין ווידער „אין טראָבל". פאַרוואָס היט ער אַזוי זײַן חבר לו בילינגס, ווייסט קיינער נישט אין באַראַק. וואָס מ׳ווייסט יאָ איז, אַז לו בילינגס, דער ריז, וואָס איז כּמעט מיט צוויי קעפּ העכער פאַר בוטשן, ציטערט פאַר זײַן בליק.

בוטש שטייט באַוועגלאָז. זײַנע שאַרפע, שוואַרצינקע אייגעלעך „גליטשן" זיך, מעסטן יעדן אין באַראַק. ס׳נאָגט אים אַ פראַגע: ווער ווער וואָגן אויסזאָגן, אַז לו בילינגס ערשטער שוך האָט געטראָפן אינעם פענצטער און דער צווייטער שוך אין קאַרפּאָראַל סמיט׳ס קאָפּ? פאַרוואָס דאַרף מאַרי גודמאַן מאַרגן זיך מעלדן צו מעידזשאָר קידל? ווער איז שולדיק וואָס באַראַק 14, 16 און 18 זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פונעם „אָרדער בי"? איז מאַרי גודמאַן דער שולדיקער, ווײַל איז עס דען זײַן עסק, וואָס די געפאַנגענע „דזשעריס" (נאַצישע זעלנער) טיילן־אויס די פּאָרציעס אין „מעס־האָל"? ווער האָט מאַרין געהייסן גיין צום טשאַפּלען?

בוטש רוקט אַרײַן די הענט אין די פּוסטע קעשענעס, ווי ער וואָלט געזוכט דאָרט דעם ענטפער צו די אַלע פראַגן. ער הייבט פּלוצלונג אָן צו טראַכטן פון די געפאַנגענע „דשזעריס", וואָס מ׳דערלויבט זיי צו באַלעבאַטעווען אינעם „מעס־האָל". זיי קוקן מיט שפּאָט אויף די וועטעראַנען. זייער „אָ־קעי, דזשאָן", קלינגט מיט פאַרשײַטער חוצפּה צום וועטעראַן וואָס הייסט זיך געבן אַ גרעסערע פּאָרציע... אפשר מיט רעכט האָט מאַרי גודמאַנס פּוס נישט איבערגעשפּאַנט די שוועל פונעם „מעס־האָל"?...

בוטשס בליק פאָלגט נאָך סיד ריסקאָן, וואָס פרעגט בײַם סאַרדזשענט:

— ביסט אונדז געקומען אָנזאָגן, אַז מאָרגן וועלן מיר זיך געזעגענען מיט אָנקל סעם?!

— ניין, — ענטפערט סאַרדזשענט קעיסי — אַזאַ נײַעס וואָלט איך גערן דאָ געוואָלט יעדן אָנזאָגן...

— איז אפשר ביסטו געקומען אונדז אָנזאָגן די טײַערע בשׂורה, אַז מעידזשאָר קידל האָט שוין געקראָגן נאָך אַ פּראָמאָשן (העכערן ראַנג)?

— ניין, — שאָקלט דער סאַרדזשענט מיט׳ן קאָפּ — אָבער אַזעלכעס קאָן לײַכט פּאַסירן...

לו בילינגס העלפט אַרויס סיד ריסקאָן:

— יאָפּ, פון מעידזשאַר קידל ווערט לייטענאַנט-קוירנעל קידל.

— פון לייטענאַנט-קוירנעל — קוירנעל!

— קידל שטײַגט אויפן לייטער!

— פון אַ קוירנעל — בריגאַדיר-דזשענעראַל!

— פון בריגאַדיר-דזשענעראַל — לייטענאַנט-דזשענעראַל!

— נאָך אַ טרעפּל, מעידזשאַר-דזשענעראַל!

— וואָס גייט נעקסט?

— פאָר סטאַר דזשענעראַל (גענעראַל מיט פיר שטערן)!

— דאָ איז דער העכסטער שפּיץ?

— נישט פאַר מעידזשאַר קידל!... 5 סטאַר דזשענעראַל!

לו בילינגס האָט זיך געלאָזט ווילגיין אויף מעידזשאַר קידלס חשבון. ער האָט נישט געוווּסט, אַז בוטש שטייט ווי אויף הייסע קוילן... בוטש איז צוגעלאָפן און האָט אַרויסגעריסן ס'העמד פון בילינגס הענט, ווו ס'האָבן געפּעלט עטלעכע קנעפּלעך פון זייער פריערדיקן ראַנגלען זיך אויפן דיל.

— שאַט-אַפּ (האַלט ס'מויל)! ווילסט שוין פאַרקאָכן אַ נײַע קאַשע?

אַ טויט-שטילקייט האָט אָנגעפילט דעם באַראַק. אַ גרויסע פליג האָט אַרײַנגעזשומעט דורך דער אויסגעבראָכענער שויב. עטלעכע צענדליק פּאָר אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט די פליג, וואָס האָט געקרײַזט אַרום דעם אויסגעבויגענעם „טעלער", ווו לו בילינגס האָט פריִער געפּרוווט פאַר-וואַרפן דעם שטריק אַרום דעם „האַלדז" פונעם עלעקטרישן לעמפּל...

סאַרדזשענט קעיסי האָט דערפילט די אָנגעצויגנקייט, וואָס האָט ווי געשניטן די הייסע לופט. ער האָט געפּרוווט זוכן ס'פּאַסנדיקע וואָרט, וואָס זאָל צעברעכן די שלעכטע שטימונג; געזוכט אַן אָנהייב, וואָס זאָל זײַן אַ פאַרוואָרפענע בריק צו זײַנע צוויי געפאַלענע זין. זאָלן די וועטעראַנען וויסן פון זײַן בראָך. זאָלן זיי וויסן, אַז אים ליגט נישט אין זינען מעידזשאַר קידל. אפשר וועלן זיי אים גלייבן, אַז ער איז נישט מער ווי אַ שליח פון אייגעם, וואָס רײַסט זיך צו ווערן אַ גענעראַל!

סאַרדזשענט קעיסי האָט געשוויגן, נאָר ער האָט געפילט ווי אַ ים מיט ווערטער וואָרגן אים. די נישט-אַרויסגערעדטע רייד צעגליִען זײַן

גומען. אַט זעט ער זיך — מיט אַ צוויי־צענדליק יאָר צוריק — דעם וועטעראַן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער וואַרט אויפן טאָג, וואָס וועט אים באַפרײַען פון קלעם... עס פאַלט אים דאַן גאָרנישט אײַן, אַז די שטיקלעך שטאָל אין זײַן רעכטער האַנט און ס'צעבראָכענע פאַמיליע־לעבן וועט אים צוריקפירן אויף אָנקל סעמס קעסט. איצט פילט ער ווי ער וואָלט געשטאַנען אויפן דעק פון אַ צעשאָסענער שיף, וואָס האַלט אין זינקען...

אַ חרטה־געפיל הייבט אָן צו גריזשען סאַרדזשענט קעיסין: פאַרוואָס איז ער צוריקגעגאַנגען אויף אָנקל סעמס קעסט? געדאַרפט אָנהייבן אַ נײַ לעבן — נישט בלײַבן אַליין... מיט די וועטעראַנען פון ערשטן קריג געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך — נישט דערלאָזן פאַרגרייטן נאָך אַ גרעסער פײַער. ס'איז דאָך אויך זײַן שולד, וואָס ער האָט נישט פאַרהיט זײַנע צוויי זין... וואָס וועלן די נײַע וועטעראַנען טאָן? זאָל ער זיי דאָ איצט דערציילן פון זײַן טעות?

אַ פאַרקלעמטער שטייט דער אַלטער סאַרדזשענט ווי אַ בוים אין שטורעם. ער קוקט אין ווינקל בײַ דער סטעליע, ווו די פליג האָט זיך אײַנגעפּלאָנטערט אינעם שפּינוועב...

, די געשפּאַנטע שטימונג האָט געבראָכן דער ייִנגערער וועטעראַן, וואָס איז געזעסן אויפן בעטל און האָט געהאַלטן אין פּוצן זײַן גיטאַרע. „די קיד״ האָט אויסגעשטרעקט די נאַקעטע האַנט צו סאַרדזשענט קעיסי:

— סעי, פּאָפּ, ווו האָסטו געקראָגן אַזאַ קליינעם לוגער? (דייטשער רעוואָלווער) אַ סוווענייר פון די דזשעריס?

— אָ־אָ! — האָט לו בילינגס צעפליגלט די לאַנגע הענט — דער־אַ קליינער לוגער האָט אַ האַלדז ווי אַ באַזוקע!

דעם צווייטן קיבעץ האָט סאַרדזשענט קעיסי אפילו נישט געהערט. אַ קאַלטער שוויס האָט פּלוצלונג באַגאָסן זײַן דיקלעכן קערפּער. דאָס וואָרט „פּאָפּ״ האָט אים געריירט ביז טרערן. דעם „קיד׳ס״ קול קלינגט ווי פון סטיוון, זײַן ייִנגסטער זון, וואָס איז מיטן דורכגעשאָסענעם פּאַראַשוט אומגעקומען אין נאָרמאַנדי.

פּאַמעלעך האָט סאַרדזשענט קעיסי זיך צוגעשאַרט צום זעלנער. אויפן „קיד׳ס״ בעטל האָט ער עפּעס באַמערקט, וואָס האָט אים שטאַרק

פאַרחידושט: אַ לאַנגן „זיפּער״־שלאָס אײַנגעגנייט אינדערמיט פון דעם רעכטן פוס־פּלודער.

אַזאַ קונץ האָב איך נאָך נישט געזען — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, פּאַפּ. ווילסט אפשר זען בעטי גרעיבלס פיס?

„די קיד״ האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער האָט אַוועקגע־לייגט די גיטאַרע און אַנטבלויזט דעם רעכטען פוס, מיט אַן אַ שיעור בלויע קאַרבן און שטעך — סימנים פון אָפּעראַציעס.

— יעס, דער שענסטער פוס פאַר האָליוווד, אמת, פּאַפּ?

סאַרדזשענט קעיסי, וואָס איז סענטימענטאַל צום וואָרט „פּאַפּ״, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פונעם בעטל, און זײַנע צאַפּלדיקע פינגער האָבן זיך אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן אינעם „קיד׳ס״ בלאָנדע, געקרויזטע האָר:

— ס־ט־יי־וו־י — האָבן די געציילטע זילבן פון זײַן זונס נאָמען אָנגעהויבן גלײַען אויף זײַן צונג...

סאַרדזשענט קעיסי, אַ צעפּײַניקטער פון זײַן אומגליק, זעט מער נישט דעם באַראַק מיט אַ דרײַ צענדליק בעטלעך. אים דאַכט זיך, אַז ער איז ווי אַמאָל אין זײַן שוועסטערס הויז, וווּ זײַן סטיווי ליגט קראַנק; פּעטריק, זײַן עלטסטער זון, וואָס איז אומגעקומען אין די דזשונגלס, שטייט אויך בײַם ברודערס בעטל. סטיווי וויינט, רעדט פון פיבער: — „פּאַפּ, כ׳וויל נישט זײַן קיין זעלנער! זעלנער שיסן איינער דעם צווייטן! כ׳וויל נישט מ׳זאָל מיך שיסן! פּאַפּ! פּאַפּ! פאַרוואָס ביסטו אַ זעלנער? פאַרוואָס, פּאַפּ!? דעם אַלטן סאַרדזשענט דאַכט זיך, אַז ער הערט זײַן זונס קול. ער וויל אים עפּעס זאָגן. זײַן צונג פּלאָנטערט איין נאָמען: — „ס־טי־וו־י״.

דעם „קיד׳ס״ פּלאַכער, כמעט קינדישער ברוסט־קאַסטן האָט זיך געבלאָזן פון שרעק, קוקנדיק אויפן סאַרדזשענטס פאַרטרערטע אויגן. ער האָט שנעל צעוויגט דעם קאָפּ, זיך באַפרײַט פון קעיסיס צאַפּלדיקע פינגער.

אַ ווײַלע איז קעיסי געבליבן זיצן מאַטלאָז, מיט דער האַנט אינדער־הויך, ווי ער וואָלט נאָך געגלעט דעם „קיד׳ס״ בלאָנדן טשופּ געקרויזטע האָר. די זעלנער, באַמערקנדיק ס׳בילד, האָבן אַרומגעצאַמט ס׳בעטל:

— סאַרדזשענט!

סאַרדזשענט קעיסי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ס'איז זײַן טבע בעת מ'רײַסט אים אויף פון אַ טיף־פאַרשיכורטן שלאָף. ער דרייט מיטן קאָפּ צו די וועטעראַנען וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. ער פּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר זײַן צונג איז נאָך ווי אַ קנויל. מאַרי גודמאַן באַפרײַט קעיסיס האַלדז פונעם שניפּס, צעשפּיליעט זײַן העמד און הייבט אים אָן פירן צום פענצטער מיט די אויסגעהאַקטע שויבן:

— סאַרדזשענט, רופן אַ דאָקטאָר?

סאַרדזשענט קעיסי וואַכט אויף פונעם טראַנס. ער לייגט אַרויף די האַנט אויף מאַריסעס אַקסל און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין". ער זאָגט זיך אָפּ פונעם טעפּל וואַסער, וואָס מ'טראָגט אים אונטער, און בעט אַ סיגאַרעט. אַ צענדליק פּאָר הענט זענען געבליבן אויסגעשטרעקט מיטן סיגאַרעט. קעיסי האָט זיך צעשמייכלט און שטיפעריש פאַרקוועטשט אַן אויג:

— אָ, טייוואָלים, ווו איז אַביסל פײַער פאַרן סאַרדזשענט?

— פײַער פאַרן סאַרדזשענט?

סיד ריסקאָ איז געווען דער ערשטער מיטן אָנגעצונדענעם שוועבעלע:

— סאַרדזשענט, אין די באַראַקן פעלט נישט קיין פײַער... אָט־אָ־דער, אָנווײַזנדיק אויף קעיסיס רעוואָלווער — קאָן עפּעס ריכטיק רייכערן? ווו האָסטו אים געקראָגן? אפשר וועלן מיד זיך בײַטן — איך האָב אַ וואָזשנעם סוווועניר.

דער שמייכל איז פאַרווישט געוואָרן פון קעיסיס פּנים. ער האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט:

— ניין, מײַן באָי, כ'האָב אַ סוווועניר...

פּאַמעלעך האָט סאַרדזשענט קעיסי צעשפּיליעט ס'דורכגעשוויצטע העמד און באַפרײַט די רעכטע האַנט פונעם אַרבל:

— ווי געפעלט דיר מײַן סוווועניר? אַזאַ סאָרט לוגער פונעם ערשטן קריג האָט שוין ווער פון אײַך געזען?

סאַרדזשענט קעיסי האָט געמאַכט אַ האַלבן ראָד פון זײַן נאַקעטער האַנט, ווו עד־היום רוען נאָך דאָרט שטיקלעך שטאָל. די קנייטשן און טיפע קאַרבן — פון אַרעם ביזן עלנבויגן — ווי פאַרטריקנטע קאָרע אויף אַ צווײַג...

מאָרי גודמאַן, וואָס איז געשטאַנען דער נאָענטסטער צו סאַרדזשענט קעיסי, האָט מיט צעגליטע אויגן געקוקט אויף קעיסיס נאָענטער האַנט — דעם „סוווענויר״ פונעם ערשטן קריג — האָט מיט אַ צעפּיבערטן פינגער אָנגעוויזן אויפן „קיד׳ס״ פּוס:

— „„די קיד״ ברענגט אויך אַהיים אַ „סוווענויר״. ווי זאָגט מען: „געשיכטע חזרט זיך איבער״ — ווער איז שולדיק? סאַרדזשענט, ווער?!

מאָרי גודמאַנס פראַגע האָט צעוועקט דעם אַלטן סאַרדזשענט קעיסי. ער האָט דערפילט, אַז איצט וואַרגן אים נישט די רייד, וואָס ער האָט פריִער נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. איצט וועט ער דערקלערן די סיבה פון זייַן קומען. זאָלן די וועטעראַנען וויסן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אָנקל סעמס קעסט. נאָך עטלעכע טעג — אפשר וואכן — וועט ער זייַן אַ באַפרייַטער: ער האָט שוין אויסגעפּילט די בייטיקע פּאַפּירן, וואָס מ׳וועט אָפּשיקן קיין וואַשינגטאָן. ער האָט שנעל גענומען אָנטאָן ס׳העמד און אָנגעהויבן רעדן צום ראַד וועטעראַנען:

איך בין שולדיק... די וועטעראַנען פונעם ערשטן קריג זענען די שולדיקע, וואָס זיי האָבן געלאָזט פאַרגרייטן דעם צווייטן גיהנום!... מייַנע צוויי זין האָב איך נישט פאַרהיט... אַפילו אויף אַ מינוט קאָן איך מער נישט רוען... דער שלאָף איז אויסגערונען פון מייַנע אויגן... ס׳פאַרטראָגט מיך אין די הייסטע שלאַכטן... אַזוי שנעל ווי איך כאַפּ אַ דרימל, וואַקסן אויס מייַנע זין — רייַסן מיך פון געלעגער... אַמאָל קומען זיי באַזונדער און אָפּט — צוזאַמען... נעכטן האָב איך אויסגעליידיקט ס׳פלעשל, נאָר דער בראָנפן האָט אויך נישט געהאָלפן. בין נישט געשלאָפן, נאָר די אויגן נישט געקאָנט אויפרייַסן. האָב געזען מייַן סטיווין אויף אַ בוים אין נאָרמאַנדי... זייַן צעשאָסענער פאַראַשוט — פאַרפּלאָנטערט אין די צווייַגן. ווי וועלף האָבן די „דזשעריס״ אַרומגערינגלט מייַן סטיווין. דערנאָך האָב איך געזען מייַן פּעטריקן אינעם דזשונגל. פּעטריק איז געלעגן אַ צעפּאַל־מעסטער... טויזנטער פון אונדזערע זעלנער האָב איך געזען אינעם דזשונגל, וואָס האָט געברענט פון אַלע זייַטן... כ׳האָב———

ר׳האָט פאַרפּרעסט די ליפּן. ס׳נישט דערזאָגטע האָט אים ווידער גענומען וואַרגן. דער קנאָפּ אויף זייַן האַלדז האָט שנעל זיך געגליטשט אַרויף־

און־אַראָפּ. דער צעקנייטשטער שניפּס האָט זיך געוויגט אין זיינע ציטער־דיקע פינגער. ער האָט געפּרוווט פאַררוקן דעם שניפּס הינטערן קאָלנער און זיך דאָרט פאַרפּלאָנטערט. מאָרי גודמאַן איז אים געקומען צו־הילף. סאַרדזשענט קעיסי האָט אויף אים געקוקט ווי ער וואָלט אים איצט געזען צום ערשטן מאָל.

— ווי הייסטו ?

— מאָרי גודמאַן.

— אָ, יאָ. כ׳האָב געהערט דיין נאָמען. מעידזשאָר קידל האָט נעכטען — — —

— כ׳ווייס. מאָרגן דאַרף איך זיך צו אים מעלדן. ווייסט אפשר מיינע „זינד״ ?

— ניין, כ׳ווייס נישט. מעידזשאָר קידל האָט זיך נישט געביטן. ער וועט זיך קיינמאָל נישט בייטן... ער פאַרגעסט נישט... פרעג די וועטעראַנען צי זיי וועלן פאַרגעסן...

סאַרדזשענט קעיסי זוכט זײַנע זין

דער אַלטער קורינעל קאַרען, וואָס איז זעלטן ניכטער און שאַרט די פּיס, ווי אַ געשטאָפּטע קאַטשקע, דאַרף טאַקע דאָ זײַן דער „טשיף״, דער גאַנצער „באָס״ איבערן קעמפּ, נאָר מעידזשאָר קידל פירט די גרענדע.

מעידזשאָר קידל פאַרגרייט כמעט יעדן טאָג אַ נײַע גזירה, וואָס ווערט דווקא נישט דורכגעפירט! ער מיינט, אַפּנים, דער מעידזשאָר קידל, אַז ער האַנדלט נאָך אַלץ מיט „רוקיס״. די וועטעראַנען פון די זאַמדיקע מדבריות און פון די טויט־געפּערלעכע דזשונגלס, וואָס קומען דאָ „אויסשוויצן״ דעם „פרײַען בילעט״, וויל דער מעידזשאָר אויסלערנען זײַן — „זעלנער״. זײַן מאַפּע האָט זיך לחלוטין נישט געביטן: דורך די אין־בלוט־צעווייקטע מלחמה־יאָרן האָט ער נאָר געביטן די „טיטלען״ אויף זײַנע פײַן־געניייטע, גוט־געפּאַסטע מונדירן, און די קאַלענדאַרן, „באַפּוצטע״ מיט נאַקעטע פרויען, וואָס הענגען אין זײַן רחבותדיקן אָפיס.

סאַרדזשענט קעיסי מוז קומען כמעט יעדן טאָג צום מעידזשאָר נאָך דער פאַרגרייטער פּאַרציע „רוטין״. אַ פּאַרטיפּטער אין דער „סטראַטעגיע״, הייבט דער מעידזשאָר אַפילו נישט אויף דעם קאָפּ צום סאַרדזשענטס באַגריסונג. תּמיד מיט אַ געצאַמטער רציחה, צעפּרעסן פון גאווה, שפּאַלט מעידזשאָר קידל דעם „גוטמאָרגן״:

— „מאָר־נינג״...

סאַרדזשענט קעיסי, וואָס איז שוין אַ פערטל יאָרהונדערט אויף אַנקל סעמס קעסט, שטייט ווי אַ ראָבאָט לעבן דעם גרויסן מאַהאָגאָנענעם טיש און זעלטן ווען קלאַפּן אויס זײַנע ליפּן מער ווי צוויי ווערטער:

— „יעס, סער!״

פונעם טאָג ווען די ערשטע וועטעראַנען האָבן זיך באַוויזן אין קעמפּ, האָט סאַרדזשענט קעיסי זיך אַ סך פאַרעלטערט: טיפער האָבן זיך אײַנגעשניטן די קנייטשן אין זײַן פולן, רונדן פּנים און האָבן

אײַנגעפּרעסט די זומער־שפּרענקעלעך, וואָס קוקן הײַנט אויס ווי קעפּלעך פון פאַרזשאַווערטע טשוועקעלעך. אויך זײַנע קליידער האָבן לעצטנס געקראָגן אַ פאַרענדערט פּנים: צעקנייטשטע און צעוואַלגערטע — טראָגן זיי די סימנים פון זײַנע שלאָפלאָזע נעכט. זײַנע דורכגעשוויצטע שיך בעטן זיך אַ באַרשט אָדער כאָטש אַ שמאַטע. מען זעט אים מער נישט טראָגן דאָס קונציק־אויסגעשניטן שטעקעלע, אין וועלכן ס׳איז אויס־געבויערט אַ פײַפל אין די מיטלסטע, ברוינע קאַרבן. ער מאַכט מער נישט קיין איבונגען, ווי ס׳איז געווען זײַן טבע, נאָכן קאַלטן שפּריץ פֿאַרטאָג.

אויך זײַן צימער, ווי אַ שמאָלער קאַסטן, אויפן צווייטן שטאָק פון באַראַק „סי״, איז הײַנט פאַרענדערט, פּוסט: נישטאָ מער דאָס פייגעלע, וואָס פלעגט מיט געזאַנג באַגריסן דעם פרימאָרגן. ער האָט געעפנט דאָס טירעלע פונעם שטײַגל בײַם צעפּראַלטן פענצטער און גערעדט צום פייגעלע מיט טרערן אין די אויגן:

— נו, גיי... זאָל כאָטש איינער פון אונדז זײַן פרײַ...

דאָס פייגעלע האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצופליִען. ס׳איז אַראָפּגע־שפּרונגען צום טעצעלע, וואָס קעיסי האָט פון אַ מאַשין־ביקס אויסגעמײַס־טערט, אויסגעשטרעקט דאָס שנאָבעלע צום לעצטן טראָפּן וואַסער און גלײַך פאַרריסן דאָס קעפּעלע, ווי צום פרעגן:

— און דו?

פון יאָרן געוווינהייט, איז דאָס פייגעלע אַרויפגעשפּרונגען אויף סאַרדזשענט קעיסיס ציטערדיקער האַנט. אים איז אָבער איצט נישט געלעגן אינזינען צו נעמען רייניקן דאָס שטײַגל, אָנגיסן פריש וואַסער אינעם קופּערנעם טעצעלע און אָנפילן דאָס בלעכעלע מיט קערנדלעך. ער האָט פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דאָס שטײַגל אויפן צערויעטן בעטל און עטלעכע מאָל צעוויגט די האַנט מיטן פייגעלע:

— גיי, זײַ פרײַ...

און אַ רגע שפּעטער האָט קעיסי שוין געפאָכעט מיט דער ליידיקער, ציטערדיקער האַנט...

לאַנג איז ער געשטאַנען בײַם צעעפנטן פענצטער און געקוקט אויפן

ערשטן שפּראָץ פון דער זון, ווי די זון וואָלט פון די וואָלקנס געשניטן פּאַסן — זיי צעבלוטיקט...

דאָס פייגעלע איז געווען דאָס לעצטע פון זײַן באַלעבאַטישקייט. דאָס שיידן זיך מיט פּעגין, די אַלטע קאַץ, איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט. זי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים. די רויטלעכע פּעגי האָט געלעקט זײַנע הענט און די באָרוועסע פיס, ווי זיך געבעטן:

— פאַרגעס נישט עפּעס מיר צו ברענגען... זע, ווי מײַנע זײַטן זענען שוין אײַנגעפאַלן...

גייענדיק אין „מעס־האָל", אין קיך אַרײַן, האָט סאַרדזשענט קעיסי טאַקע געטראַכט פון ברענגען אַ פּאַרציע פאַר דער אויסגעהונגערטער קאַץ. זי איז דאָך מיט אים פון ערשטן טאָג ווי זי האָט די אויגן געעפנט. נאָר קוקנדיק אויף יעדן „פּריץ", וואָס טיילט אויס די פאַרשידענע פּאָרציעס, האָט ער אין זײַן פּלאַן פאַרגעסן. אָפּט איז אים דער ערשטער ביסן געבליבן שטעקן אין האַלדז, ווי ס׳בלײַבט אַ מענטשן בײַם געגרייטן טיש, ווען פּלוצעם באַווײַזט זיך אַ מערדער מיט אַן אויס־געשטרעקטן רעוואָלווער... פּעגי האָט געקוקט מיט די בורשטינענע אויגן אויף קעיסיס לײדיקע הענט. זי איז צוגעלאָפן צו זײַנע פיס און מיט די נעגל זיך אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע צעקנייטשטע הויזן...

פּעגי, די קאַץ, האָט שנעל געשלונגען די טויטע פישעלעך, וואָס קעיסי האָט אין זיי אויך פאַרגעסן. די פאַרשידענע סאָרטן פישעלעך, וואָס ער פלעגט אַזוי גוט פּילעווען און זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט זייערע עלאַסטישע קונץ־שטיק, זענען אויסגעגאַנגען איינס נאָכן צווייטן... טייל זענען געבליבן ליגן, אײַנגעקראַמפּטע, אויפן ברוינעם, שאַרסטיקן זאַמד, בײַם בינטעלע געקרויזטן גראָז, און די אַנדערע זענען אַרויפ־געשווומען מיט די געשוואָלענע בײַכלעך אַרויף און מיט אויפגעריסענע מײַלער... די אויסגעהונגערטע קאַץ האָט פאַרזוכט אַ ברעקל פון דער סעודה... איז גוט וואָס קאַרפּאַראַל סמיט האָט זיך איבער איר דער־באַרעמט: היינט שלאָפט די קאַץ, אַ זאַטע, בײַ קאַרפּאַראַל סמיט צופוסנס. קאַרפּאַראַל סמיט, וואָס שלאָפט אינעם צווייטן „פליגל" פונעם באַראַק, האָט אים געטאָן די טובה — זאָרגט פאַר פּעגין. האָט אים קעיסי אויך

אָוועקגעגעבן דעם משונהדיקן סלוי פון די פישעלעך — אַן אמתער אַנטיק!

אַפילו דעם וועכנטלעכן „וויזיט" אינעם נאָענטן שטעטל, ווו עס האָט זיך היינט צעבליט מיט „פאַרווייַלונג־קלובן", מייַדט סאַרדזשענט קעיסי לעצטנס אויס. זייַן אַמאָליקער, ריטמישער טראָט, ווען ער האָט טויזנטער „רוקיס" געלערנט ווי אַזוי צו שפּאַנען, איז געוואָרן שלאַב־ערדיק... ער אייַלט פון באַראַק צו באַראַק און זוכט צווישן יעדער גרופּע וועטעראַנען. זייַנע אויגן שפּרינגען פון איינעם צום צווייטן — אפשר... אפשר...

נעכטן איז ער מיט צעפליגלטע הענט אַנטקעגנגעלאָפן אַ יונגן וועטעראַן: עס האָט זיך אים געדאַכט — אָט איז זייַן סטיוו!

איצט, אין מעידזשאָר קידלס אָפיס, רייַסט עס פון אים פּאַסן: ער וויל נישט פאַרשפּעטיקן די נייַסטע גרופּע וועטעראַנען. ער קוקט אויף ריצין, דעם —גרויסן דייַטשישן שפּיר־הונט וואָס באַוואַכט זייַן האַר, דעם מעידזשאָר קידל. ריצי גיט אַ צי־אויס דעם שמאָלן, לאַנגן האַלדז, פאַררייַסט הויך דעם קאָפּ און הייבט אָן אַרייַנציִען די גאָווערדיקע צונג. דער כּלב בלייַבט זיצן אויף די הינטערשטע פיס, צוגעשרויפט צום דיל. אַזוי זעט מען אים זיצן וואָך, מיט שאַרף־אָנגעשפּיצטע אויערן, לעבן מעידזשאָר אינעם „דזשיפּ". זעלטן ווען פאַרט מעידזשאָר קידל אָן זייַן געטרייַען שומר. פון ווייַזן זיך אין די באַראַקן אָן ריצין, איז אָפּגערעדט. ער וועט נישט פאַרגעסן די פאַרדינטע פאַרציע פון אַמאָל, בעת ער איז נאָך געווען אַ צווייטער לייטענאַנט — דעם קוים־פאַרהיילטן שראַם, ביי זייַן רעכטן מויל־ווינקל, וועט ער שוין מיטנעמען אין קבר אַרייַן און נישט וויסן וועלכער זעלנער ס'האָט אים דאַן, בייַנאַכט אין וועלדל, „אַ קוש געטאָן".

יענע נאַכט זענען די זעלנער ווינציק געשלאָפן: די אויספאָרשונג האָט זיך געשלעפּט ביז פאַרטאָג. אויף די זוילן פון די שיך האָט מען געזוכט אַ גרעזל פון וועלדל... יעדנס זאַק קליידער האָט מען צענישטערט און צערויעט — אפשר וועט מען געפינען דאָס מעסער... קידל וועט נישט פאַרשווייַגן — זייַן טאַטע איז דאָך אַ „טשיף" אין וואַשינגטאָן!

שפּיר־הינט ווערט מען ברענגען — האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג.
מ׳עט — — —

וואָכן לאַנג האָט דער קעמפּ לײַכטער אָפּגעאָטעמט, ביז קידל איז צוריקגעקומען מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער מאָרדע. פון די „שפּיר־הינט" איז געוואָרן איינער, ריצי — זיין שומר.

אין קעמפּ איז ריצי קידלס איינציקער פרײַנט, — האָט סאַרדזשענט קעיסי אַמאָל געזאָגט צו קאָרפּאָראַל סמיט. און ווער נאָך קען אַזוי גוט דעם קעמפּ־פּערסאָנאַל, ווי סאַרדזשענט קעיסי!

הײַנט איז דעם סאַרדזשענט נעבעך ביטער — די אַמאַליקע „גרינע" קומען צוריק אויסגעדינטע וועטעראַנען. שלעכט איז אים, וואָס דער מעידזשאָר פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל דורכפירן די „רוטין". נאָך אַזוי פיל יאָרן דינסט קאָן ער דאָס מער נישט פאַרדייען; וואָרגט זיך, ממש, מיט דעם מעידזשאָרס באַפעלן, וואָס קריכן פון האַלדז.

— נאָך „הינער־מיסט" פון „עס. אָ. עס. בידל!" — באַקלאָגט זיך סאַרדזשענט קעיסי פאַרן קאָרפּאָראַל סמיט, איינעם פון זײַנע אַסיס־טענטן, — ס׳איז דאָך אַ געפאַר צו שטיין פאַרן צוויי־פיסיקן הונט! ווי לאַנג צוריק, ווי דאָס איז געווען אַ שטיק גאָרנישט, — אַ לעקער ביים קוירנעל!

נאָר אין אָפּיס פּרוווט דער אַלטער סאַרדזשענט שטיין ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, בעת מעידזשאָר קידל לייענט פאָר די באַפעלן:

— אינספּעקשאָן נאָכמיטאָג!

— יעס, סער!

— די בעטן אָן די קישנס, פאַרבעט מיט קעלנער — אַ פוס די ברייט! (דאָס לײַלעך איבערגעצויגן איבער דער ברוינער קאָלדרע, און דער „קאָלנער" מוז זײַן געוויגן און געמאָסטן...).

— יעס, סער!

— די קאָלדרעס — אָנגעצויגן אַ קוואָדער (מטבע) זאָל אָראָפּשפּרינ־גען.

— יעס, סער!

— יעדער זאָל שטיין אין צענטער פון בעטל!

— יעס, סער!

— די שניפּסן אַרײַנגעשטעקט בײַם צווייטן קנעפּל!

— יעס, סער!

— דער שפּיץ פון פּאַסיק — אונטערן פּאַסיק פּאַררוקט!

— יעס, סער!

— די גערים־קעפּס (היטלען) — אַרײַנגעשטעקט אין פּאַסיק, בײַ דער רעכטער קעשענע!

— יעס, סער!

— די דאָפּל בעגס (אַזאַ שמאָלער זאַק, אין וועלכן די זעלנער האַלטן זייער באַגאַזש), אין פראָנט פון די בעטלעך!

— יעס, סער!

— די שיך (אַ זעלנער קריגט צוויי פּאָר שיך), אָפּגעפּוצטע און פאַרשנירעוועטע, זאָלן ליגן מיט די זוילן צו דער סטעליע; די שפּיצן צום צענטער באַראַק!

— יעס, סער!

— די —

דער סטעף־סאַרדזשענט, וועלכער זיצט אין צווייטן אָפּיס און איז, אָפּנים, פאַרנומען מיט אַזעלכע „וויכטיקע ענינים", ווי ס'איז זײַן טשיף, וואָס מעלה־גרהט שוין ווידער די פאַרשימלטע „רוטין", איז געבליבן שטיין בײַם שוועל און געמאָלדן:

— מאָרי גודמאַן איז דאָ!

מעידזשאָר קידל האָט שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום סטעף־סאַרדזשענט און זיך צערעוועט:

— זעסט נישט, אַז כ'בין פאַרנומען?! זאָל ער וואַרטן, זאָל ער!

אַ צעשראָקענער האָט דער סטעף־סאַרדזשענט זיך שטיל אַנטשולדיקט מיט פאַרקלעמטע ציין:

— „סאָרי, מעידזשאָר"...

פאַרלוירן, צעטומלט, איז ער אַ ווײַלע שטיין־געבליבן בײַם שוועל פון דער אָפענער טיר און אין האַלדז האָבן אים געשטיקט די נישט־געזאָגטע ווערטער: „ס'איז דאָך דײַן באַפעל! ס'האָט דאָך געברענט אויף דיר די פעל, כ'זאָל רופן מאָרי גודמאַן!"

נאָר אַזוי שנעל, ווי דער סטעף־סאַרדזשענט האָט געמאַכט אַ שפּאַן צוריק, איז גלײַך געקומען מעידזשאָר קידלס באַפעל:

— שיק אים אַרײַן!

מאָרי גודמאַן האָט אַרײַנגעשפּאַנט מיט זיכערע טריט, איז שטיין־געבליבן און אַ פּאַך געטאָן מיט דער רעכטער האַנט אַ בליץ־סאַלוט:

— קאָרפּאָראַל גודמאַן רעפּאָרטירט!

מעידזשאָר קידל האָט נישט געענטפערט, כאָטש ס׳איז די פליכט פון אַן אָפיציר צו ענטפערן אויף אַ זעלנערס באַגריסונג. סאַרדזשענט קעיסי האָט מאָרין אָפּגעמאָסטן מיט אַ וואַרעמען בליק און אויף זײַנע דיקלעכע ליפּן האָט אַ שוועב געטאָן אַ געצאַמטער שמייכל.

מאָרי גודמאַן איז געבליבן שטיין פאַרחידושט, געפּלעפט פון די באַקלעפּטע ווענט מיט נאַקעטקייט, ווי דאָ וואָלט געווען אַ בורלעסק־אָפּיס מיט צעהאַנגענע „קונסט״־רעקלאַמעס. ער האָט אַפילו נישט געהערט די ערשטע פראַגע. מאָריס בליק איז געבליבן צוגעקלעפּט צו אַ קליין, פאַרעלטערט בילדל פונעם נאַרוואָס פאַרשטאָרבענעם פרעזידענט, וואָס האָט ווי געמאָנט און געפרעגט: „אין וועמענס הענט האָב איך איבערגעלאָזט אונדזער לאַנד?״...

מעידזשאָר קידלס קול איז געוואָרן שאַרפער און העכער, איבער־פרעגנדיק די ערשטע פראַגע:

— הייסט עס, דיר געפעלט נישט „די מעס־האָל״, האַ?

מאָרי האָט איצט שוין געקוקט אויפן מעידזשאָר, ווי מ׳קוקט אויף איינעם, וואָס איז פּלוצלינג אַראָפּ פונעם זינען. אויך סאַרדזשענט קעיסי האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ פון איינעם צום צווייטן. מעידזשאָר קידל האָט אויפגעעפנט דעם שופלאָד און אַרויסגענומען אַ פאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר.

— דו ביסט מאָרי גודמאַן, יאָ?

— יעס, סער! — האָט מאָרי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איז געפעלט דיר נישט אונדזער „מעס־האָל״? — האָט דער מעידזשאָר, ווי געציילט פון יעדן וואָרט די זילבן מיט רציחה, — ווער ביסטו, וואָס דיר געפעלט נישט? ענטפער!

מאָרי האָט געשוויגן. אויף אַ רגע איז זײַן זיכערקייט צעשוווּמען.

ס׳איז אים שווער געווען באַשליסן וועהין „עס. אַ. עס. קידל״ צילט. ער האָט קוים איין וואָרט אויסגעאָטעמט:

— וו־אַ־ס?

— מאָרי גודמאַן, כ׳וועל דיר באַלד אָפּפרישן דייַן זכרון: דיר געפעלט נישט די באַדינערשאַפט פון אונדזער קיך? ביסט געגאַנגען זיך באַקלאָגן, וואָס די פּריזאָנערס טיילן־אויס דאָס עסן. דיר געפעלט נישט, האַ?!

פונעם לאַנגן „וואַיאַזש״ אויף דער אָנגעפּראָפּטער שיף איז מאָריס אָפּגעצערט פּנים, פאַרברוינט פון דער זון, איצט געוואָרן נאָך רויטער. ער האָט דערפילט דעם שטורעם פון יעדן טראָפּן בלוט אין זייַנע אָדערן. דאָס היטל וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט, האָט ער איצט מיטביידע הענט איַינגעשרויפט, ווי ער וואָלט געוואָרגן אַ נאַצישן גאָרגל. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן דעם מעידזשאָרס פראַגע:

— ניין, ס׳געפעלט מיר נישט, — האָט מאָרי גודמאַן אויפגעברויזט, — מייַן פוס טרעט נישט איבער און וועט נישט איבערטרעטן די שוועל פון דער קיך! איך וויל נישט, אַז היטלערס מערדער זאָלן מיר אויסטיילן ס׳עסן!

מעידזשאָר קידל, וואָס איז נישט געווױנט אַז אַ זעלנער זאָל אים ענטפערן מיט אַזאַ זיכערן, פעסטן טאָן, איז געוואָרן ווייַס, ווי דער בויגן פּאַפּיר אין זייַנע נערוועזע פינגער. ער האָט באַמערקט, ווי סאַרדזשענט קעיסיס צאָרטער בליק גלעט מאָרין, דעם וועטעראַן. קעיסיס האַנדלונג האָט אים צערייצט און מיט אַ געצוווּנגענער רויִקייט האָט ער געשלונגען די ווערטער:

— זיי זענען זעלנער! פּריזאָנערס, — אָבער זעלנער!

— נאַ סער! — האָט מאָרי געפּיבערט, — זיי זענען מערדער! קאַניבאַלן! סאַדיסטן! איך האָב זיי געזען אויפן פראָנט! האָב געזען אין נאָרמאַנדי, וואָס זיי האָבן געטאָן צו אונדזערע טויטע פאַראַטרופּערס, וואָס זענען געבליבן הענגען מיט זייערע דורכגעלעכערטע פאַראַשוטן אויף די ביימער! נאָר סאַדיסטן קאָן איַינפאַלן אַזאַ סאָרט נקמה — זיי האָבן ביי אונדזערע זעלנער אָפּ ———

מעידזשאָר קידל האָט מאָרין נישט געלאָזט פאַרענדיקן און פאַר־קערעוועט די טעמע:

— דו ביזט פון קאָמפּאַני „בי״, באַראַק 14?

— יעס, סער!

— איז ווער האָט דאָרטן אויסגעהאַקט די פענצטער?

מאָרי גודמאַן האָט אַ צי־געטאָן מיט די אַקסלען.

— קאַרפּאָראַל סמיטן האָט איר באַהאַגלט מיט שיך, ווען ער איז אײַך געקומען אויפוועקן. ווער איז געווען דער ערשטער אים צו וואַרפן די שיך אין קאָפּ אַרײַן?

— כ׳ווייס נישט... כ׳בין געשלאָפן.

— דו ווייסט נישט, האַ?! איך וועל אײַך דיסציפּלינירן, געדענק! לאָז וויסן דעם „באַנטש״ אין באַראַק, אַז דאָ איז נישט די לויזיקע יוראָפּ!... דאַט׳ס אַל״!

מאָרי גודמאַן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ס׳איז אים איצט קלאָרער געוואָרן פאַרוואָס קידל האָט אַמאָל געקראָגן אַזאַ סאָרט „קוש״ בײַנאַכט אין וועלדל:

— מיר זענען וועטעראַנען, וואָס וואַרטן דאָ אויף די באַפרײַונג־פּאַפּירן, נישט קיין „באַנטש״! (כאַפּטע).

— דאָס אַלץ?! — האָט קידל געוועט, און ס׳האָט געברענט אין אים אַרויסצוזאָגן: „יו גאָד־דעם דזשו בעסטאַרד! דײַן גליק איז וואָס מ׳גרייט דיך צו באַפרײַען... אָ, ווען דו וואָלסט נאָך געווען אין מײַן רשות!...״

בײַם פאַרלאָזן דעם אָפיס האָט מאָרי גודמאַן נאָכאַמאָל געקוקט צום ווינקל, ווו ס׳איז געהאַנגען דעם פּרעזידענטס בילד, ווי ער וואָלט בײַ רוזוועלטן עפּעס געוואָלט פרעגן. קידל האָט באַמערקט ווי מאָריס׳ סאַלוטירן איז געווען געווענדט צום פּרעזידענט, נישט צו אים... ער איז אויפגעשפּרונגען און זיך שנעל צוריקגעזעצט.

סאַרדזשענט קעיסי האָט דערפילט, ווי אַ קאַלטער שווייס באַדעקט זײַן קערפּער, כאָטש דער דיל אונטער זײַנע פיס בריט ווי פריסעק; אויב אַ בליק קאָן אַרומנעמען, האַלדזן, האָט אַזאַ סאָרט בליק פון סאַרדזשענט קעיסי אַרויסבאַגלייט מאָרין. אפשר איז מאָרי געווען דער לעצטער,

וואָס האָט געזען זײַן סטיוון הענגען אויף אַ בוים אין נאָרמאַנדי — האָט אויפגעטויכט אַ געדאַנק בײַ סאַרדזשענט קעיסי. האָבן די דײַטשן אויך געשענדט זײַן זונס קערפּער ?... שוין יאָרן, ווי ער קומט דאָ אין אָפּיס נאָך דער פּאַרגרייטער פּאַרציע „רוטין״, נאָר איצט פילט ער זיך ווי אין אַ פּאַסטקע. מעידזשאָר קידל האָט אָבער נישט פאַרגעסן ווו דער סטעף־סאַרדזשענט האָט אים פריער איבערגעשלאָגן.

— סאַרדזשענט! — האָט ער זיך געווענדט צו קעיסין און ווידער אָנגעהויבן פאַרצולייענען, — די האַנטעכער וויל איך נישט אָנקוקן; וויל זיי אפילו נישט זען אין די „פּוט־לאַקערס״! (אַזאַ שמאָל קעסטל לעבן יעדנס בעטל).

— יעס, סער!

— די ווענט זאָלן זײַן נאַקעט, אין די דאָפּל־בעגס זאָלן זײַן פאַר־רוקט אַלע שמאַטעס ביים אינספּעקשאָן!

— יעס, סער!

— דער רעגנמאַנטל זאָל זײַן אײַנגעפּאַקט — 8 אויף 12. נאָר דער ערשטער קנאָפּ בײַם קאָלנער זאָל בלײַבן נישט פאַרשפּיליעט!

— יעס, סער!

— קיינע פאָטאָגראַפיעס אין די פּוט־לאַקערס! בריוו, שרײַב־פּאַפּיר זאָל ליגן אין די ווינקלען!

— יעס, סער!

— ס׳צאָן־בערשטל און ס׳איבעריקע „דזשאָנק״ — אין רעכטן ווינקל פון פּוטלאַקער, אונטער די שקאַרפּעטן!

— יעס, סער!

— דער —

— „יעס״... — איז אויך בײַם סאַרדזשענט געבליבן דער „סער״ אין דער לופטן.

מעידזשאָר קידל האָט אויפגעהערט צו לייענען; ער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ פונעם בויגן „רוטין״ און אָפּגעמאָסטן, מיט אַ פאַר־זשמורעט אייגל, דעם אָנגעצויגענעם סאַרדזשענט:

קלאָר ?

— י־ע־ס ס־ע־ר!

אויף מעידזשאָר קידלס פריש־געגאָלט פּנים האָט זיך געגומען ברעכן אַ כיטרע שמייכעלע, וואָס האָט צעקרימט זײַנע שפּיציקע, פאַרדרייטע וואָנצעלעך, אָנגעשטײַפטע מיט טונקעלן וואַקס. ער האָט אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט צום מעשענעם אַש־טעצל, ווו ס׳איז געלעגן די האַלבפּאַרלאַשענע ליולקע, און מיט דער רעכטער האַנט דערלאַנגט סאַרדזשענט קעיסין דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר:

— ווועסט איבערלייענען!

— יעס, סער!

מעידזשאָר קידלס דינינקע, פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך האָבן אָנגעהויבן צו מעלקן די האַלב־פּאַרלאַשענע, האַרבאַטע ליולקע און דורכן לינקן מויל־ווינקל אַרויסגעבלאָזן אַ געקרויזט שנירעלע רויך.

ריצי, דער שפּיר־הונט, האָט שנעל געביטן די פּאָזע. אַפּנים דער כּלב קאָן נישט פאַרטראָגן דעם רויך פון זײַן האַרס ליולקע, וואָס דער עלעקטרישער פּעכער בלאָזט אויף אים. ער האָט אײַנגעצויגן דעם האַלדז, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַרויסגעהאָנגען די לאַנגע צונג.

מעידזשאָר קידל האָט באַמערקט, ווי ריצי האָט געביטן די פּאָזע. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום כּלב און זײַנע פינגער האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין ריציס אויער...

ריצי האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט. זײַן האַר האָט נאָך נישט געענדיקט:

— סאַרדזשענט, האָסט געוויס באַמערקט, ווי יעדן טאָג קומען־אָן פרישע „באָנטשעס״, (כאָפּטעס) די — די וועטעראַנען. זיי פאַרמאָגן נישט קיין ברעקל פון אַרמיי־דיסציפּלין. זיי רוקן־אַרײַן די הענט חוצפּהדיק אין די קעשענעס, בעת זיי טרעפן אָן אַן אָפיציר... די גאָד־דעם פּאַראַטרופּערס זענען גאָר ווילדע קעץ — קוקן ציניש, פרעך, ווי אַן אָפיציר וואָלט געווען אַ פּלאָקן. די פּאַראַטרופּערס דאַרף מען הײַנט געבן אַ שטיקל לעקציע, ווי אַזוי צו סאַלוטירן. רוף זיי אַרויס פאַר אַ ביסל „פּרעזענט אַרם״־פּראַקטיק.

סאַרדזשענט קעיסי האָט געשוויגן מיט אַ פאַרקלעמטן אָטעם. דעם מעידזשאָרס ווערטער וועגן די פּאַראַטרופּערס האָבן געהאַמערט זײַן שאַרבן. זײַן סטיוון האָט דאָך קידל איצט באַליידיקט! פאַוואָס ענטפערט ער אים

נישט? — האָט די פראַגע אים געגעבן אַ ברען, — פאַרוואָס האָט מאָרי גודמאַן יאָ געהאַט מוט צו ענטפערן? ווי וואָלטן זײַנע צוויי געפאַלענע זין געהאַנדלט, ווען זיי שטייען דאָ אין אָפיס? פאַרוואָס ———

— „דהאָט׳ס אָל״! — האָט קידל באַפוילן.

קעיסי האָט מעכאַניש אויסגעגלײַכט די פלייצעס, אויסגעשטרעקט דעם ברוסטקאַסטן און צוגעטיילט דעם מעידזשאָר די פאָרציע כּבוד און פאַרגעניגן: — סאַלוטירט.

בעת ער איז שוין געשטאַנען בײַם טיר, האָט מעידזשאָר קידל אים צוריקגערופן:

— סאַרדזשענט!

— יעס, סער!

— דרײַסיק מינוט פּראַקטיצירן וועט זײַן גענוג פאַר די פּאַראַטרופּערס. 2:30 זאָלן זיי אָנהייבן. „אָ־קעי״?

מעידזשאָר קידל האָט זיך אויפגעשטעלט און אונטערגעטראָגן דעם סאַרדזשענט די נײַסטע „מאַפּע״: אַ דיאַגראַמע פון שמאָלן קעסטל בײַם זעלנערס בעטל:

— אַזוי זאָלן זײַן אויסגעלייגט די פוט־לאָקערס!

— אָ־קעי, סער!

סאַרדזשענט קעיסי איז אַרויס פון מעידזשאָרס אָפיס אַ פאַרשוויצטער, ווי ער וואָלט לאַנג געטראָגן אַ גאַז־מאַסקע אויף מאַנעוורעס. אויטאָמאַטיש האָבן צוויי ווערטער זיך אַראָפּגעעקײַקלט פון זײַנע פולע, פאַרטריקנטע ליפּן; צוויי ווערטער, וואָס אָנקל סעמס אַרמיי האָט געשאַפן אומפּאַ־טענטירט, אָפּנים:

— „טשיקן שיט!״... (הינער־מיסט).

ער האָט שנעל גענומען אײַלן פון מעידזשאָרס אָפיס און נאָך געפילט אַ שווערע משא, וואָס דריקט און פרעסט זײַן אויסגעשוויצטן גוף. אָן אַ באַשטימטן ציל האָבן געשפּאַנט זײַנע פיס.

די זון האָט געבאַקן און געבראָטן, ווי זיך פאַרמאָסטן צו פאַרברענען די שורות הילצערנע באַראַקן — דעם גאַנצן קעמפּ!

סאַרדזשענט קעיסי איז פּלוצים שטיין־געבליבן, ווי פון קלאָרן הימל וואָלט אַ בליץ געשפּאָלטן די ערד. אָט הערט ער ווי מ׳רופט זײַן נאָמען,

און גלײַך: פּ־אַ־פּ! ער שטייט, ווי געליימט און טויזנטער גלעקער קלינגען אין זײַנע אויערן. ער ווייסט נישט, אַז מאַרי גודמאַן און דזשאַן ענדערסאַן האָבן געוואַרט אויף אים בײַם „סופּלאַי־טענט" מיט די צעריסענע רעגנמאַנטלען. דזשאַן האָט פריִער באַגלייט מאַרי גודמאַן זײַן חבר, ביז צו דער שוועל פון קידלס אָפיס.ביידע האָבן באַשלאָסן אויסצוגעפינען פון סאַרדזשענט די „לעצטע נײַעס". נאָר סאַרדזשענט קעיסי איז אַרויס פון מעידזשאָר קידלס אָפיס ווי פון אַ שריפה. איצט האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זעט, ווי צוויי זעלנער שפּאַנען צו אים. אים דאַכט זיך, אַז פּעטריק און סטיוו — זײַנע זין — קומען אים אַנטקעגן!... זיי האָבן נאָר־וואָס גערופן אים, דעם טאַטן...

סאַרדזשענט קעיסי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין באַוועגלאָז, ווען מאַרי גודמאַן און דזשאַן ענדערסאַן זענען צוגעקומען. עטלעכע מאָל האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און זיי געעפנט. מיט דער רעכטער פויסט האָט ער געריבן דעם פאַרשוויצטן שטערן און די אויגן, ווי ער וואָלט געפּרוווט פאַרווישן און פאַרמעקן די נאַקעטע וואָר. ער הערט אפילו נישט קלאָר בײדנס פראַגן. ער לייגט אַרויף די הענט אויף זייערע אַקסלען — דאָס ראַטעוועט אים פון פאַלן:

— איר וועט גיין אַהיים, באָיס.

— ווען?! ווען?! ווי לאַנג נאָך וועט מען אונדז דאָ מוטשען?

סאַרדזשענט קעיסי האָט צוריק געקראָגן דעם קאָנטראָל אויף זײַן גוף און מוח: דזשאַן ענדערסאַן פאַרמאָגט טאַקע רויטלעכע האָר און אַ פאַרריסן נעזל, האָט דעם אָנבליק פון פּעטריקן — זײַן עלטסטן זון — נאָר פּעטריקס געביין איז געבליבן אין די דזשונגלס... ווו סטיווס קבר געפינט זיך, ווייסט ער. נאָר אפשר האָט מאַרי גודמאַן אים געזען, געשענדט פון די דײַטשן? ער נעמט אַרויס עטלעכע בילדלעך און ווענדט זיך צו מאַרין:

— דאָס איז מײַן סטיוו, אַ פּאַראַטרופּער. אומגעקומען אין נאָרמאַנדי. האָסט אפשר אים דאָרטן געטראָפן?... זאָג מיר דעם אמת: האָסט אים געזען הענגען אויף אַ בוים? האָבן די דײַטשן, די „סאַנאָוואַביטשעס", אויך מײַן באָי אָפּ...?

סאַרדזשענט קעיסי וואָגט נישט צו פאַרענדיקן די פראַגע. ער וויל

פאַריאָגן דעם געדאַנק, אַז אויך זײַן זונס קערפּער האָבן די נאַציס אַזוי ברוטאַל פאַרשוועכט. אמת, דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי ער האָט אַזעלכעס געהערט, נאָר ער האָט דאָס געפּרוווט אויסמעקן פון זכרון — די נײַעס באַטיטלט מיטן וואָרט „פּראָפּאַגאַנדע”. עס איז דאָך כּמעט אומגלויבלעך! נאָר מאָריס׳ „גרוס”, אין מעידזשאָרס אָפּיס, האָט זײַן שאַרבן צעבראָכן. איצט בעט ער זיך בײַ מאָרי גודמאַן:

— נו, זאָג מיר: האָסט אים געזען? דערקענסט אָט־אָ־דעם אויפן בילד?

מאָריס פאַרזיכערונג, אַז דעם יונגן סטיוון האָט ער נישט געזען הענגען אויף אַ בוים אין נאָרמאַנדי, האָט אים אַביסל באַרויִקט. ער קוקט אויף די בילדלעך פון זײַנע זין און פרעגט בײַ זיי מיט אַ געבראָכענער שטים:

— פאַרוואָס זײַט איר נישט צוריקגעקומען?... אַלע קומען צוריק... אַלע קומען...

מאָרי גודמאַן האָט דערפילט דעם סאַרדזשענטס בראָך:

— סאַרדזשענט, נישט אַלע זענען צוריקגעקומען... מײַן ברודער וועט נישט צוריקקומען... פיליפּ האָט ער געהייסן. מיט דרײַ יאָר צוריק זענען מיר דאָ ביידע געוועזן. געוויס וועסטו אים דערקענען: אָט טראָג איך אויך זײַן בילד מיט זיך.

בעת מאָרי האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען זײַן ברודערס בילדל, איז פון קעשענע בײַ אים אַרויסגעפאַלן אַ שטיקל פון אַ קאַמופלאַזשן פּאַראַשוט. מאָרי האָט דאָס שנעל אויפגעהויבן און געפּרוווט עס פאַררוקן אין דער קעשענע פונעם העמד. סאַרדזשענט קעיסי האָט אָנגעכאַפּט מאָריס האַנט:

— דאָס איז פון אַ פּאַראַשוט?!

— יאָ.

— פון נאָרמאַנדי?

— יאָ, אַ סוווועניר פון נאָרמאַנדי.

— גיב דאָס מיר, — האָט קעיסי זיך בײַ אים געבעטן. — כ׳על דיר געבן פאַר דעם, וואָס דו וועסט נאָר ווילן!

— ניין, סאַרדזשענט. מיט דעם וועל איך זיך נישט שיידן. קיינמאָל זיך נישט שיידן...

— פאַרוואָס?

— אָט־פאַרוואָס! — און מאַרי האָט פונאַדערגעשפרייט דאָס שטיקל פון פאַראַשוט מיט די פיר יידישע אותיות:

„ב־ק־מ־ה!"

— וואָס? — האָט קעיסי זיך עטוואָס צוגעבויגן צו די פיר יידישע אותיות און אויף זײַן פּנים איז געבליבן הענגען אַ פראַגע־צייכן.

דזשאָן ענדערסאָן, וואָס האָט געוווּסט פאַרוואָס מאַרי וועט זיך נישט שיידן מיטן סוּווענירן, האָט אויך דערקלערט דעם סאַרדזשענט דעם באַטײַט פון די פיר אותיות:

— לעבן אָן אויסגעברענטן „פיל־באָקס" האָבן מיר געטראָפן היטלערס אַ „סופּערמען" מיט אַ מעסער אין גאָרגל. לעבן דעם „סאַנאָוואַביטש", אונטער אַ שטיין, איז געלעגן אָט־אָ דאָס שטיקל פאַראַשוט. מאַרי וועט דיר זײַן לעצט העמד אָפּגעבן, נאָר די שמאַטע — נישט!

מיט אַ שטרענגן בליק האָט סאַרדזשענט קעיסי אָפּגעמאָסטן דזשאָן ענדערסאָן, — ער האָט געוואָלט אים אויסזידלען, פאַר אָנרופן דאָס „שמאַטע". אין זײַנע אויגן איז דער סוּווענירן אַ שטיק הייליקייט... ער וואָלט דאָס צוגעבונדן צו די „דאָג־טעגס" מיטן צלמל, וואָס ער טראָגט אויפן האַלדז... אַ נאָענטקייט דערפילט ער איצט צו מאַרי גודמאַנס שטאָם: מען האָט נקמה גענומען פאַר זײַן סטיוון. ער בעט זיך נאָכאַמאָל בײַ מאַרין:

— גיב מיר כאָטש אַ ברעקל פון דײַן סוּווענירן. אפשר איז עס פון מײַן סטיווס דורכגעשאָסענעם פאַראַשוט... איך וועל שפּעטער זײַן אין דײַן באַראַק. מעידזשאָר קידל ליגט דאָך אינזינען — אינספּעקשאָנס... קידל, דעם־איט!

מיטן „דעם־איט" אויף די ליפּן איז סאַרדזשענט קעיסי אַוועק. זײַנע פיס האָבן אים פאַרטראָגן באַרג אַרויף, נאָענט צו די שטאַלן, ווו עס רוען דעם קוירנעלס פערד. פאַרחידושט האָט ער גענומען באַקוקן דעם אָרום, כאָטש ער האָט גוט געקענט יעדן שפּאַן פונעם ריזיקן קעמפּ:

אָט איז דער שמאָל־באַרגיקער זיג־זאַג־וועג, וואָס פירט אַרויס פון וועלדל. דאָרטן, באַרג־אַראָפּ, אינעם טאָל, דרימלען, ווי זקנים, די צעדרימדזשעטע באַראַקן און די „טענטס" פאַר די נעגער־זעלנער. דער

זומפּ דאָרטן, אַ מגושמדיק־צעפּוילט ראָד, דאַכט זיך — אַ פאַרשלאָסענער דאָם, אָן שלעסער, צו די באַראַקן פון די ווײַסע זעלנער. נישט ווײַט פון זומפּ־ראָד זשאַווערן די גראַטעס פון „גאַרד־האַוז" (תפיסה), וואָס איז הײַנט דווקא נישט פול... נאָענט פון „גאַרד האַוז" איז אָן אויס־געטאָפּטשעטער שייד־וועג, וואָס פירט צום איבונג־פעלד. יעדעס זאַמדעלע איז דאָרט אויסגעוווייקט אין שווייס...

די עטלעכע ביימער אויפן איבונג־פעלד האַלטן אין אָפּטריקענען, — ווי די רעוועגדיקע באַפעלן וואָלטן זיי פאַרטויבט, פאַרשניטן די יאָרן. דאַכט זיך, אויך זייערע טיפע וואָרצלען האָבן זיך אײַנגעקראַמפּעוועט פון די באַפעלן:

— רעכטס!

— לינקס!

— פאַלן!

— קריכן אויף אַלע פיר!

— קאַלערן זיך ווי אַ פאַס!

— שנעל!

— שנעלער!

— אויפשטיין!

— האַט!

— האַט!

— היפּ!

— פאָר!

שטויביקע וואָלקנס פאַרוויקלען די עטלעכע ביימער. דער זאַמד גריזשעט די צווײַגן און די בלעטער.

לינקס פון איבונג־פעלד איז דער וועג צום „רייפל רענטש". די „רוקיס" לערנט מען דאָרט שיסן. „די ביקס איז דײַן בעסטער חבר", האָט מען נישט איינמאָל איבער־מעלה־גרהט: „שיס, לערן זיך שיסן — טרעף אין ציל!"

— ווו איז דער ציל?

דער וועג צום שאַסיי פירט אויך צו אַ „גאַז־קאַמער". אָנגעטאָן אין די גאַז־מאַסקעס, מוז מען דורכגיין עטלעכע טענטס, ווו אין יעדן טענט

רויכערט זיך אויף אַ בלעך אַ פאַרשידענער סאָרט גאַז. אין טענט מוז מען זיך צובייגן צו דר'ערד און עטוואָס אָפּציִען די גאַז־מאַסקע פון שווייסיקן פּנים — פאַרזוכן דעם ריח, וואָס מ'האַלט גרייט פאַר דײַנע לונגען:

דער גאַז, וואָס שמעקט מיט פריש־געשניטענעם היי, פאַרשיכּורט; די קניִען הייבן אָן צו ברעכן און דער גוף קאָן זיך לאַנג נישט האַלטן אויף די פיס... דער גאַז מיטן ריח פון צעקוועטשטן קנאָבל, איז ווי נאָדלען אין די אויגן און פעפער אין דער נאָז... דער גאַז מיטן ריח פון ברענענדי־קער סמאָלע שנײַדט שאַרפער ווי מעסערס דעם אינגעווייד. מען פילט, ווי דאָס בלוט פון די אָדערן וויל אַרויסרײַסן דאָס צעפּויקטע האַרץ!...

אַרום דעם „„גאַז־טשעמבער" שטייען פאַרגרייטע לאַנגע, הילצערנע בענק, נאָר די „רוקיס" ליגן אײַנגעקראַמפּטע אויף דר'ערד און ברעכן מיט דער גרינער גאַל.

סאַרדזשענט קעיסי דרייט אַוועק דעם קאָפּ פונעם וועג, וואָס פירט צום „גאַז־טשעמבער" און זײַן בליק בלײַבט רוען אויף די רויכנדיקע קוימענס פון „מעס־האָל", וואָס מעידזשאָר קידל האָט נאָר־וואָס געברענט, פאַרוואָס מאָרי גודמאַן איז געגאַנגען זיך באַקלאָגן וואָס מען דערלויבט היטלערס בעסטיעס באַלעבאַטעווען אין קיך. עס פעלט דען אין קעמפּ שווערערע אַרבעט? מעכאַניש ציט ער אַראָפּ דאָס היטל פון כּמעט נאַקעטן קאָפּ און פאַררוקט עס אונטערן פּאַסיק. ער דערפילט, ווי ריטשקעס שווייס שלענגלען זיך אַראָפּ פון זײַן נאַקן און פאַרהאַלטן זיך בײַם אײַנגעצויגענעם פּאַסיק. ער דערפילט אַ מידקייט, ווי איינער, וואָס האָט לאַנג געבלאָנדזשעט אין אַ הייסן יולי־טאָג.

הינטערן געדיכט־צעצווײַגטן קאַשטן־בוים איז קעיסי געבליבן זיצן און צעטרייסלט אַרום זיך די טוי־פּערל וואָס האָבן זיך געוויגט אויף די הויכע, שאָטנדיקע גראָזן. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דעם בויגן „רוטין" און די דיאַגראַמע פון די שמאָלע קעסטלעך, וואָס שטייען בײַ די זעלנערשע בעטלעך. — מעידזשאָר קידלס „קאָדעקס". ער האָט עס שנעל דורכגעבליקט און עס אײַנגעפּרעסט אין דער פּויסט... ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טויִיקן גראָז און פון די אײַנגעקלאַמערטע צען פינגער געמאַכט אַ קישן — אַרונטערגערוקט די הענט אונטערן קאָפּ. מיטן שפּיץ

צונג האָט ער באַנעצט די פאַרטריקנטע ליפּן און אַ קריץ געטאָן מיט די צוויי לויזע שורות פרעמדע ציין:

— אָ, גאָט, מײַן גאָט! — האָט ער ווי צו די נידעריקע צווײַגן הייס אויסגעאָטעמט.

באַוועגלאָז איז קעיסי געבליבן ליגן אויסגעצויגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. שוין ווידער פּרווט ער מאַכן אַ חשבון פון זײַן לעבן. בילדער, מחשבות טראָגן אים אויף מלחמה־וואָלקנס, יאָגן זיך שנעלער, ווי די שנעלסטע קוילן — — —

דזשעני, זײַן יונגע פרוי, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט מיט צוויי קינדער, פּרווט ער ווי אַ שוואַרצן שאָטן פון זיך פאַרטרײַבן. די גאָט־פאַרדאַמטע צויג איז פאַר אים טויט. ער האָט זי דערטרונקען אין פלעשער פונעם ביטערן טראָפּן... פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת ער איז צוריקגעקומען מיט שטיקלעך שטאָל אין זײַן רעכטער האַנט, וואָס רוען נאָך דאָרטן עד־היום, האָט זיך זײַן שיקזאַל אין ציווילן לעבן נישט געקאָנט אײַנפּאַסן. אַ וועטעראַן, אַפילו אַ באַהאָנגענער מיט אַן שיעור מעדאַלן, דאַרף פאַרמאָגן צוויי שטאַרקע הענט... דזשעני האָט נישט געחלומט פון לעבן אין אָרעמקייט. וווינען אויף אַ בוידעם־שטיבל, ווו נאָך אַ רעגן וויינט די נידעריקע, אָפּגעשיילטע סטעליע, און ס׳קלאָגן די טוכלע, צעקרימטע ווענט. קעיסי האָט דעם אַמאָליקן דזשאַב נישט געקאָנט אָנהאַלטן. ער האָט געקלאַפּט אין טירן פון צענדליקער פאַבריקן און געשאָלטן אין טאַטנס־טאַטן אַרײַן. איז כאַטש גוט וואָס אַנקל סעמס טיר האָט זיך נישט פאַרהאַקט: דאַכט זיך, דאָ האָבן יאָ געהאָלפן זײַנע מעדאַלן, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרגעלט ווערן, זשאַווערן... גאָט איז אַן עדות, אַז ער האָט נישט געוואָלט צוריק אָנטאָן דעם כאַמוט, זיך פילן געפּענטעט אינעם אוניפאָרם. נאָר פּעטריק און סטיווי — די צוויי קינדער, האָבן באַשטימט זײַן גורל...

האָט קעיסי געשפּאַנט אינעם ברוינעם כאָמוט און געטרוימט, אַז פּעטריק און סטיוו, זײַנע צוויי זין, וועלן נישט וויסן אַט־אָ דעם טעם, דעם ביטערן. זײַן שוועסטער, די אלמנה, ווו זײַנע קינדער האָבן זיך געכאָוועט, האָט ער כמעט יעדן סענט איבערגעשיקט. אָפּט געפאָרן צו דער שוועסטער און געבראַכט פּרעזענטן פאַר די קינדער. אמת, נישט די

ערשטע יאָרן. דאַן האָט ער זײַן אײנזאַמקײט אין די גרויע באַראַקן געפּרוּװט לעשן מיטן ביליקסטן בראָנפן; פאַרטרינקען די בענקשאַפט נאָך דער שײנער דזשעני מיטן פאַרריסענעם געזל און פלאַקסענע האָר. נאָר יאָרן האָבן די װוּנדן פאַרהײלט. די צעװאַקסענע צװײ זין — די אײנציקע טרײסט.

איז װער זאָל זיך ריכטן, אַז די ערשטע װעלט־מלחמה איז נישט געװען די לעצטע? װער האָט פאַרגרײט דעם צװײטן חורבן? װער איז שולדיק? — האָט סאַרדזשענט קעיסי געװערעװעט, מיט דער געעפנטער טעלעגראַמע, װי אַן אויפגערײסענער האַנטגראַנאַט, בעת ס׳איז אים אָנגעקומען אײן פינצטערע בשורה נאָך דער צװײטער: סטיװי, דער יינגערער, דער פאַראַטרופּער, איז אומגעקומען אין נאָרמאַנדי, און פּעטריק — אין די טיפע דזשאַנגלס... װער איז שולדיק פאַר די לעבנס פון מײַנע קינדער? — האָט ער געריטשעט, רײַסנדיק פּאַסן פון זיך.

קוירנעל קאַרען, דער אַלטער בחור, האָט אים דאַן פאַרבעטן צו זיך און אים געפּרוּװט טרײסטן. נאָר אין די לײדיקע פלעשער זענען געבליבן פּוסטעװען די אַלע טרײסט־װערטער. אַז קוירנעל קאַרען קריגט עמעצן צו זיך, װאָס איז גרײט פאַרטרינקען זײַן צער, האַלט ער דאָס אויך פאַר אַ פּערזענלעך שטיקל טרײסט... האָט מען עטלעכע טעג זײ בײדע נישט געזען אין קעמפּ...

װאָכן זענען פאַרבײַ, ביז סאַרדזשענט קעיסי האָט אויפגעהערט זיך װאַקלען אויף די פיס. מעידזשאָר קידל האָט אים אײנמאָל אָפּגעשטעלט און קידלס אויגן האָבן װי הײסע שפּיזן געשטאָכן:

— סאַרדזשענט, אויב דו װילסט דאָ בלײַבן, מוזטו זײַן אַ זעלנער!

— יעס, סער! — האָט סאַרדזשענט קעיסי זיך געפּרוּװט אויסגלײַכן און צוריק דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען.

נאָר אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די װעטעראַנען האָבן גענומען אָנפילן דעם קעמפּ, האָט סאַרדזשענט קעיסי קײן אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען. אַפילו דאָס פלעשל האָט נישט געהאָלפן... פון פאַרטאָג ביז אין דער שפּעטער נאַכט פּאַדעט ער אַ פאַרחושכטער אַרום די באַראַקן און זוכט... זוכט...

מאַי, 1948

אין דער זאַמלונג:

אליעזר וויזעל — דער מחבר און זײַן טעמאַטיק . . . 7

אַ בליק אויף צוריק

מיין שטאַם און אָפּשטאַם, א׳—ה׳ 13
אין קעלער 17
דער פוילישער פּאַטריאָט 35
שטיוול 44
פּאַרטיזאַנער 66

אין דער היים דער נײַער

רעלסן 75
פּאַר אַ ביסן ברויט 82
זיי זענען שוין פּאַרזאָרגט 92
אָפּגעאַרבעט 105
שכירות 115
אין פּאַרצווייפלונג 125
בײַם פענצטער 130
ר׳האָט נישט ליב יידישע „הענט" 137
משהלע 144
אַ פלעק 149
אַ מתנה 158
זי און ער 166
אַ נאַקעט לעבן 170
אַש 174

אויף די פעלדער פון נאָרמאַנדיע

סאַרדזשענט דזשעראַלדס סוווענער 191
מאַרדזשי 205
מאַדמואַזעל פוצי 216
אַ גרוס פון דער היים 230
דזשאָזעפין 236
אין אַנקל סעמס באַראַקן 246
סאַרדזשענט קעיסי זוכט זײַנע זין 266

ביכער פון זעלבן מחבר

אויף מײַנע וועגן
לידער

פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — נעמי פּלאָטקין

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, תשל״ח — 1978

מיט אָפענע אויגן
לידער

פּאָרטרעט און צייכענונגען — נעמי פּלאָטקין. באַזונדערע צייכענונגען — יאַני פיין

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, תשמ״ד — 1984

פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע
דערציילונגען

אַרײַנפיר — אלעזר וויזעל
צייכענונגען — יאַני פיין

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, תשמ״ח — 1987

עס גרייטן זיך צום דרוק און וועלן אין גיכן דערשיינען ביים פאַרלאַג „ישראל־בוך״ תל־אביב 2 לידער־זאַמלונגען פונעם זעלבן מחבר.

אַדרעס פון מחבר:

Chaim Plotkin
684 E. 21st St.
Brooklyn, NY 11226, U.S.A.